STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07780

# IN DEMER-OYFGANG FUN MENTSH

M. Granitstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ ש ה   ג ר אַ נ י ט ש ט י י ן

ara uso particular,
in fines comerciales".

# אין דעמער-אויפגאַנג פון מענטש

(אַ זאַמלונג)

ectuosamente,
amigo,
schal Schpigel.

oises Granitsztein
de junio, año 1957

ב ו ע נ אָ ס   א י י ר ע ס
1 9 5 3

# ביכער פון משה גראַניטשטיין.

## פּאָעזיע:

שטאַפּלען, לידער און געזאַנגען.
שיר השירים, אשר לגראַפּאַמאַניע. (מרויראַד־באַלאַדן.)
די זינגענדיקע ביאַלאָגיע. (לידער.)

## עסייאיסטיק און פּובליציסטיק:

פון תחום צו תחום, זכרונות און באַטראַכטונגען איבערן שטעטל.
טעאַטער — אוניווערס. (פּסיכאָאַנאַליטישע רעוואָלאַציעס פון דער מענטש־אימפּעריע.)

## דערציילונגען און נאָוועלן:

וואָס האָט געוואָלט פרוי גאַסטער?
פון ביידע זייטן בריק.
די אַוואַנטורעס פון חבר האַמערל.
באָם וואַגזאַל.
באַשעלע. (אַ קינדער־נאָוועלע.)
מענטשן פון באַגינען.
צוריק צום געטאָ. (אַ פייער־פּראָבע.)
דער סאָלטערא. (אַ זאַמלונג.)
פאַרשאָלטענער זאַפּט.
האַרבסט־בלעטער. (אַ זאַמלונג.)
דער בעטלער, דער ליץ, דער סאָציאַלער מענטש. (אַ קלינישע געשיכטע.)
די גאַנגרענע. (אַ געשיכטע פון ליבע און האָס.)
נאַרא. (אַ געשיכטע פון ציניזם און גלויבן.)
איד — די קלאָאַקע פון אידעאַל. (אַ געשיכטע פון יונג און אַלט.)
דער בונט פון די אייזלען.
דער פאַטאַלער אַקצידענט מיטן קאָמעדיאַנט מאַמאַנט.
די גנראַטעוועטע.
אין דעמער־אויפגאַנג פון מענטש. (אַ זאַמלונג גראַניט־שטיין־האַקערייען.)

## בילדער פון אַפּגייענדן שטעטל:

ערשטער באַנד — דאָס שטעטל רעדט.

## סאָציאָלאָגיע:

די מאָסע און אירע דערלייזער. (ווערטן־איבערשאַצונג.)
קורצע וועלט־געשיכטע פון אידישן פאָלק.
פּראָפעסאָר גאָט און פּראָפעסאָר אידיאָט. (אַ פּאַנעגיריק צום אויבערשטן און זיינע אַרומזוכער.)
חתימת האדם והמענטשהייט. (אין אַפּגרונט פון פעלקער און ציטן.)

## טרילאָגיע: פּופּציק יאָר אידיש לעבן אין אַרגענטינע:

באַלוואַנעוועקע. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)
מסעות פּליגלמאַן. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)
על חטא שחטאתי בראַטנפּאַרבאַנד. (ראָמאַן, אין דריי טיילן.)

## מעמואַרן:

ליבאַוויטש, און די וועלט. (אַ שפּיגל־בוך פאַר דער מאָדערנער אידישער אינטעליגענץ.)
ליבאַוויטש רעדט צו דער וועלט. (ווידוי־מעמואַרן פון איינעם, שיצא ולא חזר.)
וואָלין, מיין היים, (ערשטער באַנד.)
וואָלין, מיין היים, (צווייטער באַנד.)
וואָלין, מיין היים, (דריטער באַנד.)
דער אַנאַנים פון קויט און גלויבן. (שריפטן פונעם הויז פון לעבן אין טויט.)

## איינזאַמלונגען:

אומעט. (אַנטיסאָציאַלע לוסט־געשיכטן.)
די מענטש־סימפאָניע. (פּאַראַדאָקסן, אַפאָריזמען, עסייאיזמען.)
מענטש — אוניווערס. (עסייאיזמען, אַפאָריזמען.)
דער אומדערהערטער הער אומזין. (עסייאיזמען, אַפאָריזמען.)
די אייביקע תפיסה. (עסייאיזמען, אַפאָריזמען.)

# טעאַטער־לעמפּלעך

(דערציילונג)

ווען דער באַרימטער אַקטיאָר רובי סאַפּיר איז, אין די ערשטע יאָרן באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אָנגעקומען קיין אַרגענטינע, — איז, נאָך איידער זיין שיף, וואָס האָט אים געבראַכט צופירן פון דער ברייטער וועלט, האָט צוגעשלאָגן צו די ברעגן פון דעם טייך לאַ־פּלאַטאַ, — איז שוין זיין גרויסער נאָמען געגאַנגען — פ אַ ר אים און, ווי אַ לויכטנדער פאַקל, אָנגעזאָגט: ו ע ר עס פאָרט; נאָר, דער עיקרשט —צוליב וואָס... דאָס הייסט: אַז עס קומט אַ מאַן פון ליכט; און עס איז, דאַרום, צו דערוואַרטן: אַז אומעטום, וואו ער וועט נאָר טון אָנשטעלן זיין אויסשטראַלנדן פּראָזשעקטאָר, — וועט עס הייסן, אַז ער האָט געזאָגט: „— יהי אור!...“; און עס וועט זיין, דאַרום, (אָ, ווי אַף אַ מאַגישן, געטלעכן, באַפעל,) ווירקלעך — ויהי אור... נו, און אָט דער דרייסטער אומאַנטשראָקענער צ ו ־גלייך פון מענטש צו געטער — דאַרף אויך קיינעם נישט־חידושן, ווען מע נעמט נאָר אין באַטראַכט: אַז ער, דער ליכטיקער רובי סאַפּיר, קומט אויס דעם לאַנד פון דער זיגרייכער גרעסטער אין דער געשיכטע רעוואָלוציע פון מענטש־טיטאַן — קעגן זיין פאַטום; פון מענטש־גיגאַנט, וואָס האָט מורד־געווען קעגן זיינע האַרן פון ערד און הימל, און, פון אַצינד און ווייטער, גענומען זיין גורל —אין די אייגענע הענט אַריין; יאָ, פון דעם נייעם מענטש־פּראָמעטעוס, וועלכער האָט צוגערויבט דאָס ליכט בײַ די געטער, און עס געבראַכט אַ מתנה דער גאַנצער מענטשהייט... נו, איז, נאָך דעם אַלעמען, פאַרשטייט זיך, האָט שוין קיינעם אויך נישט באַדאַרפט וואונדערן: הלמאי אזא קאַרדינאַלער פּערסאָנאַזש פון אוניווערסאַלן קאַליבר באַוויליקט גאָר בכלל צו קומען נידערן און ווערן פאַרוואָרפן — אין אַזעלכע ווייטע אָפּגעלעגענע מרחקים און מעבר־לימישע הרי־חושך... און ווירקלעך: וויבאַלד די הייליקע מיסיע איז — צו ברענגען די באַגליקנדע שטראַלונג צו דער גאַנצער אָרעמער און צו ליכט־דאָרשטנדער וועלט, אָן אויסנאַם, — איז דאָך נישט־שייך...

ביז וואַנען ער, רודי סאַפּיר, איז, ענדלעך, אין אַ גליקלעכער מזל־דיקער שעה, אָנגעקומען; און, גלייך, האָט זיך עס אָנגעהויבן. ער איז געווען יונג, שלאַנק, שיין, אַ אַזוי־געריפּענער ברענענדער ברונעט; און ער האָט אויפגעהויבן אַרום זיך אַ אומגעהויערן שטורעם, אַ אומגעוויינלעכן ענטוזיאַסטישן אויפברויז. אַ חוץ זיין וואונדערבאַרן זעלטענעם טאַלאַנט צום שפּילן טעאַטער, איז ער אויך געווען געבענטשט מיט אַ פלאַמיקן טעמפּעראַמענט צום רעדן און קענען מיטרייסן מיט זיך יונג און אַלט.

בעת די אַנטראַקטן פון זיינע ספּעקטאַקלען, איז ער אָפט אויפגעטראָטן פאַר דעם עקזאַלטירטן פּובליקום, וואָס האָט שטענדיק איבערגעפולט די טעאַטער־זאַלן; און, אין גלענצנדע מייסטערהאַפטע אָראַטאָריעס, וועלכע האָבן געבליצט מיט די כישופדיקסטע ניואַנסן פון רעגנבויגן־שימער, געזוכט, (און דאָס אויך דערגרייכט פולשטענדיק,) אָנצוצינדן און מיט זיינע פלאַמען אַדורכצונעמען ־ עלעקטריזירן די אַזוי־אויך־גענוג־באַגייסטערטע צוהערער, ביז צום העכסטן אַפּאָגיי!.. דערעיקרשט, האָט ער געשטורעמט, מיט זיין נאָבעלן רעוואָלוציאָנערן גרימצאָרן, די קלאַסישע ציטאַדעל פון דעם גוטן אַלטן טעאַטער־רעאַליזם אַ־לאַ־סטאַניסלאַווסקי; וועמען ער האָט אומדערבאַרעמדיק...

...— דעמאַסקירט, אַלציינס, אַלס אָפּשטאַמלינג, אָ, פון דער זעלבער רעאַקציאָנערער קראַמאָלע; דאָס מיינט, פון דער אַלטער גריכישער טראַגעדיע, וואו בלויז די אָלימפּישע געטער אַליין זענען געווען די האַרן־אַקטיאָרן — פאַר דעם שיקזאַליש־פאַטאַל־פאַרשקלאַפטן פּובליקום; פאַר די פינצטערע מאַסן...

... — ניין! — (האָט ער, ערשט, אויסגערופן, טריומפירנד; דערביי, דערלאַנגט אַ שטאַרקערן פלאַקער־בליץ מיט זיינע, אַזוי־אויך־ווי־קוילן־צעגליטע, שוואַרצע אויגן; און דערצו, אַ פעסטן טופע־געטון מיט ביידע קנאַפל, פאַרייניגמאָל; וואָס, אגב, כדי דאָס צו דערגרייכן, האָט ער אַזש געמוזט אונטערשפּרינגען אַף זיין אָרט; נאָר — וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס געקאָנט האָבן פאַר אַזאַ איינעם יונגן ספּריטנעם אינגאַטש, ווי ער? ס׳שפּילט אַ ראָלע?... אַלזאָ, נאָכאַמאָל:) — ניין! אונזער זיגרייכע רעוואָלוציע האָט אומגעוואָרפן, ווי אַ קינדער־שפּילעכל, איבערגעקערט, איינגעוואַלגערט, צעזערשט, און דאַן, גענומען און אויסגעריסן מיטן וואָרצל, צעשמעטערט אויסגעראָטן גענצלעך — יענע פאַראַכטלעכע אַלטע פאַרפוילטע דעקאַדענטישע יעראַרכיע־וואָר פון לויכטנדע האַרן און פינצטערע שקלאַפן; און, אַף איר אָרט, איבערגעשאַפן און אַרויסגעלאָזן אַף דער פריי — אַ שפּאָגל־נייע ווירקלעכקייט; די איינציק־עכטע, די איינציק־שטראַלנד־ליכטיקע; די רעוואָלוציאָנערע; א ווירקלעכקייט, וועלכע האָט פאַרטיליקט די האַרן פון אומעטום — הן פון די הימלען, ווי פון דער ערד; אָ, אַ ווירקלעכקייט אַ געבענטשטע, וואָס האָט צעעפנט די פענצטער פון די רוימען, וארובות השמים נפתחו, און אָפּגעלאָזן אַף דער וועלט, אָ, אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן אימפּאָזאַנטן מבול; אַז אַ פאַרפלייצונג פון אַלע אומעדלעכע, זינט אייביק דאָרט אָנגעזאַמלטע, קוואַלן פון ליכט זאָל, אַצינד, נידערן אַף דער ערד — מיט אַזאַ שטראַלן־שפע־ים־גליק, ווי קיינמאָל... אָ, אָ, אָ.... (מינדעסטנס, דריי מאָל אַזוי,) איז זי, די זעלבע נייע רעוואָלוציאָנערע ווירקלעכקייט, במילא, אויך געקומען און, דורך

אירע געניאַלע פאָלקס־קינדער מעערכאָלד, וואַכטאַנגאָוו, טאַיראָוו, גענר־מען און איינגעוואָלגערט אויפגעריסן אין דעם טעאַטער — די לעכערלע־כע פאַלשע סצענע־מחיצה־צוים־צעשיידונג, וואָס עס האָט געהאַט איינגע־שטעלט מדור־דורות די פינצטערע רעאַקציע — צווישן אַקטיאָרן, און פובליקום!.. — ניין; און טויזנט מאָל — ניין! אַף דער נייער באַלויכטע־נער אוניווערסאַלער וועלט־טעאַטער־סצענע פון היינט, און מאָרגן, און אַזוי ביז אַף אַלע אייביקייטן, שפּילן אַ ל ע — טעאַטער. אָ, נישטאָ מער — ווי ביז איצט — קיין אַקטיווע שפּילער־אָנפירער, און פּאַסיווע גע־האָרכזאַמע צושויער. אַלע זענען — אַקטיוו; אַלע שפּילן מיט. נישטאָ מער — קיין אויבנאָן, און קיין נידער. ניין, אַלע זענען — גלייך...

אַלע באַפרייטע באַלויכטענע מאַסן־גיגאַנטן,
זענען געוואָרן — או י ס איגנאָראַנטן;
און נישט זיי קלאָגן מער זייער אַלט לעצט ליד, ווי די שוואַנען, —
נייערט, זיי זינגען ניי און שטאָלץ רעבעליש־מוטיק, ווי די טיטאַנען;
ווייל, זיי טוען שוין, איצט, אַלע אַנען —
נאָכן האָבן צעשמעטערט די טראָנען פון אַלע טיראַנען:
אַז זיי אַליין זענען פול־אָנגעזאַפּט אָנגעקוואָלן מיט וועלטס
מילך־שפּע פולע לאָגלען, פולע קאַנען...
איז, דאַרום, ברידער: לאָמיר מער נישט־זיין קיין באָלוואַנען,
און נישט קיין בהמות, אָקסן, שעפּסן, באַראַנען;
און זיך נישט טון רירן פונדאַנען, —
ביז מיר וועלן נישט־האָבן גוט־פאַרגעדענקט, זיך־דערמאָנען:
אַז דאָס ליכט איז געגעבן — פאַר יעדן, אַף דער וועלט;
פון דעם רייכסטן פּאַלאַץ — ביז דעם אָרעמסטן געצעלט...

אַזוי, ווי מע זעט, האָט ער געטון פּראַלן שאַלקהאַפט, דער פריש־געבאַקענער ליכט־"בעל־דרשער; און אַלצמער געמאַכט פוראָר. גענוי — וו אָ ס ער האָט געוואָלט; דאָס הייסט — וואָס ע ר אַ ל יי ן האָט באַגערט, איז אויסן־געווען, מיט דעם אַלעמען; ריכטיקער — וואוהין ע ר אַ ל יי ן האָט געצילט, — דאַרויף, האָט קיינער, נאַטירלעך, גאָרנישט געקאָנט אָנווייזן —פשוט, דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געלאָזן; ער האָט נישט־געגעבן — אַדאַנק זיין אומויפהערלעכער זשומעריי, זשאָנגלירונג, קאָלירפולן איבעראַשנדן שימער־געפעכט, — קיינעם די מינדסטע געלעגנ־הייט פאַר דעם; נייערט, כסדר געטאַראַבאַכעט געהאַמערט, אָן־אויפהער, מיט אַלץ־פרישערע קלעפּ איבער איטלעכנס, שוין־אָן־דעם גענוג־אָנגע־דולטן קאָפּ — ער זאָל ווערן נאָך דולער; אויב דאָס האָט שוין, בכלל, גע־קאָנט מער געמאָלט זיין... און הגם דאָס אַליין איז דאָך געווען, אין פלוג — אַ פלאַמיקע פארלעצונג, דאָס הייסט, אין אָפענער פּרעכסטער סתירה —

צו אַלע זיינע בראַוואַדעס וועגן „אַלע גלייך...", — נו, הויבט זיך אָן אַ מעשה; איז: ווענטעט, אדרבה, האָט עס געקענט ליגן אינזינען — צו קומען און זיך־אָפּשטעלן דאַרויף? אַ דאגה דאַ"ט... אַבי ע ר, האָט געזשומעט־שימערירט; און דער עולם האָט פון ד ע ם אינפּאַנטילישן בלענד־גלאַנץ הנאה; און, (ווי מע מאָג זיך שוין, ענדלעך — ווייל עס איז שוין די העכסטע צייט דאַרויף — אָנשטויסן אַליין,) אים פיין באַלוינט, פאַר אַלעם; אַזוי, מיט דער פולער האַנט... טאַ,(ווי מיינט א י ר?) וואָס נאָך האָט ער, דער באַגליקטער ליכט־פּרינץ, זיך געקאָנט און באַדאַרפט ווינטשן מער?...

...וואַכטאַנגאָוו, מעערכאָלד; נייע רעוואָלוציאָנערע טעאַטער־סיסטע־מען, מסתמא, געווים, האָט געמוזט זיין צווישן זיי אַוועלכער אונטערשייד; טאַ: אין וואָס, אייגנטלעך, האָט ער געקאָנט באַשטיין?... איז — ווער ווייסט? נישט ער אַליין, דער העלד, דער הויפּט־מחותן, זאָל האָבן אַנגע־דייטעט דערוועגן עפּעס, מיט איין וואָרט אפילו; אַזוי, אַז מיר, די בלויזע שילדערער זיינע, (וועלכע זענען דאָך נישט מחויב צו זיין מער ווייסער פון אים אַליין,) וועלן עס, במילא, דעליקאַט אַרומגיין, און לאָזן אומבאַ־רירט...

אָבער, למען האמת, מוז מען פאָרט צוגעבן, (ווייל, נישט מע ק ע ן, מע מ ע ג ע ס נעגירן,): — אַז עפּעס דאָך לאַקנדס־מיטרייסנדס האָט אין אים פאָרט געשלאָגן־געצאַפּלט, אין יענעם אוניוועדסאַלן ליכט־למך; וועלכער איז דאָ געשטאַנען, פאַר אַלעמען אין די אויגן; און געדובעט איטלעכן אין קאָפּ אַריין; נישט־געלאָזן איינרוען; געמוליעט, אומדער־מידלעך, אין די אויערן — אַלץ, מכוח דעם:

... — ווי ער פּילט אין זיך דעם באַרוף, די הייליקע מיסיע: זיך אַליין אונטערצוצינדן; צו נעמען ברענען, אָן אויפהער, ווי אַ שטורקאַץ, אַ פאַקל; און, אין דונערן און פלאַמען, פאַרברענגען די נייע לערע פון ליכט און גליק, אַ, פאַר דער לעכצנדער מענטשהייט...

דערביי האָט ער פייערלעך געשילדערט, אויסגעזאָגט דעם סוד:

... — ווי אַזוי זיין טאַלאַנט נעמט אויפשלאָגן, אויפשפּילן, זיך צע־פלאַקערן אין אים, אים מאַכן ווילד־צערייצט שיכור: בלויז באַם דערבליקן די שיין — פון די צעצונדענע טעאַטער־לעמפּלעך... אַ, דאַן, דערשפּירט ער גלייך, אומווידערשטייללעך: ווי ער גייט ווערן באַנומען, באַרוישט, פאַרטראָגן; ווי עס טוט אים אונטערהויבן פאַרפּלייצן — יענע הייליקע רעוואָלוציאָנערע התלהבות, וועלכע מאַכט אים אומאָפּהאַלטלעך־גרייט אַף אַלץ; אויסגעשטעלט אַף דעם גרעסטן קרבן, זעלבסט־אויפאָפּפער — פאַר דעם גליק, געניעזונג, באַפרייונג און באַלויכטונג פון די מאַסן; וועלכע א. א. וו.

און דאָ, איז געקומען באַנייס, ווי אין אַ פּאַרכישופטן קרייז, די זעלבע, ווידערהאָלטע אָראַטאָריע פון פריער: וועגן מאַסן־טעאַטער, ליכט־פּראָמעטעוס, וועלט־שוישפּיל־אָרענע וכ"ו; אַלץ, ווי דערמאָנט; און קיין גייס דערצו איז שוין, דאַכט זיך, גאָרנישט געווען מער, וואָס צוצוגעבן; נישט קיין איין וואָרט אַפילו... דאָך, האָט עס, ווייטער: א י ם , אַלץ נישט־געמאַכט מיד — עס, ווידער־און־אָבעראַמאָל, אַרויסצוברענגען; און נישט ז יי , זייַנע צושויער און אויסהערער, עס אויפנעמען; ווידעראַמאָל־קומען, זיך־לאָזן אַרייַנציען, און אַלץ ווערן מיטגעריסן — מיט זיין שפּיל; אין וועלכער אַלע זענען, ד אָ ד, אַזוי צי אַנדערש, געוואָרן באַטייליקט; געוואָרן — גלייכע מיטשפּילער; גענומען שפּירן: שיר נישט — ווי מען איז, גלייך מיט די אָלימפּישע געטער אַליין... נו, איז א רבותא, איז דען דאָס אַלץ — ווייניק, נישט־גענוג, אַף צו קענען באַצויבערן מאַסן, ווירקלעכע המוני־עם? און אַז זיי זאָלן, דאַרום, נישט־קאַרגן; אַראָפּנעמען די האַנט פונעם האַרצן; און נישט־ווערן מיד — אים צו באַלויבען, פאַר דעם, אַלץ מערער און מערער?...

●

אָבער פאַר אים, דעם אוניווערסאַלן וועלט־אַקטיאָר רובי סאַפּיר, האָט דאָס אַלץ — פּ אָ ר ט , נישט־געקאָנט זיין גענוג. אמת טאַקע, ער האָט, מיט דער צייט, געקאָנט צוזעען, נישט אָן פרייד: „...וויאַזוי דאָס נעכטיקע העם ההולכים בחושך, איז, היינט, אַדאַנק זיין גוואַלדאָוונער פּראַצע, דאָך געשטיגן צו אַ געוויסער מדרגה, ווען מען קען שוין זאָגן וועגן דעם, מיט פולסטן כובד־ראש און אחריות, אַז —ראו אור גדול..." אָבער, צי האָט דען דאָס, ווירקלעך, אים געקאָנט צופרידנשטעלן? וואָרום, ווי באַוואוסט, שטייט געשריבן, אַז: יותר משהעגל רוצה לינוק הפרה רוצה להניק; ווייל, אויס אירע טיפסטע אינגעווייידן שלאָגט און עס שפּאַרט דער געבענטשטער קוואַל —סכנות; כאָטש — אומצוקומען; ווערן אויפגעריסן... היינט, על אחת כמה וכמה, ולהבדיל בין האדם והבהמה, בא אונזער אוניווערסאַלן סוביעקט, דעם ליכט פאַקל, שטראַלן־טורעם, און שיר־נישט איבערגעטלעכן סנה־בוער־באַש, — טאָ, ווי אַזוי האָט גאָר דאָ געקאָנט זיין אַ רייד — פון צופרידנשטעלונג?... ע ר , איז געוואָרן, וואָס אַ טאָג, אַלצמערער צערייצטער, אומרואיקער — מיט זיין צעשטורעמטן צעברויזטן צעזאָדענעם קונסט־דראַנג, באַווירצט אַ ל ץ פון דער, אין אים־פלאַטערנדער, הייליקער מיסיע: צו ברענגען ליכט —איבעראַל... אָ, ערשט, זענען שוין ע נ ג געוואָרן פאַר זיין געמיט — די גרעסטע טעאַטער־זאַלן אַפילו; וועלכע האָבן שוין נישט געקאָנט נאָכקומען, זאָגאַר מינימאַל סט, זיין אויפגערודערטן אויפגעקאָכטן באַגער, וואָס האָט געשלאָגן פון אים, ווי אויס אַ עלעמענטן־צעשפילטן ים:

„....זיך־אויסצוגיסן, אין צאַפּלדיקסטן אויסברום, אין פירכטערלעכסטן שטורעם; און שוין נישט־איינרוען, בלייבן איינגעשטילט מער, אָ, ביז ער וועט עס נישט האָבן דערלעבט צו זעען, מיט די אייגענע אויגן: וויאַזוי יעדעס הויז און הייזקע, אָ, איטלעכס ווייטסטע ווינקעלע פון דער אוניווערסאַלער טעאַטער־וועלט־אַרענע איז פריידיק־גליקלעך פאַרפלייצט, און אַף אייביק שוין — מיט דעם נייעם רעוואָלוציאָנערן ליכט פון דער פרייהייט...“ און אַזוי איז ער געגאַנגען און ער האָט געטון, דער טעאַטער־וועלט־אַקטיאָר רובי סאַפּיר; און מיט די אָנגעזאַמלטע גרויסע קאַפּיטאַלן, פון זיין ערשטן פּרימיטיוון באַגרעניצטן טעאַטער־פּעריאָד, האָט ער גענומען און פאַרלייגט — אַ פ אַ ב ר י ק פ ו ן ע ל ע ק ט ר י ־ ש ע ל ע מ פּ ל ע ך . . . אָנגעהויבן פון קליין, — איז ער, מיט דער צייט — אַדאַנק אומדערמידלעכקייט, פלייס, און אומדערשיטערלעכן אומפאַרענדערלעכן פעלזן־פעסטן טריי־געבליבענעם גלויבן אין זיין ערשטן און פאַר אים־אייביקן ליכט־אידעאַל — ריזיק געוואָקסן; און נישט־איינגערוט, ביז ער האָט, ווירקלעך, דערלעבט צו זעען, (וויזיאָנעריש), אָ, די פולשטענדיקע וואונדערלעכע פאַרווירקלעכונג פון זיין טייערסטן האַרציקסטן אויסגעצערטלסטן לעבנס־באַרוף־טרוים: „...וויאַזוי, אומעטום, אין יעדעס הויז כמעט, פון דעם לאַנד, וואו ער האָט געלעבט און געאַרבעט, און אויך אין אַ גאַנצער רייע לענדער אַרום, דאָס הייסט, אַף אַ היבשריזיקן שטח פון דער וועלט־סצענע, האָט געברענט לוסטיק, געבראַכט ליכט און גליק, און געצונדן אין מענטשלעכע הערצער אילוזיע, מוט, גלויבן — ז יי ן טעאַטער־לעמפּל; דורך אים אַליין, פּראָדוצירט און פאַרשפּרייט...; (נאַטירלעך, באַ דער מיטהילף פון די הענט און מוחות — פון אַנדערע, פון די אַרבעטער; נו, אם כן, איז — וואָס? איז דען דאָס נישט — ז יי ע ר אידעאַל, אַזוי גוט ווי זיינער? אייגנטלעך, אָט דער שטאַמיקער — אויס דעם לאַנד פון דער סאָציאַלער ליכט־רעוואָלוציע; היינט, טאָ, פאַרוואָס זאָלן זיי נישט־דאַרפן א י ם מיטהעלפן, אַלציינס ווי צו־זיך־אַליין?..“)

...—אָ, ברידער זענען מיר אַלע — צו איין אַלגעמיינער זאַך, פאַר דעם וואוילזיין פון דער עלנטער מענטשהייט... איז — מאַנאָס אַ לאַ אָבראַ, מוטשאַטשאָס! (די הענט צום טון, יאַטן;) געאַרבעט זאָל ווערן!...

און אַזוי, ווי מען זעט צו, איז, (אַלס זעלטענער אויסנאַם, אין דער דאָזיקער אומגערעכטער וועלט,) דאָך, געשען, איין מאָל, גערעכטיקייט און באַלוינונג — אָ, פאַר ערלעכער, אידעאַלער און פולשטענדיק־זעלבסטאַבנעגירטער מי; און אַפן גרויסן רובי סאַפּיר האָט, ענדלעך, געניִדערט — אָ, די פון־אים־אַזוי־לאַנג־געגאַרטע, דורך די אַלע יאַרן זיינע אויסגעלעכצטע, און דאַרום, ערשט, אַזוי־טיף־פאַר זיין־זעל באַגליקנדע, די געבענטשטע, די לייטזעליקע, די אייביקע — רו.

# ראַסיטאַ, די „טעמפּע"

(דערציילונג)

ווען דאָס קינד איז נאָך געווען גאָר קליין; אַלט, בסך־הכול, זיבן־אַכט יאָר; האָט, איינמאָל, באַטאָג, אין שול, בשעת אַ הפסקה; ווען זי מיט אַנדערע חברטאָרנס האָבן זיך־געדרייט אין אַ ראָד איבערן הויף, אונטן, באַם סאַמע־לעצטן שטאָק פון דער הויכער פיל־גאָרנדיקער מויער, — פּאַסירט, אומגעריכט, אַן אויסטערלישער שרעקלעכער פאַל. העט אויבן, גאָר אין ז'ער הייך, האָט זיך צעעפנט ראַפּטעם אַ פענצטער; אַ ווילדער קוויטש האָט אויפגעגרוילט דעם גאַנצן חלל אַרום; און, איידער מע האָט געקענט רעכט באַנעמען, וואָס דאָ גייט פאָר, — האָט אַ קערפּער פון אַ יונגער פרוי, בלענדנד־שנעל־האַסטיק אַ פלאַטער־געטון איבער אַלעמענס קעפּ; ראַש אַראָפּגעפאַלן אַפן הויף; און געבליבן ליגן, האַרט לעבן די געליימט־געוואָרענע קינדער, פאַר שוידער־שטוין, אַ גענצלעך־צעשמעטערטער, אין אַ אַנקוועלנדער לוזשע בלוט...

קינדער־ספּאַזמען; צאַפּל־אויסברוכן... באַלד, ווידער, איז געוואָרן — אַ אַנגעלאָף, אַ געפּערלעכער געדרענג פון זייטיקע, שכנים, גאָר־פרעמדע פאַרבייגייער. עס איז אַראָפּגעקומען פּאָליציי... און די שול־דירעקטאָרן מיט די לערערקעס, (אגב, און ווי זעלטן דאָס זאָל נישט פאַרקומען בא נשים — די איינציקע, וואָס האָבן, אין דער אַ בהלה ומהומה, נישט־פאַרלאָרן די לויטערקייט, דעם קאָפּ, נישט אַריינגעפאַלן אַליין אין קיין היסטעריע,) האָבן, פאַר אַלעם־ערשטן, אַרויסגעכאַפּט פון דער סומאַטאָכע די אַף־טויט־איבערגעשראָקענע צעדולטע קינדער און, אַף שנעל, זיי צעשיקט אַהיים.

אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז בא דעם אַליין האָט עס נישט געקענט פאַרבלייבן, באין אופן. גלייך אַפּצומאַרגנס, און דערנאָך; די קינדער האָבן דעם פאַל, (וועלכער האָט זיי, אין פלוג, אַפן בליק, געהאַט אַזוי־טיף דערשיטערט,) געטאָלקעוועט, מיט איינגעשפּאַרטקייט, פאַרשיידן; גאָרנישט געוואָלט, (אוודאי, ווייל נישט־געקענט,) אויפהערן; ווי געפאָדערט אַן אויפקלערונג... און מע האָט עס זיי געמוזט צוליב־טון; און דאָס — אומפאַרזאַמט; אום, כאָטש אַף אַזויפיל, זייער איבערגעלאָדן צעטרייסלט געמיט — פון אַט דעם, זיי־דראָענדן, (ווער ווייסט, מיט וואָס,) מסוכנעם קאָשמאַר — לייכטער־מאַכן, צעשטרייען, אום יעדן פּרייז!

איז, צום גליק פאַר יענעם קינדער־קאָלעקטיוו, איז זיי אויסגעפאַלן צו האָבן אַ דירעקטאָרן מיט לערערינס, (און זאָל עס טאָקע דאָ פאַר־

צייכנט בלייבן — פֿאַר זייער ערלעכגערעכט־פֿאָרדינטן רום, לויב און אָנדענק,) סאַמע, איינס־אין־איינס, אינטעליגענץ. נו, האָבן זיי זיך, ערשט, אין אָט אָ דער דעליקאַטער עמערגענץ, באַנייס נישט־פֿאַרלאָרן; גייערט, אויס זייער ליטערער פּעדאַגאָגישער וואַך־טורעם־הייך, געוואָרפֿן אַף דעם צעשטורעמטן פֿעלד פֿון דעם פּראָבלעם, דאָס הייסט, אַף דער צערודערטער קינדער־סטאַדע אין טאָל, איין אָדלער־בליק, און אָ צווייטן; באַלד געכאַפּט די סמיקאַלקע, די משקולת: וואָס מע האָט דאָ צו־טון, זאָפאָרט, אום צו פֿאַרלויפֿן דער געפֿאַר דעם וועג; איר גאָרנישט דער־לאָזן קומען צו זיך; איר שנעל אונטערהאַקן די פֿליגל, איידער זי דער־לעבט גאָר אויפֿהויבן דעם קאָפּ, זיך־נעמען צעלייגן, וואָרצלען פֿאַר־וואַרפֿן אין דער לענג און אין דער ברייט...; נו, און טאַקע גלייך דריב־געבנד, (ווי דערמאָנט, איידער עס ווערט נאָך, חלילה, צו־שפּעט, און פֿייער דער גנב טוט זיך אַריינכאַפּן ,צעשפּרייטן, די בראַנד, אַזוי, אַז עס זאָל שוין, נאַכהער, נישט־קענען העלפֿן קיין שום תרופֿה, באין אופֿן ואופֿן אין דער וועלט,) צוגעטראָטן: יענעם גלענצנד־פֿאַרטראַכטן פּלאַן, מיט פֿלייס, ענערגיע, אים אַדורכצופֿירן מן הכוח אל הפּועל — אין דעם לעבן.

אין וואָס־זשע, (אדרבה, לאָמיר הערן,) איז יענער טשודאָוונער פּלאַן זייערער באַשטאַנען?

איז, זיך־ריכטנדיק לויט דעם אויסגעשריגענעם אַלט־באַקאַנטן כּלל גדול בחיים: אַז דער בעסטער שווינדל, דאָס איז — דער סאַמע ריינער אמת אַליין, — האָבן זיי גענומען, יענע גוטע וואוילע דערציערינס, דאָרט, אין יענער געבענטשטער שול; לויט דער אינפֿאָרמאַציע פֿון דער טאָג־פּרעסע, ווי אויך זיך־אַליין נישט געפֿוילט, נישט געקאַרגט קיין מי, זיך נישט געשטעלט אַף קיין אָנגעלייגטן וועג, גייערט אַריבערגעקומען אַף דעם פּלאַץ פּונעם פֿאָרפֿאַל גופֿא, אום דאָרט, אַפֿן אָרט זעלבסט, דאָס הייסט, דירעקט, אויס דער ערשטער קוועלע, אויספֿאָרשן, וואָס דאָ האָט פֿאַרלאָפֿן, — ווירקלעך, גרינטלעך, אַלעס אויפֿגעזו׳עקט, דערגאַנגען: עפּעס אַ שווערע פֿינצטערע טראַגעדיע פֿון מענטשלעכער מיזעריע, שאַנד און פֿאַראַט; עס אַפּערגעבראַכט צו דער ליכטיקער שיין; מע זאָל זאָגן — אַ האָר זאָל עס פֿעלן...; און דאַן, נאַכהער, האָבן זיי אַלץ גענומען, אָט דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן אוצר און — אַזוי שוידערהאַפֿט־נאַקעט־ברוטאַל, טאַקע ווי נאָר דער אמת אַליין קאָן געמאָלט זיין — מיט אים זיך געטיילט, אַזוי וותרנותדיק פֿרום גוטהערציק, מיט יענע אויפֿגערו־דערטע וויסטרעוואָזשעטע קינדער... דאָס אָפּגעטון, האָבן זיי, ערשט, יענע דורכדרינגלעכע פּסיכאָלאָגישע נשים, אַליין, מיט אומרואיקן האַרץ־

קלאַפּ און איבערגעהאַקטן אָטעם, גענומען באַאָבאַכטן די שילעריִנס, דאָס הייסט, די אָביעקטן פון זייער דרייסטן אָקאָרשטיקן עקספּערימענט; אום צו קענען דערזעען, אָ, דעם אויסגאַנג, די פּעולה דערפון... איז, צו זייער אומבאַשרייבלעכער פרייד, זיי, ווירקלעך, לאַנג נישט־אויסגעקומען צו־וואַרטן, אום איינצוזעען: אַז עס האָט זיי נישט־געדאַרפט באַנג־טון; אַז זיי האָבן נישט־געבלאָנדזשעט; אָ, נישט־אומזיסט, נישט־אַרויסגעוואָרפן איז געווען זייער איידעלע מי; וואָרום, גלייך טאַקע, באַלד, אומפאַר־זאַמט, האָבן זיי דערלעבט צו זעען אין אַרום אויפשלאָגן — די פרוכט פון זייער גלענצנדן איינפאַל, פון זייער טריומף... אָבער, אַ חוץ אַלעמען, (און אויך דאָס, אגב, טאָר נישט בלייבן דאָ אָפּגעשוויגן,) האָט מען, דאָ, באַ דעם געגעבענעם פאַל, אויך געדאַרפט נעמען אין באַטראַכט אָט דעם, גליקלעכערווייזע, צו־דער־האַנט־צוגעשפּילטן אומשטאַנד, נעמלעך: וואָס, אויך יענער דער גאַנצער־כמעט קינדער־קאָלעקטיוו, איז, ווי אָפּ־געקליבן, שיר־נישט אָן אויסנאַם, נייערט באַלד איינס־איך־איינס, געווען, (ווער — מערער, ווער — ווינציקער, נו און די שוואַכערע, אַף די ערשטע קוקנדיק, האָבן זיך געפּלייסט, אַליין אונטערגעכלעשטשעט, כּדי נישט צו פאַרבלייבן, חלילה, הינטערשטעליק; אַזוי, אַז דער פּועל־יוצא איז געווען כמעט — איינער און דער זעלבער, לגבי אַלע באַגלייך, וועלכע זענען אָפּערגעקומען) גריילעך־זגראַבנע אינטעליגענט ביז גאָר; (וואָס אַפילו, אגב, זייער דעשיטערונג איז געווען — אַ יאַרער עדות דערפון.) דאַרום, אַצינד, ווען יענע, פון דער נאַטור באַגאַבטע, קינדער האָבן, (אָ, מע האָט עס דאָך אָנגעזען אַף זיי, אַזוי העל־שאַרף־קלאָר: וויאַזוי, פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיי געגאַרט געלעכצט — צו דערהאָלונג, גע־געזונג, צוריקשטעלונג פון זייער נאָרמאַלן גלייכגעוויכט פון תמיד,) ענדלעך, באַקומען און אין זייער פאַרטונקלט געמיט אויפגענומען די געהעריקע דאָזע באַלויכטונג, די פּראָזשעקציע, דאָס הייסט, די באַשטראַ־לונג איבער די פינצטערע פלאָנטער־פליאַמעס פון דעם מיסטעריע־קאָש־מאַר, — אַזוי האָט, גלייך, באַשיינפּערלעך, אַלעמען אפן אויג, גענומען מיט זיי געשעען דאָס וואונדער: ווי זיי האָבן, (אין זייער קרעפטיק־שטויסנדער גראַוויטירנדער טענדענץ געזונט־צו־ווערן,) אָנגעהויבן ראַש־שנעל זיך־אויסלייטערן; ווי ווערן פריי פון יענער פרעמדער שווער־דריקנ־דער לאַסט; ווי זיך־אָטשוכען, דערוואַכן פון דער בייזער צעדולעניש; ווי זיך־אויסגלעטן פון זיי די שרעק, די זאָרג, אַלץ מיט אַנאַנדער; און זיי האָבן גענומען זיך־צעשטרייען, באַרואיקן; ווידער, צוריקקערן צו זיך; באַנייס ווערן לייכט־באַוועגלעך, שפּילעוודיק, גראַציעז — קינדער...

נאָר, מיר האָבן געזאָגט אויבן: „שיר נישט — אָן אויסנאַם." איז דאָס געקומען, פון אונזער זייט, מיט אַ געוויסן מיין? יאָ. ליידער, צום

באַדויערן, האָט זיך ד אָ ך אָפּגעזוכט, פון צווישן אַלע, איין קינד, וועמען מאַמע־נאַטור, אוודאַי, האָט נישט געמוזט באַשענקען, ווי אַלע אַנדערע, אירע חברטאָרנס, אָ, מיט דער גויטיק־געהעריקער מאָס אינ־טעליגענץ, ספּריטנעסט, רירעוודיקייט; און זי, די געשטראָפטע, די אומ־שולדיק באַוואלטע, האָט, דאַרום, (נישט־געקוקט אַף אַלע אויפקלערונגען און פראָזשעקציעס; יאָ, נישט־געקוקט אַף אַלע גריילעכע גוואַלדאָוונגע באַמיאונגען, אירע אייגענע, און די באַרמהאַרציקע אָנשטרענגונגען פון אַלע, ממש אַלע אָן אויסנאַם, לערערינס און חברטאָרנס פונעם גאַנצן אַרום, וואָס האָבן אַף איר — ד י ל ע צ ט ע , ד ע ר ע י ק ר ש ט , א י ן ת ח י ל ת — אזויפיל מיטלייד געקראָגן, ורחמנות, עס האָט זיי אָנגענומען באַם האַרצן אַף איר; יאָ, איז, נישט־געקוקט אַף דעם אַלעמען, אַף אַזויפיל אייפער, פלייס, ליבשאַפט, צערטלעכקיי״ט און מענטשן־הילף אַרום איר, איז געווען אַ צער אַף איר צו זען: ווי אַזוי זי, די אָרעמע, האָט) נישט־באַנומען עפּעס די גאַנצע זאַך, נישט־פאַרשטאַנען; מיט איין וואָרט: ד אָ ך, נישט־געקאָנט, נאָך יענעם פאַל, צוריקגעווינען איר רו מער. ניין. זי, איז פאַרבליבן — פאַרזאָרגט עפּעס, ווי באַלעסטיקט, גע־שטערט; נאָכטראַכטנד כסדר — וואָס; ווי צוגעפּלעטשט, געדריקט, צי געשטיקט, געוואָרגן; אַף אַזוי ווייט, דאָס עס האָט איר געבראַכט דערצו, וואָס זי האָט גענומען אומגיין — אַליין ,זיך אָפּזונדערן... נו, האָט זי מער נישט ־ באַדאַרפט; האָט טאַקע נאָר דאָס אַליין איר אויסגעפּעלט, צו פאַרפולן די מאָס; האָט דאָס, ערשט, אין אַלע אַנדערע קינדער, אַף דעם קוקנדיק, מיטאיינמאָל, ראַפּטעם־שאַרף פאַרענדערט זייער געפיל צו איר; און, אומגעריכט, און אומווידערשטיילעך, אָנגעהויבן אין זיי רעגן די לוסט: אויס איר צו נעמען שפּעטן, מיט שאָדנפרייד, מיט פאַר־אַכטונג; איר צו טון רייצן, דער אָרעמער:

... — ראָסיטאַ, די טעמפּע; פאַרשטאָפּטער קאָפּ...

הגם, וואָס איז געווען נוגע שטודירן, (דאַרף מען וויסן און דאָס גוט איבזינען האָבן,) איז זי געגאַן — נישט־ערגער פון קיינס; צי גאָר, שיר נישט — די בעסטע...

... היינט, טאָ, מיט וואָס־זשע, אדרבה, דערקלערט זיך עס — אָט דער אויסטערלישער פענאָמען, האַ? וואָס־זשע פאָרט קומט דאָ פאָר?!

איז, וויפל זיי, די גוטע איידעלע דערציערינס, האָבן, איצט, וועגן דעם, אַזוי פיבערהאַפּט־ענערגיש, געטראַכט־נאָכגעדענקט; און בעת, פון איין זייט, האָבן זיי זיך געמיט דעם אכזריותדיק־קינדערשן אומאָפּהאַלט־לעכן שפּאָט, (ווי באַוואוסט, אז קינדער־עקסטרעמיסטן, אי אין ד ע ר זייט, אי אין דער אַנדערער, כאַפּן זיך־צו,) צו פאַרמיידן; האָבן זיי, צו גלייכער צייט, פון דער אַנדערער, געזוכט: אפשר דאָך, איר, ראָסיטאַן,

אויפצוקלערן: ברענגען דאָס קינד צו אַ טאַלק: צום זעלבן נאָרמאַלן גע־זונטן גלייכגעוויכט פון אַלע: יאָ, וויפיל זיי האָבן נישט, (אַליין, גערירטע ביז צום ביין, ווייל עס איז זיי געגאַנגען ממש, אַצינד — ווי מען האָט געזען — די אָרעמע, אין זייער גאַנץ לעבן, דאָס אויסצופירן,) דערין זיך ־ געמיט, — ביין, האָט עס נישט געהאָלפן: איז אַלץ געווען אַרויס־געוואָרפן: און קיין וואונדער מער איז, יענץ מאָל, נישט געשען: ביירט, אַלעס איז געבליבן אומפאַרענדערט: דער אַלגעמיינער שווערער חוזק פון די קינדער: ווי די אומפאַרשטענדלעכקייט, די טעמפע צוגעפּלעטשט־קייט נעבעך פון דער אָרעמער ראָסיטאַן: עליי, ווי מע וואָלט איר עמי־צער אַ בייזן כישוף אָפּגעטון: און זי איז שוין אַזוי, באַ ד ע ם צונאָ־מען אירן, פאַרבליבן...

●

וואָס־זשע איז פּאָרט געווען דער מער, עס הייסט, עס זאָל האָבן געווירקט, דער גורם, הלמאי אין איר קינדעריש געמיט, ראָסיטאַס, איז געבליבן, ווי מע זעט, אַזוי טיף אָפּגעדרוקט די שרעק, איינגעקאַרבט מיט איר באַהעפט דער טרויער, און זיך נישט געלאָזן פון איר אויסגלעטן, פון איר זיך־אָפּטון, באַין אופן?

זי, האָט גענומען וואַקסן — אַ צוגעשטילטע, אַ שווייגזאַמע, אַן אַלצמער־איניזיכיקע, אַן איינזאַמע: אָ, אַ אינגאַנצן־אין־זיך־אַריינגעטוענע, אַ ווי פון דער גאַנצער וועלט אַרום אויסגעטוענע: הגם, ווי דערמאָנט אויבן, זי האָט פּאָרט, נישט געקוקט אַף אַלץ, זייער־גוט געלערנט: אָבער, אַ חוץ דעם, האָט זי, ווי צו זיך נישט־צוגעלאָזן קיינעם: נישט, אירע לע־רערינס: קיינע חברטאָרנס: אויך נישט, קיין חברים: אינגלעך, שכנים, פון דער געגנט, וואו זי האָט געוואוינט מיט אירע טאַטע־מאַמע, און מע האָט זיך געקענט — פון פאַרבייגיין, זיך באַגעגענען, זיך זעען, אָנקוקן, אַזויווי געוואָקסן צוזאַמען — יאָרן... נו, און אין אירע פרייע שעות פון לערנען, נאָכן האָבן צוגעגרייט אינדערהיים די לעקציעס, — איז זי נישט־געגאַן אינערגעץ: פאַרבליבן, כמעט־שטענדיק, אין איר צימער, געלייענט. דערעיקרשט, אין יענע שעות, באַטאָג, ווען אין איר היים איז געווען שטיל: דער טאַטע האָט זיך געפונען אינערגעץ, אינדרויסן, באַ זיינע געשעפטן: די מוטער איז אויך געהאַט אַוועקגעגאַנגען וואוהין: און איר האָט מען געלאָזן — אינגאַנצן אַליין: איר נישט געשטערט לחלוטין... יאָ, האָט זי דאַן געמאַגט פאַרבלייבן רואיק לגמרי:

„... אַז, לפּחות, איצטער, ווען זיי, די טאַטע־מאַמע, זענען נישט — צוזאַמען, אָט די געציילטע עטלעכע שעה, — אָ, וועלן זיי זיך נישט־קריגן, נישט שרייען איינס אַף דאָס אַנדערע, זיך נישט זידלען, נישט

באַליידיקן; וועט איר אָרעם עלנט קינדערש האַרץ — כאַטש ערשט, זיך־קענען אָפּרוען; זיך פאַרשפּאָרן דאַן צו שרעקן, צאַפּלען, פאַר אַנגסט — אָ, כ׳ווייס וואָס: אַז זי, די מאַמע, אַן אומגליקלעכע, אין איר געוויין, אַ געטריבענע פון פאַרצווייפלונג, זאָל נאָך, חלילה, איילן און אָפּטון — דאָס, אָ, וואָס יענע דאָרט, די עלנטע מוטער, דאַן, אין דעם הויף פון דער שול...״

אַזוי, האָט עס איר טיף־געקרענקט, נאָר, דער עיקר, געמאַכט אויפ־טרייסלען אינגאַנצן, פאַר שוידער, אַט דאָס אָפּטע אַרומרייסן זיך פון טאַטע־מאַמע; הגם זי, דאָס אומגליקלעכע קינד, (און וויפל זי האָט זיך נישט געמיט דערפאַר,) האָט זי קיינמאָל רעכט נישט־געקענט דערגיין:

„... הלמאַי, דאָס אַלץ האַלט אָן; נישט, ווער עס טראָגט, פאַר דעם אַלעם, די שולד... אָבער, צי איז דאָס דען נישט פאַר איר געווען אַל־ציינס; וויבאַלד אַז אַף איר האָבן די פאַרביטערטע פאַרזאָדענע טאַטע־מאַמע, (ער, — דער תמיד־פאַרצאַרנטער, דער פינצטערער אינעם גע־שטאַלט; זי — אימער פאַרוויינט־פאַרצוואָגן, פון פיין) אַזוי, צי אַנ־דערש — סיי־ווי, זיך נישט־אַרומגעקוקט אינגאַנצן; (אַזש זי האָט זיך גאָרנישט דערוועגט צו ווענדן אַמאָל צו זיי, זיך־דערנענטערן, צורוקן, זוכן צו באַקומען, אָ, זייער גלעט, אַ לאַסקע, נאָך וועלכן איר קינדיש האַרץ האָט אַזוי געלעכצט, אויסגעגאַן;) אָ, איר גענצלעך־איבערגעלאָזן, ווי פאַרשטויסן; אַזיווי איר אויפגעהערט גאָר צו באַמערקן אַפילו, אַז זי, זייער קינד, לעבט, זי ליידט, מיט אַ פאַרשוואָלן האַרץ; זי בלאָנקעט אַרומעט, אייגינקע אַליין, אַף דער גאַנציניקער וועלט; עליי, ווי לגמרי חלילה, אַן טאַטע־מאַמע; אָ, אַ קיילעכדיקע יתומה..״

אין איר לייענען, איר דומעניש, איר שטענדיק נאָכטראַכטן, איז זי, מיט דער צייט, אַריין אַזוי טיף, — אַז אָפּט, מאָדנע, האָט זי, ווי אויפגעהערט באַמערקן אינגאַנצן — וואו זי איז אינדערוועלט. עס הייסט, אַז עס האָבן אַזיווי גענומען ווערן אָפּגעווישט אין איר געמיט, פאַר־טושט די גרעניצן: צווישן דעם, וואָס זי האָט געזען, בשעתן לייענען, און דעם, וואָס זי האָט איבערגעלעבט — אין איר אייגן לעבן, אין איר אָרעם קינדיש וועלטל גופא. און מיט רעכט: וויבאַלד אַז אַלץ כמעט, אָן אויסנאַם, אין און אַרום איר, איז, אין פלוג, געבליבן רעדוצירט און גע־קומען באַ איר צום אויסדרוק — אויסשליסלעך נאָר דורכן טראַכטן, איר טיפן נאָכדענקען, זיך פאַרשטעלן, דורך דער וויזיע; הייגט, טאָ, וואו, אַדרבה, האָט זי, דאָס אומבאַהאָלפענע קינד, (אַף וועמעס שוואַכע פּליי־צעס נעבעך עס איז געוואָרן דורכן גרויזאַמען לעבן אַרויפגעלאָדן אַזאַ שווערע מסוכנע לאַסט,) געקאָנט נעמען כוחות, אַף צו קומען און אַנט־שיידן; וואו עס ענדיקט זיך דאָ — די גראָע ביטערע וואָר, און עס

פאַנגט זיך אָן — איר אייגנטלעכע אויסדאַכטעניש, איר טרוים?

אַזוי, פלעגט זי אָפט בלייבן אַזוי־געגנצלעך־פולשטענדיק אידענטי־פיצירט צוזאַמענבאַהעפט — מיט דעם, וואָס זי האָט זיך געהאַט אָנגע־לייענט, אין איר שווערער נאָכטרוימונג, — אַז עס איז געוואָרן כמעט־בוכשטעבלעך־אוממעגלעך — איר צו צעוועקן, איר אָפּצערייסן, אָפּצע־שיידן דערפון... יאָ, זי האָט איר אויסגעדאַכטן טרוים, אָ, איר איינציקן טרייען לייבלעכן באַגלייטער, אַלצמערער גענומען מיטנעמען מיט זיך — אין איר עלנט לעבן אַריין; כדי, אָ, זי זאָל זיך, כאָטש אַף אַזויפיל, דאָך, ווען, קענען דערשפירן לייכטער, אין איר פיין...

נאָר: צי האָט זי זיך — איר אומגליק, איר לעבנס־טראַגעדיע אונ־טערגעגעבן אײַנגאַנצן? ווער קאָן דאָס קאָווירן? און ס׳אַנדערע: וואָס האָט זי, אַלס קינד, בכלל, געקאָנט וויסן דערפון; אין אַלגעמיין — וואָס מיט איר גייט אָן?.. דאָך, האָט זי זיך, אַף איר שטייגער, שווער און ביטער געראַנגלט, זיך אַנטקעגנגעשטעלט; און, ווען זי פלעגט, אַמאָל, אין איר לייענען, אינערגעץ אָנגיין אַף אַ פאַל, וואָס איז געווען באַ איר אין די אויגן ענלעך, אַזוי איז עס איר פאָרגעקומען, געכאַפּט דעם אָנ־בליק און איר דערמאָנט אין איר לעבן, — האָט זי דאַן אַזש געפלעגט אויפצאַפּלען אינגאַנצן מיט שרעק־האָפענונג; גענומען שלינגען די פּאַ־סירונג; אָ, געוואָלט דערלאַנגען, צ ו ־ קומען, דערזעען, וואָס שנעלער — דעם סוף... ווארום, דאָס איינע איז דאָך געווען פאַר איר קלאָר:

„... אַז וויבאַלד עמיצער שרייבט דערפון, איז דאָס דער בעסטער באַווייז — אַז ערגעץ־וואו האָט זיך עס פּאַרלאָפן... אַזוי גוט, אַ שטייגער, ווי עמיצער וואָלט געקאָנט קומען צוגיין, נעמען און פאַרשרייבן — איר אייגן לעבן... נו, איז, וואָלט דען ווער, נאָכהער, זיך געווען געקאָנט דער־וועגן אפשר צו זאָגן — אַז עס איז נישט אַזוי? דאָס הייסט, נעגירן — אַז זי ראַסיטאַ די עלנטע, לײַדט, אַזוי ביטער?...

„... יאָ; אָבער — איז וואָס?...“

דאָך, האָט זי ווייטער געלייענט, געזוכט, געגנישטערט, אָן אויפ־הער. ביז, זי האָט, איינמאָל, אָנגעטראָפן און, מיט אַ געפערלעכן האַרצ־קלאַפּ, גענומען נאָכפאָלגן — אַ מיידעלע, אַ קינד אין אירע יאָרן:

... וועלכע האָט געוואָגט: אַליין, גיין אויסזוכן, דאָ, אין דער גרוי־סער שטאָט בוענאָס־איירעס — אַ היים פאַר עלנטע קינדער; וואוהין זי איז אַראָפּגעקומען, און געבעטן: אַז מען זאָל איר אויפנעמען... אַף דער פראַגע: „— ווער ביסטו?“, האָט זי געוואוסט נאָר צו ענטפערן: „ — אַ קיילעכדיקע יתומה...“ מער האָט זי, די אָרעמע, נישט־געדענקט גאָרנישט: נישט, פונוואַנען זי קומט; נישט אַפילו — איר אייגענעם

נאָמען... אָ, אומזיסט זענען געווען צו איר — אַלע פראַגן... „— זי האָט געבלאָנזשעט, און פאַרבלאָנזשעט... אָ, זי האָט נישט קיינעם, אין דער גאַנצינקער וועלט...‟ און זי, די אומגליקלעכע, מיטאַמאָל, האָט זיך אַזוי צעיאָמערט, — אַז אַלע דאָרט, אַרום, גוטע באַרמהאַרציקע לייט, אַף איר קוקנדיק, האָבן נישט־אויסגעהאַלטן מער, מיטגעוויינט מיט איר; און איר באַלד אַריינגענומען אַהינצו, אין יענער היים פאַר די עלנטע...

...איצט, דאַכט זיך, האָט זיך פאַר איר דאָרט באַדאַרפט אָנהויבן — אַ ניי לעבן. ווייל אַלע אָן אויסנאַם, קינדער אירס־גלייכן און עלטערע, האָבן איר געהאַלזט און געקושט געלאַשטשעט, דער האַרציקער, דער טייערער, אָן אויפהער, אָן אַ ברעג, אָן אַ שיעור; געזוכט, איר אַרומנע־מען מיט אַזויפיל ליבשאַפט, וואַרעמקייט; איר פאַרזיסן יעדע רגע; פון איר אויסגלעטן די פיין; איר דערפרייען, פאַרצערטלען, איינגעמען; אַז זי זאָל אויפהערן שפירן — די פרעמדקייט, אָ, דעם ביטערן עלנט; ניי־ערט, פאַרקערט: אַז עס זאָל נעמען אָפּגיין פון איר — די שווערע זאָרג; זי זאָל זיך נעמען צוגעוואוינען; און פילן גוט, ווי אין אַ היים...

...נאָר, ווי, ניין. זי, דאָס אומגליקלעכע מיידעלע, איז אַלץ פאַר־בליבן — טרויעריק, פאַרומערט; און, נישט־געקוקט אַף אַלע וואַרעמע לאַסקעס פון יענע איידעלע מענטשן און קינדער, האָט זי אַלץ נישט־אויפגעהערט צו וויינען, אין דער שטיל; זיך גאַרנישט געקענט איבער־נעמען.. .אָ, וואָס איז עס צו איר געשען?...

(און עס איז געווען, די גאַנצע צייט, וואָס זי, ראָסיטאַ, האָט דאָס אַלץ געליטענט, ביז אַהערצו, — איז דאָס קינד זיך־צעגאַנגען, ממש, אין פריי אָנקוועלנד שאַרף־תרעומותדיק טרייסטלאָז געוויין; אָבער וועלכעס האָט — אַזוי האָט זי, אין איר אידענטיפיצירונג מיט יענער, געטון שפירן, — איר געמאַכט זיך־פילן, צוגלייך — אַ ז ו י גוט, זיס, מילד, אין איר לאַגע, — אַז זי האָט גאַרנישט געקלערט ווען אויפצוהערן... נאָר אַצינד, מיטאַמאָל, אַז זי איז צוגעקומען אַהער, איז זי געוואָרן שרעקלעך־בלייך. איין רגע, איז זי געבליבן מיט אַ אָפּגעשטאַרבן האַרץ; ווי אָן אָטעם אַלצייטנס. נאָר באַלד, האָט זי, באַנייס, אָן אויפגעשטורעמטע אינ־גאַנצן, מיט צעצונדענע בליקן, גענומען נאָכפאָלגן יענעס עלנטע שוועס־טערל אירס — וייטער...)

... יאָ; וואָס איז פאָרט מיט איר געווען?... אָבער, ד אָ ס רע־טעניש האָט לאַנג נישט געלאָזן וואַרטן אַף זיך, מיטן באַשייד. גלייך, בסך־הכול אין עטלעכע טעג אַרום, איז אַלדינג געוואָרן אויפגעקלערט...
פלוצטהאַלבן, אומגעריכט, זענען אַראָפּגעקומען אַהין — אַ מאַן מיט אַ פרוי. אַריינגעפאַלן — נישט־טויט־נישט־לעבעדיק... „— נאָך לאַנגע אַרומזוכונגען; אָ, נישט־איינגערוט, באַטאָג, באַנאַכט, — זענען זיי, ענד־

לעד, געקומען אַף די שפורן פון זייער זיס טייער איינציק קינד...״ אַזוי, האָבן זיי זיך־צעכליפּעט, יענע לייט...

(און זי, ראָסיטאַ, זעט דאָס אַלץ צו; אָ, זי פֿאַרנעמט די דאָזיקע הייסע זיך־בעטנדע ווערטער; און זי שפּירט: ווי זיי קושן איר פֿאַרזאָדן צעווייטיקט פֿאַרצאַפּלט האַרץ, ווי אַ היילנדער באַלזאַם אלציינס...)

.. ביז, מע האָט איר, ענדלעך, פֿאַר זיי אַרויסגעפֿירט, זייער קינד; איר געבראַכט פֿאַר זייערע אויגן; אָ, זיי האָבן איר קוים דערלעבט צו דערזעען... אַזוי, זענען זיי ביידע, דער טאַטע מיט דער מאַמען פֿאַראַ־מאָל, צוגעפֿאַלן צו איר, מיט ציטערנדע אויסגעשטרעקטע אָרמס, מיט אַ געשטאַרקטער כליפּעריי:

„— אָ, האַרציקע, טייערע, נשמה־לעבן, אונזער טרייסט... וואָס האָסטו געטון?.. מיר זענען דאָך שיר נישט־אויסגעגאַן, פֿון זיבען געקו־מען, דאָס האַרץ אין אונז איז אַנטפֿאַלן — פֿון צער, פֿון שרעק, פֿון אי־בערטראַכטעניש אַליין: וואָס מיט דיר, חלילה, האָט נאָך געקענט פּאַ־סירן... אָ, זאָג, קינדעניו: פֿאַרוואָס קומט אונז אַזאַ שטראָף?..

... נאָר דאָ, (הערט,) איז, אומגעריכט, געשען — אַ שרעקלעכע זאַך. און עס איז געווען, ווען ער, יענער פֿאָטער, איז אונטערגעקומען נעענטער, געוואָלט נעמען זיין קינד צו זיך אין די אָרמס, — אַזוי האָט זי זיך אַ שליידער־געטון, מיטאַמאָל, אַף דעם דיל, און אויסגעבראָכן אין אַ פּירכ־טערלעכער יללה...

... — ניין ... (האָט זי געקלאָגט, יענע עלנטע; זיך־געשלאָגן מיטן קאָפּ און מיט די פּיס אין דער ערד; געשלוכצט, געשריגן, נישט מיט איר קול; אַזש זי האָט אָנגעיאָגט אַף יעדן פֿון אַרום, וואָס האָט דאָס נאָר צוגעזען, אַ גרויל;) איך בין — אַ יתומה... ס׳ אַ ליגן; איך האָב נישט קיין טאַטע־מאַמע... זיי, האָבן מיך נישט ליב.. נאָר זיי קריגן, זיי שלאָגן זיך, שטענדיק... זיי קוקן זיך, קיינמאָל, אַף מיר נישט אום... זיי האָבן מיך פֿיינט... וויי, איך בין — אַ עלנט אומגליקלעך קינד אַף דער גאַנצער וועלט... (און זי האָט אויפגעהויבן איר פֿאַרגאָסן פּנים פֿון דעם דיל; און זי האָט אויסגעשטרעקט אירע שוואַכינקע קינדישע הענטלעך צו אַלע אַרום, מיט אַ באַנייט געשטאַרקט געוויין, מיט אַ געבעט:) אָ, גוטע האַר־ציקע מענטשן — באַשיצט מיך... אָ, לאָזט מיך נישט איבער — צו זיי...

ראָסיטאַ האָט, איצט, געקלאָגט, (מיטגעקלאָגט,) הויך אָפֿן קול. גאָר־נישט געטראַכט, (און נישט געוואָלט אויך,) זיך־איינגעמען... אָבער, זי האָט זיך געפֿונען אַליין, דאָ, (ווי תמיד אין די באַטאָגן,) אין יענעם ליי־דיקן הויז; וואו עס איז קיינמאָל נישט געווען קיינער, צו פֿאַרנעמען עלנט

קינדערש געוויין... אַזוי לאַנג, ביז איר קלאָג האָט זיך גענומען איבער־נעמען, אויסנעמען, פון זיך אַליין; איר טאַמעווען, טעמפּעווען; איר שיר נישט באַקערן — אין אַ עלנטן שטיין...

●

מיט די יאָרן, איז ראָסיטאַ אונטערגעוואַקסן — אַ צאַרט־בלאָנדע שלאַנקע יוגנטלעכע, אַזאַ איידעלע, אַ ציטערנד־לויכטנדע, זאַפּטיק־בליענדע, אַזאַ שווייגזאַמע, אַ מיסטעריעזע; און זי האָט גענומען רעגן, רויבן די רו באַ יאַטן פון איר געגנט, שטודירנדע יוגנטלעכע פון איר גראַד, מיט וועמען זי האָט זיך שוין געקאָנט נאָענטער. איז, איינער פון זיי, דעם שכנס אַ בחור, אַ געוויקסיקער טונקעלער יונג, אין איר עלטער, אַדאָלפאָ, האָט זיך, איינמאָל, אָנגענומען מיט מוט; און, קוקנדיק אַף איר שקאָצעוואַטע קלוג, נאָר צוגלייך, בשעת־מעשה, אינגלש־פּאַרויטלט, און מיט אַ לייכטן האַרץ־שלאָג, האָט ער איר אָנגעבאָטן: אַז זיי זאָלן נעמען מאַכן די לעקציעס — צוזאַמען; נאַטירלעך, באַ איר אינדער־היים... נו, און זי איז אַף דעם, מיט אַ שטילן שמייכל, איינגעגאַנגען..

אָבער באַלד, האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות... ער, אַדאָלפאָ, דאַרף מען וויסן, איז געווען — זייער־אַ ספּריטנער פּעאיקער יאַט, אין שול, האָט מען אים געקאָנט: ווי ער פלעגט אויפכאַפּן דעם לערערס אַ גע־דאַנק —אַזויצוזאָגן, אינדערלופטן, אינסאַמע מיטן פליען; דער ערשטער; נאָך איידער יענער געדאַנק האָט באַוויזן דערגיין צו עמיצן אַנדערש... נאַטירלעך, ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָט ער, אַדאָלפאָ דער יאַט, זיך־געגרויסט מיט דערמיט; און אַזויווי ער איז געוואַקסן — עט־וואָס־נערוועז, — פלעגט ער, באַ יעדן אָנטרעף פון ריקשטעליקייט, מצד חברים־שילער, פון נישט ־ קענען תופס־זיין די לימודים, אַזוי פלינק ווי ער, אים־דעריאַגן, — רעאַגירן אַף דעם, אַזוי שאַרף־אומגעדולדיק, טאַקע נאָר ווי ער, אַף זיין אינגלש־פּאַראַכטלעכן שטייגער, האָט זיך דאָס געקענט דערלויבן אַליין... דאָס הייסט: אַז אַף ווינציקער, ווי די באַטיט־לונג „טעמפּ“, האָט מען זיך גאַרנישט געדאַרפט ריכטן פון אים, באַין אופן... דאַרום, דאַ, אַצינד, ווען עס איז געקומען צו ראָסיטאַן, איז דער בחור, באַלד פונעם אָנפאַנגס, אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער פאַרלעגנ־הייט...

„... ער, האָט געוואוסט, געהאַט געהערט עפּעס דערפון: אַז צווישן אירע חברטאָרנס, גילט זי, אַלס — טעמפּער פאַרשטאָפּטער קאָפּ... דאָך, האָט זי זיך פּאָרט געלערנט אין שול — נישט־שלעכט, און געשטיגן פון גראַד צו גראַד. נאָכנישט געהאַט געטראָפן דער פאַל, (אַף וויפל ער איז געווען באַקאַנט מיט איר לעבן,) דאָס זי זאָל האָבן פאַרבליבן, אַף נאָך אַ

יאָר, אין איינעם־דעם־זעלבן גראַד... עס הייסט, אַז, (לפּחות, וואָס עס האָט געדאַרפט זיין נוגע דעם לערנען,) איז זי געווען — אַ נאָרמאַל קינד, ווי יעדע אַנדערע... דאַרום, האָט ער, ערשט, ווען ער האָט געלערנט מיט איר, זיי זענען געזעסן צוזאַמען, אין די באַטאָגן, אין איר צימער, און איבערגעגאַנגען די לעקציעס, — נישט־געקאָנט באַנעמען, באין־אופן: וואָס מיט אָט דעם מיידל טוט־זיך... זאָל גאָט אָפּהיטן! ער, האָט נאָך אַזוינס נישט־באַגעגנט; און ממש נישט־געגלויבט, אַז אַזאָס קאָן גאָר געמאָלט זיין... — אַ דעמב, נישט קיין קאָפּ! אַלץ הייסט — טעמפּ! אַ וואַנט, אַ פעלז; נישט־אַדורכצובויערן — קיינמאָל אין דער וועלט.. און, וואָס עס האָט אים נאָכמער געקרענקט, איז געווען: וו אָ ס אַ טאָג, עס גייט די צייט; איז, אָנשטאָט דעם, זי זאָל זיך בעסערן, ווערט זי גאָר אַלצמער ערגער און ערגער; אויב עס האָט גאָר אַזוינס נאָך בכלל מיט איר געקאָנט געמאָלט־זיין.. .מיט איין וואָרט — אַ האָפענונגסלאָזער סטויב...״

אַזוי, האָט עס אינגאַנצן אין אים געקאָכט געזאָדן, פאַר הראַביע; וואָרום, ער האָט זיך געמוזט גוט אָנשטרענגען, אום זיך נישט אַרויסצוכאַפּן, חלילה, פאַר איר מיט אַ וואָרט; און ער האָט עס געדריקט און געשטיקט אין זיך; כאָטש עס האָט אים געקרעלט געוואָרגן — מסוכן! אַ אויפגערעגטער, פלעגט ער זיך ד אָ ך דערלויבן אויפהויבן דאָס קול אַביסל; נישט־געקענט פאַרבלייבן מער זיצן אַף זיין אָרט, אויפגעשפּרונגען; און, בלייבנדיק שטיין האַרט פאַר איר, און עטוואָס אָנגעבויגן, — האָט ער גענומען האַסטיק זשעסטיקולירן מיט ביידע הענט; איר אָנגעשטרענגט אַריינגעקוקט אין די מאַנדל־אויגן, און ווי שיר זיך נישט־געבעטן באַ איר, מיט אַ טאַנאַציע פון פאָריבל און שטוינען:

„...בהמה־דו...״ (נאַטירלעך, אין געדאַנק; נאָר, מיט ווערטער, האָט ער צוגעגעבן): — וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרשטיין?!

און דאָך, אומדערמידלעך, (...הגם ער האָט שוין באַלד אַליין רעכט נישט־אָנגעהויבן צו באַנעמען: הלמאי ער טוט עס גאָר אינגאַנצן; ער האָט נאָך צו איר: אָ, זע נאָר — צו ווערמען... — אַזויפיל געדולד; און ער דערלאַנגט נישט אַ הוק, מיט האַרץ; ער לאָזט איר נישט איבער; ער גייט נישט אַוועק אינגאַנצן; ער רייסט נישט איבער מיט איר, אַף שטענדיק...; יאָ, איז, נישט־פאַרשטייענדיק זיך־אַליין, וואָס מיט אים קומט פאָר... נייערט,) ווי אירער אַ לערער, אַ פאַרבונדענער צו איר, אַ פאַרפליכטעטער, — האָט ער, אָבער־און־ווידעראַמאָל, געפּרואווט, געלאַסן, טראָט־באַ־טראָט, איבערצוגיין מיט איר — דאָס אייגענע; דערביי, איר אַלץ פאַרקוקט אין די אויגן, מיט אַזוי פיל אַנגסט און צודרינגלעכ־

קייט; ווי זיך געבעטן באַ איר: ...אַז זי זאָל אים צוליב־טון; אָ, זיך דערבאַ־רעמען אַף זיין לעבן, צולייגן אַביסל מער קאָפּ און ווען באַנעמען, וואָס ער רעדט צו איר... אַנישט, (איז אַף דעם בחור געווען אַ צער־בעלי־חיים, איצט, ממש־אַ רחמנות צו־קוקן,) ווייסט ער אַליין נישט — וואָס; בפירוש, ער גאַראַנטירט נישט מער פאַר זיך...

נאַר, ווי; אַלץ, קענטיק, איז געווען אומזיסט. אַלע זיינע באַמיאונגען, גריילעכע אָנשטרענגונגען פאַר אירעטוועגן — אַזויוי אַרויסגעוואָרפן. ניין. ער האָט גענומען איינזעען:

„... אַז ער וועט מיט איר גאָרנישט מאַכן. זי, בלייבט — אומדערשיטערט, אין איר טעמפּקייט, ווי געווען. אָ, עס איז אַן עבירה געווען אָט דער גאַנצער צייט־פאַרלוסט מיט איר; עס דאַרף אים האַרציק באַנגטון — הלמאי ער האָט גאָר מיט איר אָנגעהויבן אינגאַנצן; און, ווען אפילו י אָ , — איז, פאַרוואָס ער האָט נישט־געאיילט און אָפּגעהאַקט מיט איר, באַלד פונעם אָנהויב; און נישט — געלאָזט עס זיך־פאַרציען, העט אין דער ווייטער באַנק אַריין, אַזוי לאַנג. טאַקע, אינדער־אמתן: וואָס זוכט ער דאָ מער מיט איר? וואָס האָט ער זיך נאָך?...“

אָבער דאָך, נישט־געקוקט אַף דעם אַלעם, איז ער, אַף צומאָרגנס, מאָדנע, באַנייס צו איר געקומען. און נאָכמער; ער, האָט גאָר גענומען צוזעען, (און אַף זיך גופא זיך געחידושט, דערפון):

„ ... וויאַזוי ער אַליין קוקט גאָר אויס אַף דעם; און אַז ער קען זיך קוים דערוואַרטן די שעה, ווען זי האָט באַשטימט פאַר אים צו גיין... און כאָטש, וואָס אַ טאָג — זעט ער ווייטער־ צ ו , מיט צער — נעמען גאָר זיינע אויסטערלישע לעקציעס, זיינע זייונגען מיט איר, (דאָס הייסט, זיין אומזיסטיקער צייט־פאַרלוסט,) זיך־פאַרציען, דויערן לענגער..... — דאָך, (און דאָס זאָגן מ י ר : אפשר, ווי איינער, וועמען עס ציט גראָד צום אָרט, וואו ער האָט אַזויפיל אָנגעוואוירן,) איז — דווקא דערפאַר...“

נו, און זי אַליין, די מויד, וויאַזוי האָט זי רעאַגירט אַף דעם אַלעמען?... איז, ווער ווייסט? ווער האָט גאָר געקאָנט דערגרינטעווען איר געמיט?... דאַכט זיך, דאָס האָט מען אָנגעזען באַשיינבאַרלעך אַף איר; וויאַזוי עס האָט איר געקאָסט דאָס גאַנצע געזונט — אָט די ערגערניש זיינע, זיין צער, אַלץ מיט אַנאַנדער. נאָר, וואָס האָט זי, די עלנטע, זיך געקענט העלפן, ווען זי האָט עס פאַרט נישט - אָנגעהויבן צו באַנעמען:

„ .. וואָס דאָ, אייגנטלעך, פאַסירט — מיט איר, און מיט אים?.. דעם אמת געזאָגט, האָט זי אפילו רעכט נישט געהערט — איין וואָרט דערפון, וואָס ער האָט דאָ, כסדר, די גאַנצע צייט, אַלץ געהאַט אַרויסגע־

רעדט פאַר איר, איר אָנגעדולט אַ פולן קאָפּ מיט זיינע נאַרישקייטן, געכטיקע טעג..."

דערפאַר, האָט זי אים אָנגעקוקט, דעם שיינעם שלאַנקן יאָט:

"...ווי ער שטייט און ער היצט זיך; ווי ער שרייט, ער טענהט, ער ווערט ברוגז; אָבער דאָך, מוז ער זיך איינהאַלטן, זיך־צוימען, באַהערשן"...

און קוקנדיק אַזוי אַף אים; און שפּירנדיק, בשעת־מעשה:

"...ווי איר אָרעם פאַרטייעט האַרץ נעמט אויפקוועלן, דערבײַ, אַלץ־צודרינגלעכער, זיסער, רעגנדער, אַ, אפשר צום ערשטן מאָל, אין איר קינדערש־פאַרומערט לעבן אַף דער וועלט...", —

האָט זי, איצט, געזוכט דורכצורייסן אין זיינע בליקן — דעם רוגז־שלייער...

"... כדי צו דערזעען אין זיי — כאָטש איין פּינטעלע א י ם אַ ל יי ן: ווי ע ר איז; ווי ע ר קוקט אַף איר...; און אפשר, אַ, טאַקע אויך דערפילן: צי זיין האַרץ אַנט שוין, עס נעמט זיך שוין אָנשטויסן, אין שרעק־דערוואַרטונג — ווי אַזוי א י ר ס טוט זיך שטרעקן, אין צאַפּל־אַנגסט, אַ, אינגאַנצן צו אים..."

ביז, איינמאָל, אין אַזאַ מאָמענט פון טראַנס, האָט עס פּאַסירט. דער בחור איז אַזוי האַרט אָנגעגאַן אַף דעם מיידל, מיט די זשעסטיקולירונגען, אין זיין נאַבעלן אויפריכטיקן פלאַמיקן אומבאַהערשלעכן באַגער — איר אויפצוקלערן און באַלויכטן, — ביז וואַנען, פּלוצים, האָט ער קאָפּ זיך אים פאַרדרייט; דאָס האַרץ איז געבליבן אין אים, א רגע, אָפּגעשטאָרבן, פאַר טויט־שרעק; און, פאַרלירנדיק די לייצעס, דעם זין, די לעצטע שיין פאַר די אויגן; אַליין, ערשט, נישט־באַנעמענדיק רעכט — וואָס ער גייט דאָ טון, און וואָס מיט אים גופא קומט פאַר אינגאַנצן, — האָט ער, דער אָרעמער, דער פאַרלאָרענער, איר מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט און איינגעקלאַמערט מיט זיינע פייערדיקע הענט; איר צוגעדריקט צו זיין צעשטורעמטער ברוסט; צוגעפאַלן מיט זיין אומגליקלעך מויל — צו אירס; און איר אָפּגעבריט אינגאַנצן מיט גליק...

נאָר גלייך, ווען ער האָט צוריקגעקערט צו זיך, און זיך־אַרומגעזען — וואָס ער האָט דאָ אָנגעאַרבעט: ...ווי אַזוי זי, ד י ט ע מ פּ ע, איז געשטאַנען, געקוקט אַף אים מיט פאַרלאָפענע אויגן, און אינגאַנצן געציטערט..., — האָט ער זיך אָפּגעריסן, ווי אַ דולער, פון זיין אָרט, און אַרויסגעלאָפן פון דאָרט, אַ בלוט־אָפּגעקאַכטער...

דריי טעג דערנאָכדעם, איז ער נישט געגאַנגען צו איר. אָבער — וואָס איז דאָס געווען צו אים? האָט ער באמת געקראָגן חרטה אַף זיין

משוגענער טאַט, אַף אַלץ מיט אַנאַנדער, און באַשלאָסן מיט איר אָפּצו־ברעכן?... אָ, וואָס האָט ער געקאָנט וויסן, איצט, דער צעדולטער — וואָס מען הויבט אָן פּירצונעמען?... צו־ווייט פאַרגאַנגען... האָט ער אַרומגעפּאַדעט, ווי אַ סאַנאַמבול, אַרום איר היים; געשפּירט, (אַזש שטי־קער לעבן ממש זענען פון אים געפאַלן,):

„... אַז אַזוי ווייטער קען עס נישט בלייבן; ווי זי קוקט אים אויס; זי רופט אים; זי וואַרט אים אפשר אָפּ, זי וויל אים זען, אָ, מיט נישט־דווינציקער אַנגסט, ווי ער — איר... הייסט עס: אַז מע דאַרף זיך איינ־שטעלן דאָס לעבן... אָבער — וויאַזוי וועט ער וואגן זיינע אויגן צו ווייזן פאַר איר? וואָס קאָן ער איר דען זאָגן? אָ, וואָס פאַר אַ פאַרענטפערונג, אדרבה, האָט ער פאַר זיין טאַט?...“

דעם אַנדערן טאָג, נאָכדעם, איז ער געשטאַנען פאַר איר, אַ פאַר־שולדיקטער, נישט־טויט־נישט־לעבעדיק; געציטערט אינגאַנצן ווי אַ בלאַט; געבליבן אָפּגעליימט, אָן לשון; און קיין איין קלאַנג נישט גע־קענט אַרויסברענגען פון זיין קעל, איינוויינציק וואָרט כאָטש — די פאַר־ענטפערונג... אָבער, צו זיין גרויסן שרעק ־ שטוינען, האָט ער, איצט, גאָר געמומען איינזען:

„ ... ווי דאָס איז, דאַכט זיך, נישט־נויטיק לגמרי; אַז אפשר, אָ, איז גאָר געווען אומזיסט — אָט די גאַנצע מורא זיינע...“

זי, די קליינע, האָט אויפגעשיינט אינגאַנצן, באַלד ווי ער האָט זיך נאָר פאַר איר באַוויזן; אים אָנגעכאַפּט פאַר זיין אָרעם און אים אַריינ־געפירט צו זיך, אין איר צימער. וועגן דעם, וואָס עס איז צווישן זיי פאַרגעקומען, — מע זאָל זאָגן — אַ וואָרט... זי, האָט אַפילו נישט גע־וואָלט אויסהערן, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט פאַרבאַרייט; ענדלעך, גע־נומען ברייען, אין שווערע געהאַקטע צרות — כ׳וויים וואָס... זי האָט אים גלייך דעריין איבערגעשלאָגן. ערשט, האָט זי אים אויך נישט געגעבן מען פאַרשן, (.... אָ, ווי ער האָט דאָס אַזוי, זיך פאַר דעם געשראָקן...): וואו ער איז דאָס פאַרפאַלן געוואָרן, אָט די גאַנצע צייט... ניין. פון אָט דעם אַלעם — גאָרנישט. ממש, טאַקע, ווי דאָס וואָלט גאָרניט האָבן גע־האַט פּאַסירט...

„ ... אָבער, וואָס זאָל דאָס אַלץ, פ אָ ר ט באַטייטן?!“ — איז אים, פון אָט דער גאַנצער מאָדנעקייט, ד אָ ך נישט־גרינגער געוואָרן; און עס האָט אין אים געעגבערט, אָן אויפהער, דער חידוש... פונדעסט־וועגן, האָט ער זיך נישט־געווערט מער; און, אַף איר ווילן, (... וויבאַלד אַז ער איז שוין יאָ געקומען...,) גענומען מיט איר איבערגיין, (ווי דער שטייגער איז שוין געוואָרן, די געוואוינשאַפט, באַ זיין איטלעכן באַזוך צו איר) — די לעקציעס...

נאַר, א פנים, אַז אלדאָס ביז־איצטיקע, וואָס האָט דאָ מיט אים היינט געטון פאַרלויפן, האָט געמוזט זיין ווינציק; ווייל אים, דעם בחור, איז, יענץ מאָל, געוועזן באַשערט איבערצולעבן — עטוואָס מער. און ווירקלעך: דאָס, וואָס האָט אים, איצט, דערוואַרט, איז געוועזן, מיט אַן אמת, פאַר אים — אַזוינס איבערראַשנדס, אומגעריכטס, — אַז ער האָט ממש נישט געגלויבט — זיך־אַליין, וואָס האָט דאָס בייגעוואוינט; און שוין גאָרנישט אָנגעהויבן צו באַנעמען לחלוטין: וואָס דאָ, אייגנטלעך, קומט פאָר...

דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן, באַלד ווי ער האָט זיך נאָר עטוואָס באַרואיקט, איז געוועזן — ראַסיטאַ אַליין... זי, די „טעמפּע", (...ווי ער האָט עס, אַזוי אָפּט, זיך־פאַרוואוינט, אין זיין געהיימען דמיונען מיט איר, איר צו רעגן, צו רייצן, זיך צו צישען אף איר דאָס האַרץ; און אפשר גאָר אויך — אָ, אַזיווי אַן זיין ווילן שוין; ווי אומגעפרעגט באַ אים אַליין; און דאָך, ד. ה. דווקא דערפאַר, בפירוש מיט זיין סאַמע־טיפסטן אינטימען צאַפּלדיקן באַגער — איר, מיט אָט דעם צונאָמען, צו צערטלען, איר גלעטן, איר צו לאַשטשען, אַן אַ שיעור...) זי האָט איצט אויסגעקוקט — אַזוי אויסגעלייטערט, ניי; עפּעס גאָר, ווי אויסגעוואַקסן; ממש, גרויס געוואָרן; און דאָס — בסך־הכול, אין געציילטע דריי טעג, וואָס ער האָט איר נישט געזען; אַזש ער האָט איר שיר נישט־אָנגעהויבן צו דערקענען אינגאַנצן...

„ ... טאָ, מיט וואָס, אַדרבה, קאָן מען אָט דאָס וואונדער דער־קלערן?!"

אָבער, ד אָ ס איז נאָך פאָרט נישט געוועזן — אַלץ. און דער באמת־גריילעכער פּלא — דער גרעסטער, איז, קענטיק, געבליבן פאַר אים אָנבאַרייט — ערשט אַף דערנאָך: ווען ער האָט געדאַרפט אָנהויבן מיט איר די לעקציעס.. .אַזוי, האָט ער, פּלוצים, גענומען צוקוקן: וויאַזוי זי, די נייע אויפגעלויכטענע מויד, אזאַ גליקלעך־צעשמייכלטע, נעמט אים גאָר פאַרלויפן דעם וועג — אין פאָרויס; זיך־פעדערן — פ אַ ר אים; אַזוי — איין מאָל, אַ צווייטס, אַ דריטס... אַז איידער ער באַוויזט נאָך — אין זיין פלינקייט פון תמיד — אַרויסצוברענגען פאַר איר זיין געדאַנק, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן, — און שוין טראָגט זי אים אָט דעם זעלבן געדאַנק (נאָר־א י ר ע ר איז ער ערשט געוועזן, נישט — ז יי־נ ע ר ,) — אַנטקעגן...

„ ... טאָ, וואָס זאָל דאָס אַלץ באַטייטן?!" — האָט עס דעם בחור געלאָזן — אינגאַנצן צעטומלט; אים האַלושעט פולשטענדיק; אַז ער זאָל נישט־אָנהויבן צו אַנען: וואָס דאָ, אייגנטלעך, גייט אָן... און אַזוי, אַ געפּלעפּטער, איז ער אַוועק...

„ „... וואָס־זשע; האָט זי, די שלעכטע, די פּאַרמאַסקירטע, אים גע־וואָלט מאַכן צום נאַר בלויז; אים נעמען און אַרויסשטעלן אַף חוזק, אַף געלעכטער? אָט דאָס אַליין איז זי אויסן געווען, און ווייטער — גאָר־נישט; און דאָס נאָר איז געווען די סיבה, וואָס האָט איר געטריבן דער־צו?... אָבער — פאַרוואָס?.. וואָרום: וואָס האָט ער איר דען געטון פאַר אַ בייז — אַז זי זאָל אים דאַרפן אַזוי ווילד אָפּצאָלן?.. פאַרקערט. ער, אדרבה, איז געקומען צו איר, מיטן גאַנצן האַרצן, ריין, אויפריכטיק, (ווייל ער האָט געהערט זאָגן — אַזוי איז אומגעגאַן וועגן איר דער קלאַנג — אַז זי איז... עטוואָס...) (און דאָ — דאָס זאָגן מ י ר — האָט ער זיך שוין געשעמט פאַר זיך אַליין איבערצוחזרן, אַפילו פאַרן רעיון ברענגען — אָט דאָס לעכערלעכע וואָרט, דעם צונאָמען...) איר צו העלפן, ווי אירער אַ חבר, אַ פריינט... היינט, טאָ, פאַרוואָס איז עס אים געקומען אַזאַ־אַ אָפּשפּיל?!״

אַזוי האָט עס אים, איצט, גענומען געפערלעך קרענקען; געביסן זיין פילבאַרן אינגלשן שטאָלץ; אים געהאַלטן גענצלעך־דעזאָריענטירט; אים גאָרנישט געלאָזן קומען צו זיך, זיך־איינשטילן.

איצט, האָט ער שוין אויך געדאַרפט אָפּשטעלן זיינע באַזוכן צו איר; ווייל, דאָס האָט מער קיין נאָמען נישט געהאַט; פאַרלאָרן, מיטיינמאָל, יעטוועדן זין... הגם, (פון דער אַנדערער זייט,) אַצינדערט ערשט: ווען עס איז געוואָרן אַנטפּלעקט פאַר אים אַליין — יענער ערשטער דיספּראַז; דאָס הייסט, זיין זעלבסט־געטאַר; און ער איז, פּלוצלינגהאַלבן, געוואָרן אוועק־געשטעלט פאַר זיין אייגענער שפּיגל־נאַקעטקייט, — האָט ער, מיט־אַמאָל, דערשפּירט, אַזוי־שאַרף: „ ...ווי עס ציט אים צו איר — סכנות; ממש, עס גייט אים אויס דאָס חיות; און אויב ער וועט עס נישט קלאָר־מאַכן, אָט די דאָזיקע גאַנצע רעטזעלהאַפטע שפּיל מיט אים, — אַזוי גאַראַנטירט ער נישט פאַר זיך אינגאַנצן; ווייל, ער האַלט עס נישט אויס...״

און, אומבאַרעכנט לחלוטין, וואָס ער גייט דאָ טון, — איז ער, אייג־מאָל אין אַ באַטאָג, (און לגמרי נישט — אין יענע שעות, ווען ער איז געווען געוואוינט, אַז זי זאָל וואַרטן אַף אים,) אַראָפּגעפאַלן אין איר היים, און איר נישט געטראָפן. אָבער די מוטער האָט אים גוט געקאָנט; און זי האָט אים ליבלעך אויפגענומען, געבעטן אויפוואַרטן; ווייל, עס האָט לאַנג נישט געדאַרפט דויערן, אַז זי, ראָסיטאַ, זאָל אָנקומען... נו, איז ער, אַ קרעמפּירטער, דאָך פאַרבליבן... דערווייל, איז ער אַריבער אין ראָסיטאַס צימער, און, אָן וועלכן באַזונדערן מיין, גענומען איבער־קוקן אַף אַן עטאַזשערקע איר גרויסע צאָל ביכער...

„ .. אָ, זי לייענט אַזויפיל, די קליינע, די פאַלשע, פאַרשטעלערן, די „טעמפּע...“

מיטאַמאָל, האָט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט אַלוואַראָ זשונקעס אַ ביכל „כאַוכאַ“.1) פאַרוואָס? אוודאי, דערפאַר: ווייל עס איז געווען צעעפנט, אויפגעמישט אינדערמיט פון אַ דערציילונג, וועלכע זי, ראָסיטע, האָט, קענטיק, געהאַלטן אין לייענען, אַזוי עס געלאָזן... אַ פאַראינטריגירטער־עפּעס, האָט ער עס אַ נעם־געטאָן; אָנגעהויבן לעזן; און, אַ פאַרכאַפּטער אינגאַנצן, אַ פלעצלעך־אויפגעשטוינטער, מיט אַ מסוכן־אויפגעשלאָגענעם האַרץ־קלאַפּ, שוין נישט אַרויסגעלאָזט די זאַך, ביז ער האָט זי נישט פאַרענדיקט...

... דאָס איז געווען די געשיכטע פון איינעם אַ יאַטל, אַ שיינעם, אַ פעאיקן און אַ זשוואוון שילער, וועלכער האָט זיך געלערנט איבעראַל — אויסגעצייכנט. ביז עס פלעגט קומען צו איין לערערן, און ער איז געוואָרן לעבן איר — טעמפּ, ווי די וואַנט. וויפל יענע האָט נישט געהאָט צו־טון מיט אים; (אָ, ווייל זי איז געווען אַזאַ גוטע, אַ האַרציקע, אַ זיסע, אַזאַ הערלעך שיינע, אַ מוטערלעכע;) זיך־געעסקט, מיט גוטן, מיט בייזן; אים כלומרשט באַשטראָפט, אים געשאָנקען; נאָכאַמאָל געגעבן צו־פאַר־שטיין, מיט אים געהאָרעוועט און פאַרלאָרן אַזוי פיל צייט; ווייל עס איז איר געווען זייער אַ שאָד: הלמאי אַזאַ וואויל קינד, (וועמען זי האָט בפירוש געליבט, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע אירע שילער,) זאָל נעבעך בלייבן אַזוי אָפּגעשטאנען; און אַ חוץ אַלעמען, איז איר שוין טאַקע דאָ געגאַנגען אין אייגענעם פּרעסטיזש אויך; ווייל עס איז דאָך בפועל ממש געווען אַ רעטעניש: הלמאי אָט דער בחורל גייט אומעטום — גלענצנד; נאָר, פונקט ווען עס קומט צו איר, — בלייבט ער טעמפּ, ווי אַ סלופּ...

„ ... אָ, וואָס גייט דאָ פאָר?... (און מיטאַמאָל, האָט יענע גוטע פרומע לערערן אויפגעציטערט אינגאַנצן, פאַר מאָדנע־צעמישטער גרויל־בושה.) שוין־זשע האָט ער, ד אָ ס ע ל נ ט ע י ת ו מ ל ־ נ ע ב ע ך, אין איר זיך איינגעל...?!.“

„ ... ער, אַדאָלפאָ, האָט עפּעס געוואוסט. (און מער פון עפּעס אַפילו; ווייל זיין אייגענע מאַמע, און דער טאַטע האָבן גערעדט דערפון, נישט־איינמאָל; נו, און ער האָט, אומגערן, אויסגעהערט, פאַרגעדענקט; און אפשר, באַנאַנד מיט דעם, אויך דעם נאָמען פ ו ן א י ר — ראָסיטאַ...:) וויאזוי אירע עלטערן קריגן זיך ארום, אַלע יאָרן; און זי, דאָס קינד, אָ, די צאַרטע, די איידעלע, איז עלנט נעבעך, איז אומגליקלעך; האָט נישט, ווער עס זאָל איר צולאַשטשען, איר ליבן, איר זאָגן אַ גוט

1) פאַנטאַסטיש לאַנד פון גליק.

וואָרט; אָ, חלילה, אַזויווי אָן טאַטע־מאַמע אינגאַנצן; אַ יתומה... איז — אָט דאָס זאָל עס זיין?.. איר גאַנצע פּאַרטראַכטע שפּיל מיט אים... אָ, זי, די טייערע, די האַרציקע, ליבט אים!...“

און אַ צעצאַפּלטער אינגאַנצן, אין זיין אויפגעקאָכט גליק, איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, וואו ער איז געזעסן, מיט דעם ביכל, פון־וואַנען ער האָט אָקערשט געהאט אַרויסגעלייענט, אָ, אַזוי בלענדנד־העל — די געשיכטע זיינע און אירע... אַף דער שוועל פונעם צימער איז (אַריין אומבאַמערקט,) איצט, געשטאַנען ראָסיטאַ... זי האָט געקוקט אַף אים; און אין אירע פאַרלאָפענע בליקן, (... אוודאי, האָט זי אַלץ געזען...)

— אַזויפיל צער, געבעט, טרייהייט, ליבשאַפט, צוטרוי אָן אַ ברעג...

— אָ, קינדעלע מיינס... טעמפּינקע... — האָט אַדאָלפאָ זיך נישט־געקענט אָפּהאַלטן מער; צוגעפאַלן צו איר; איר איינגעהילט אין אַ ים צערטלעכקייט, וואָס האָט אָנגעשטורעמט געקוואָלן פון אים, אָן אויפהער; און זיי ביידן אַוועקגעטראָגן צו זייער אייגענער, אָ, אַזוי־שווער אויסגעפּייניקטער אין טרוים־ווייַ „כּאָוכאַ“ פון יונג לויטער אַזוי־קינדיש אומשולדיק גליק.

---

# די פאַרמישפּטע

## (דערציילונג)

אין אַ לויטערן גאָלדיק־האַרבסטיקן זונטיק באַטאָג אין בוענאָס־איירעס, איז דער באַקאָנטער שרייבער יהלום אַראָפּגעקומען אין אַ פריי־וואַטער סאַנאַטאָריע, אַף אַן אָפּגעלעגענער גאַס, אין דרום פון דער רייזיקער קאָסמאָפּאָליטישער מעטראָפּאָליע, כּדי צו באַזוכן זיינעם אַ אַלטן אידייען־גענאָסע; אַ מאַן אין די טיפע זעכציקער; וועלכער האָט אָפּגעלעבט, אגב, אַ שטורמיש־קעמפעריש לעבן פון אַ קינדעריש לויטערן אידעאַליסט; ביז וואַנען ער האָט זיך, ענדלעך, אונטערגעריסן; ער איז געבליבן גענצלעך אויסגעברענט, אויפגעאָפּפערט צו זיין אידעאַל; און ער איז געפאַלן... ער איז שוין געווען, קענטיק, פאַטאַל פאַרמישפּט, אויסדערוויילט באַצייכנט פון זיין גורל. נאָר, מערקווירדיק: ער אַליין, (טאַקע בפועל ממש, ווי אַ קינד,) האָט וועגן דעם אַלעם נישט אָנגעהויבן צו אַנען אַ האָר. ווען ער האָט זיך גענומען שפּירן שלעכט, אויפגעהערט קענען שלינגען דאָס עסן, — האָט מען אים געלאָזט אינטערנירן אין יענער סאַנאַטאָריע; און עס האָט געהייסן, (ווי מעדיקער, וואָס זענען געהאַט געגאַן אַרום אים, פונפריער, האָבן געוואָלט האָבן) — אַף אָב־

סערוואַציע. אַריבער געציילטע טעג; ווען דער פאַרדאַכט באַ די מעדי־קער וועגן זיין פאַטאַלן אויסגאַנג, פון דעם קראַנקן, איז געוואָרן גאָר שאַרף; האָבן זיי, מיט אַמאָל, דערקלערט: אַז עס איז אומפאַרמיידלעך אַן אָפּעראַציע; און זיי האָבן אים צו דעם גענומען גרייטן. ביז עס איז, ענדלעך, געקומען דער באַשטימטער טאָג; אים, דעם קראַנקן, האָט מען כלאָראָפאָרמירט; מע האָט געעפנט זיין לייב...; און דאַן, איז גלייך אַנטפּלעקט באַ יעדן יעטוועדער מינדסטער וו י ל ך־צווייפל. מע האָט זיך פאַר זיך, איינגעזויגן, נישט־אָפּצורייסן, מיט גרויזאַמע קלעשט־שעס, אין קראַנקנס בלוט, דאָס שרעקלעכע באַקעטע געשטאַלט פון זיין טרייער לעבנסלענגלעכער באַגלייטערן, זיין האַרצנס ־ געליבטער; איי־גנטלעך, פון ד ע ר, וואָס איז געווען אין אים, אפשר, די איינציקע טרייב־קראַפט צו אַלץ...; מיט איין וואָרט: פון זיין אָנגערייפּטער פאַ־טאַליטעט — דעם מזל־סרטן... און מע האָט גלייך אַלעס צוריק פאַר־שלאָסן, נישט געווען, וואָס צו מאַכן, זיין גזר איז געבליבן פאַרחתמהט... דערפון האָבן געוואוסט אַלע זיינע אייגענע; אַזוי האָבן די מעדיקער גע־האַלטן פאַר נויטיק; און עס זיי מיטגעטיילט, באַצייטנס, אום זיי זאָלן וויסן, וויאַזוי זיך צו ריכטן, אין זייערע האַנדלונגען, וואָס אָנבאַלאַנגט דער סאַ צ י א ל ־ מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר זייט פון דער דאָזיקער פּיינפולער אָנגעלעגנהייט. דאַקעגן, פאַר אים, דעם קראַנקן אליין, דעם סאַמע־בלוטיקסטן נוגע־בדבר, האָט מען, (ווי דערמאָנט אויבן, און אַף דער עצה, טאַקע פון די זעלבע מעדיקער; ווער ווייסט — פאַרוואָס, און מיט וועלכע רעכט; נאָר, מעגלעך, צוליב גאָר־הויכע איידעלע הומאַניטאַרע טעמים; עס הייסט, אוודאַי, כדי נישט צו פאַר'סמ'ען די לעצטע גע־שענקטע טעג לעבן דעם פאַרורטיילטן, — )אַלעס פאַרהוילן; לגמרי אָפּגעשוויגן; אים געלאָזן אין אַ געבענטשטער גליקלעך־לייטזעליקער אומ־וויסנהייט; פאַרקערט; אים גאָר מיטגעטיילט, מיט פריידיקן אָנשטעל: „ — אַז די אָפּעראַציע אַף דעם מאָגן־געשוויר איז אַדורך בשלום: און אַז ער גייט פעסט צו זיין דערהאָלונג...״ נו, און ער, דאָס קינד, האָט אין דעם געגלויבט; און ער איז געגאַנגען... און אַלע אַרום, אַף אים קוקנדיק, זענען מיטגעגאַנגען.. דערווייל, האָט דער קלאַנג וועגן זיין באַענגטן סוף דערלאַנגט צו אַלטע חברים, פריינט, באַקאַנטע; דערגרייכט אומעטום; וואו מע האָט אים געאַכפּערט זייער, געשעצט; און מע האָט, אַצינד, געאיילט, בדחילו־ורחימו, אַראָפּקומען, זיך ־ געזעגענען... דערביי, בגנבה, געלאָזט אַ טרער; זי גלייך דערשטיקט: „... עס זאָל זי, חלילה, נישט־באַמערקן ווער; עס הייסט — טאַקע ער אַליין, דער חולה...״; וועגן וועמען אַלע האָבן דאָך געוואוסט: ... אַז ער אליין, נעבעך, ווייסט גאָר־נישט...״; ווידער, געקאָרטשעט פרייד פון זיך; אים, האַפעדיק גע־

וואונטשן: „ — אַ רפואה שלמה, בקרוב; זיך טרעפן, גאָר אינקורצן, באַנייס, באַ דער אַרבעט, אין קאַמף...“; און דאַן, ווי פון אַ שריפה, זיך קוים אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט, מיטן לעבן; „ ... עס איבערגעקומען; פּטור געוואָרן; פרייער אָפּגעאָטעמט; אַן עק...“

איז, איינער פון צווישן די אַלע באַזוכער אויך געווען — יהלום. גראָד אין דער שעה, ווען ער איז געקומען, איז אַזוי אויסגעפאַלן, אַז עס זענען קיין פרעמדע, זייטיקע, נישט געווען. בלויז אייגענע... דאָס, איז אים גראָד, (האָט ער גלייך דערהערט אין זיך,) נישט געווען איבעריק צום האַרצן. ער האָט, בכלל, אין זיין טבע, פיינט געהאַט בתכלית־השנאה צו גיין באַזוכן קראַנקע; באַזונדערס, קומען מבקר־חולה זיין אַ זעלכע, וואָס זענען פאַרלאָרן, האָפענונגסלאָז; האָבן נישט מער קיין רעטונג.. ער, האָט גלייך דערשפּירט, דערביי, אָט די גאַנצע פאַלשע היפּאָקריטישע ראָל, וואָס אים, דעם געזונטן, קומט דאָ אויס צו שפּילן, אין אַזאַ פאַל; די פאַרמאַסקירונג; אַלץ מיט אַנאַנדער; אָט דאָס קאָרטשען פון זיך — רחמנות, „עכט“ מיטגעפיל...; ניין, עס איז געווען איבער זיינע כוחות — דאָס אַלץ אַריבערצוטראָגן... וואָס — רחמנות, ווען — רחמנות?..., — בעת אין אים איז דאָס געווען אַזוי קלאָר: אַז „רחמנות“ האָט ער, אין בעסטן פאל — ווייל ער וויל אַזוי; האָבן רחמנות, — ווייל עס מאַכט אים גוט; לייכטער, פאַרנעמלעכער — זיין געמיט; אַף צו קענען אַריבערטראָגן, רואיקער, „געוויסנהאַפטער“ — אָט דעם צושטאַנד־זיינעם: פון זיין, אַליין, דערווייל, געזונט — קעגניבער יענעם, דעם קראַנקן, וואָס פאַר אים, ווען מעס שעה עס האָט שוין געשלאָגן; ווען די פאַטאַליטעט האָט שוין אַ רוף־געטון, אָנגעכאַפּט באַם גאָרגל, זי ווערגט, זי לאָזט נישט אָפּ; בעת ער, דער באַזוכער, (האָט ער געשפּירט, מיט טיפער געגוס־דערלייכטערונג,) בלייבט, דערווייל — אין אויסנאַם, אין דרויסן פונדערפון... עס הייסט, (אָפּן, מוטיק גערעדט) — געמיינער, נבזהדיקער, נידערטרעכטיקער עגאָיזם; קומען עקסהיבירן — די אייגענע אויבערהאַנט, איבער יענעם; (אָ, אָט די אַלט־באַקאַנטע, ווי די וועלט, אייביקע הרמת יד...;) מיט איין וואָרט: די אייגענע עקלהאַפטע שאַנד... טאָ, זיי, אַדרבה, אַ חכם; און קום, באַקלער, ווייז אָן — פון דעם אַלעם, אַן אויסגאַנג...

דאַרום, איז ער, איצט, געשטאַנען פאַרן קראַנקן — געפּערלעד־צעמישט; עס האָט זיך נישט געקלעפּט צווישן אים און דעם חולה — אָט יענער גאַנצער אַלטער סקאַרבאָווער סטערעאָטיפּנער קלישע־נוסח, וואָס ווערט, געוויינלעך, אָנגעוואָנדן, אין ענלעכע פאַלן; נאָר, דערביי, האָט ער געקוקט, פאַרבליפּט, יענעם אין די בורשטינענע (און — ווי אים

האָט, מיטאַמאָל, געגומען פאַרקומען — פּאַ ר ג ל ע ז ט ע ) בליקן; פאַרגומען, ווי ער, דער קראַנקער, (... וואָס ליגט אַף זיין טויטן־בעט: וועלכער געפינט זיך, ערשט, פון אים, פאַקטיש, אַזוי מוראדיק־ווייט־אָפּ־געשיידט, ווי עס איז דאָס — טויט, פון לעבן; הגם, צוריקגערעדט: ווער קען עס קאָווירן — צי עס איז, ווירקלעך, אַזוי ווייט דער מהלך צווישן ביידן...; איז: יאָ; ווי ער, דער קראַנקער מענטש, דער חבר וואָס פאַר אים,) פאַרזיכערט אים, (אין נאָכקום, אַף זיין פראַגע,) מיט אַ שוואַך, אמת, נאָד ד אָ ך באַרואיקט קול: „ — אַז ער פילט זיך — באַדייטנד בעסער, ל ג ב י פּ ר י ע ר ט . . . ; ״ דאָס הייסט, א יי ד ע ר דער אָפּעראַציע...; און ער, יהלום, האָט דערשפּירט, פּלוצים: וויאַזוי אָט־דאָס־אָ רודערט אים, אַצינדערט, אויף אינגאַנצן, פון גרויל... „אָ, וואָס טוט זיך דאָ? וואָס קומט דאָ, אייגנטלעך, פאַר?!.״

עס האָט אין אים אויפגעטויכט, ראַפּטעם, אַ ענלעכער פאַל, וואָס ער האָט, מיט יאָרן צוריק, געלייענט באַם רוסישן מיסטישן שריי־בער לעאָניד אַנדרייעוו, אין זיין באַקאַנטער נאָוועלע „זשילי בילי״: אויך — אין אַ סאַנאַטאָריע; וואו עס ליגן אָבער, אויסשליסלעך — נאָר אומהיילבאַר קראַנקע, און וועלכע געפינען זיך, שוין אין דער לעצטער סטאַדיע, האַרט פאַר דער אַנטבינדונג...; נאָר, דאָס מערקווירדיקסטע איז: וואָס זיי אַלע שפּירן זיך — זעלטן־גוט, האָפערדיק, גליקלעך־מילד־לייטזעליק און, דערעיקרשט: גרייט אָנצוהייבן אַ ניי יונג לעבן, אין שטראַליקע פריידן... אָבער, אַלע מאָל, אַפן פרימאָרגן, קומט אַריין — דער פּראָפעסאָר, בראש פון אַ גרופּע סטודענטן... גלייך, ווערט — טויט־שטיל. מע פאַרהאַלט זיך פאַר איינעמס אַ בעטל. ער, דער פּראָפעסאָר, נישט־וואַרפנדיק אַפילו קיין בליק אַפן קראַנקן, הויבט אָן...: און אַלע, אַרום, (אַזוי — די סטודענטן, ווי די קראַנקע,) נעמען זיך איינהערן, מיט אַן אָפּגעשטאָרבענעם אָטעם — אָ, אין יענער, (אימער — אַ חוץ קליינע וואַריאַציעס — זיך־כמעט־ווידערהאָלנדער) פּאַטאַלער קלינישער גע־שיכטע פון דעם: וויאַזוי „— אַ מ אָ ל, א י ז ג ע וו ע ן איינער, א. א. וו....״ איר, פאַרשטייט עפּעס אַביסל? דאָ, ליגט פאַר אייך — אַ מענטש, וואָס גרייט זיך אָנהויבן זיין לעבן פונדאַסניי; און אָט קומט מען גאָר צוגיין, זיך־שטעלן איבער זיין קאָפּ, און טון דערציילן פון אים: וויאזוי ער האָט אַ מ אָ ל ג ע ל ע ב ט . . .

נאָר אים, יהלומען, איז דען פון אָט דער דערמאָנונג גרינגער גע־וואָרן? ער, האָט אַלץ נישט־אָנגעהויבן צו באַנעמען: „.... ווי איז עס מעגלעך: וואָס ע ר , אַ פרעמדער, אַ זייטיקער, וו יי ס פון יע־נעמס פּאַטאַליטעט; בעת יענער, דער בעל־דבר אַליין, אין וועמען זיין

אויפלייז האָט אָנגערייפט ביז לעצט, הויבט נישט אָן צו ו י ס ן, צו אָנען זאָגאַר דערפון?! טאָ, וואָס־זשע, אם־כן, איז עס אַזוינס — דאָס וו י ס ן ? . . . אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין, אין זיין קראַנק צעפּיי־ניקט בלוט, אין זיין טיפער אונטערוועלט, יאָ, אין זיין גאַנצן אויפגעצאַפּלטן מהות, איז דאָך — אַלעס באַוואוסט, געשפּירט, העל־אָנגעזעען, אויסגעקלאָרט, אָנגערייפט; טאָ, ווי קאָן עס ד אָ ך דערלאָזט־זיין: וואָס צו זיין קלאָרן מוח און געפּיל, (וואָס שטייען אָנגעלאָדן, מיטן פּנים, צו דער דרויסן־וועלט פון אַרום,) שלאָגט גאָרנישט־צו, און עס גרייכט גאָרנישט פון דעם אַלעם, וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ אין אייגעמס אינערן? אדרבה: וואו שטעקט דאָ דער שטער? ווער איז ד ע ר , וואָס דערלאָזט נישט?.. און ס׳אַנדערע: וויבאַלד אַזוי, אויב די דאָזיקע טאָפּל־קייט און צעריסנקייט פון אייגעמס לעבן, די בלינדעניש, די פאַלשקייט, די אָפּנאַרעריי, גרייכט אַף אַזוי ווייט, — איז דאָך עס שוידערלעך־בעצם; איז דאָך דער מענטש פאַרלאָרן? צייגט עס דאָך, אַזוי באַשיינבאַרלעך־קלאָר: אַז געדאַנק און געפּיל ווייסן גאָרנישט?...

„... גאָר, אפשר, (לאָמיר רעדן צוריק,) נעמט זיך עס גאָר דערפון: וואָס זיי, (געדאַנק און געפּיל,) ווערן נאָכאַנאַנד אָנגעלאָדן, דאָס הייסט, אויפגעצוואונגען צו רעאַגירן מיט סענסאַציעס — אַף די פענאָמענס פון אַרום; אָט, וואָס עס פאַרשטאָפּט זיי, עס מאַכט זיי בלינד — צו זיך אַליין; דאַקעגן, דו, נעם,ליידיק זיי אָפּ פון דרויסנדיקן אָנפּלייץ; דו, רייס פון זיי אַרונטער די דרויסן־לבושים, די צוואַנג־אַחיזה אין צייט און רוים; דו, שפּאַר זיי אויף, באַפריי זיי; דו, לאָז געדאַנק און געפּיל קומען צו זיך; זיך־אומקערן צום אייגענעם אינערלעכן אינטימען נאַקעטן וויסן און פילן (דערהערן, פאַרנעמען דאָס שטילסטע קול־דממה־דקה פון דיין טראַכטן און עמאָציאָנירן,) א י ן ־ ז י ך , — און עס וועט, אפשר, דאַן, נעמען אויפגיין, אויפשלאָגן, אויפבליען אין זיי, (אין דיר) — אָ, דער הייליקער געטלעכער אומזין; די טיפסטע מענטשלעכע העלזעעריי; דאָס אייגענע איניקסטע איך־זיין.. ווער ווייסט?...״

און, נישט אומשטאַנד־זייענדיק, אוודאי, אין יענער הייסער מינוט, און דאָרט, אַף יענעם מקום מוכן לפורענות, צו לייזן אַזאַ טראַגיש פּראָבלעם; איז, נאָכדעם ווי צווישן אים, יהלומען, און דעם קראַנקן חבר איז אַלץ, וואָס האָט דאָ געהאַט געזאָגט צו ווערן, (און אַפילו — דאָס נישט־דערזאָגטע, אָבער — דאָס וויכטיקסטע, דאָס עיקרדיקסטע, דאָס טראַגיש פאַטאַלסטע; אמת, דאָס אָפּגעשוויגענע; אָבער דאָך — דאָס טיף־אָנגעאָנטע; און, פילייכט־אויך — אין געהיימער שרעק, אין בלוט־שפּירונג, מחוץ פון אויבנויפיקע געדאַנק און געפּיל, צווישן זייביידן — ד אָ ך

איבערגעלעבטע...,) געבליבן אויסגעשעפּט, — האָט ער, יהלום, גלייך דערשפּירט: אַז זיין פאַרבלייבן לענגער דאָרטן, איין רגע אַפילו, שיר נישט אויג־אָף־אויג, מיט יענעם חבר, פון וועמען ער האָט שוין שטום געגומען אָפּשייד, בעת ער האָט אים פאַרקוקט אין די בליקן טיף, העט ביז צום דנאָ פון זיין בלוט, ווי אין דער מיסטעריע פון נאָקעטן טויט, — וואָלט באַטייט — אַ געפערלעכע פאַרברעכעריש־אומ־פאַרציילעכע לעסטערונג — אין יענעם; פון וועמען ער איז שוין אָפּגעשיידט; און וועמען ער האָט שוין געלאָזן — אַליין; איינגע־זיגלט, איינגעצירקלט, אין זיין פּאַטאַלער שטרענג־איינזאַמער מחיצה מיט זיך; אָ, אין זיין לעצטן נאַקעטן ליבע־עקסטאַז־יחוד מיט זיין זיין... באַלד, ווען עס וועט קומען די לעצטע אַנטשיידונג, די אויפשלייערונג, די אַלדערזעעונג... און ער האָט, דארום, יהלום, אין טיפער שטומער פאַרנויגונג, ווי פאַר אַ געשפּענסט־זעונג, אַ פאַרבאַטענער יע־נער־וועלטישער טאַבו־רעוועלאַציע, גענומען אָפּגיין, שנעל הינטערווייַ־לעכטס, צו דער טיר...

●

— נו, און מיר גיט איר נישט די האַנט?..

האָרט באַ דער אָפּגעשפּאַרטער טיר, האָט אים פאַרהאַלטן דעם קראַנקנס אַן אייגענע, וועלכע האָט געוואַכט באַ זיין בעט, און זי האָט, דאַרום, נישט געטאָרט פאַרלאָזן דאָס צימער. זי האָט, איצט, אויסגעזען — שווער־פאַרטרויערט; אַזוי גוט, ווי אַלע אַנדערע פון דער פאַמיליע; וואָס האָבן זיך, ערשט, געפונען — נישט־ווייט פונדאַנעט, אין דעם קאָרעדאָר; און וועלכע האָבן דאָך געוואוסט פון אַלץ...; איז, אויב, אין אַנבליק פון קראַנקן, האָט מען זיך געמוזט קרעמפּירן, פאַרשטעלן, — איז עס דאָך אָבער, דאָ אַף דער טיר — ווייט פון זיין געלעגער, אין דעם שמאָלן לאַנגן צימער, אומדערגענגלעך צו זיין בליק און צו זיין געהער — נישט געווען קיין חיוב; און מע האָט, דאַרום, פריי געקענט נאָכלאָזן די שווערע בלוטנדע פּיין, וואָס האָט געקוועלט און געשטשעמעט דאָס האַרץ...

יהלום האָט אַ קוק געגעבן אַף דער פרוי, וואָס האָט אים, אומגע־ריכט, געשטעלט די פראַגע. ער האָט איר, (ווי זיי אַלע,) געקענט — נישט פון נעכטן; געווען מיט זיי היימיש; זיך אָפט געטראָפן, באַ פאַר־שיידענע געלעגנהייטן. ער און זיי האָבן פאַרקערט, באַגלייך, אין איינע־די־זעלבע קרייזן. אָבער פאַרשטייענדיק, אַז זיי אַלע באַנעמען אויסגע־צייכנט, וואָס עס דערוואַרט דעם קראַנקן, גאָר אינקורצן; און וועלכעס מען דערוועגט זיך אַפילו נישט אָנצורופן באַם נאָמען, עס אָפּערברענגען

אַף די ליפּן, פּאַר ציטערניש, — האָט ער, דאַרום, (דאָ, און אַצינד, באַ אַזעלכע אומשטענדן,) עס באַטראַכט, אַלס אויסערהאַלב צייט און אָרט — צו קומען, גאָר אינזינען האָבן — היימישקייט, קאָנטשאַפט, האַנט־דרוקן... ער האָט, דערפאַר, באַנייס באַטראַכט יענער פּרוי, און מיט חי־דוש. נאָר, וואָס מער ער האָט אַף איר געקוקט, (בעת מע האָט געביטן, אַגב, די געוויינלעכע באַנאַלע לעבלאָזע אויסדרוקן — וועגן דער „טראַ־געדיע־נעבעך, וואָס שפּילט זיך דאָ אָפּ, פאַר אַלעמענס אויגן, מיטן קראַנקן...") אַלצמער איז זיין שטוינען געשטיגן...

זי איז געווען אַ מיטלוויקסיקע שאַטענקע, אין די דרייסיקער; אַ מאַמע פון אַ קינד. אָ, זי האָט נאָך אויסגעקוקט זייער־יונג, און צעצונדן־בליענד אַפילו... אַ ווײַלע, איז אַלץ, דאָ פון אַרום — אָפּ; און ער, יהלום, האָט דאַן געגומען דערזעען אויפגיין אין זיכרון, פאַר זיין דמיון: „... ווי אַזוי, איטלעכס מאָל, ווען ער פלעגט זיך טרעפן מיט איר, אין ערגעץ; האָט עס געמאָגט אויספאַלן — אַפילו באַ איר אין דער היים; (וואוהין, אגב, עס איז אים ווען אויסגעקומען צו גיין; בפירוש, צוליב עפּעס אַ צוועק, אַ געזעלשאַפטלעכע שליחות פאַר עמיצן; אָ, אַלץ אין דער וועלט — ער וואָלט געמאָגט שווערן; וו אָ ס איר ווילט נאָר אליין, — נאָר נישט — ד אָ ס . . . ; ) איז אָבער, אויב דער צופאַל האָט עס נאָר געוואונטשן, אַז זיי ביידע, דאָרט־באותו מקום, האָבן זיך געפונען דאַן — אַליין, — אַזוי האָט ער גלייך געגומען מערקן: ווי זי, האָט אָנ־געהויבן ציטערן, אַף אים קוקנדיק; רויט־אויפגעבליט, ווי מאָן, אין איר גאַנץ געשטאַלט; און אין אירע בליקן — אַזויפיל שטום אומויסדריקלעך רירנד, דאָך — אַזוי־שאַרף־אויסדריקלעך געבעט; אָ, ווי קוים־איינגע־האַלטענער יאָמער — ער זאָל נישט אויסברעכן... אים, יהלומען, (האָט ער זיך, אַצינד, דערמאָנט, אַזוי טונקל־קלאָר,) פלעגט דאַן, אין אַזאַ גע־פערלעך־אַנגעשפּאַנטער ווײַלע, איינקלעמען, מחמת־עפּעס — אַ שרעק... קאָן זיין, איבער דעם, (ווי אים קומט, אַצינדערט, פאָר), ווייל, אַ חוץ אַלעם, אָדער, באַנאַנד מיט אַלעם, דאָס הייסט, האַנט־באַ־האַנט מיט דער אומבאַהערשלעכער אומאָפּהאַלטלעכער מסוכן־ווילדער תאווה, וואָס האָט געפּאַקט, (ווי מע האָט עס געזען, אַזוי באַש־יינפערלעך,) יענער אומגליק־לעכער פרוי, ווי איר באַפאַלן, קאַלויטעט אָנגעצונדן איר בלוט, איר באַם גאָרגל געווערגט, געמישט איבערגעקערט אירע געהירן אין קאָפּ, איר פּשוט פון זינען געבראַכט, איר ווילן געבראָכן, ווי זיך איבער איר איז־דיעקוועט, ברוטאַל פּרעך געשפּאָט, איר באַליידיקט דערנידעריקט, פון איר מיאוס חוזק־געמאַכט; איר געטריבן, אַ אומבאַהאָלפענער, צו שאַנד־זינד, צו עקל־ברעך.... — יאָ, באַנאַנד מ י ט , (און, אוודאי, טאַקע

צ ו ל י ב ) דעם אַלעמען, האָט ער, יהלום, אויך (איצט, זעט ער עס שוין איין קלאָר), געפּלעגט דאַן באַמערקן, אין איר בליקן אַף אים — אַזאַ העלישן פלאַם פון שווידערלעכן האַס; אוודאַי: „...הלמאַי ער, דער נידערטרעכטיקער, דער אויסוואורף, (וואָרום: ווער דען, אַז נישט אַזאַ געמיינער טיפ, וועט זיך עס דערלויבן צו נעמען און צעלייגן אין דעם ערנהאַפטן לייב פון אַ אומבאַשפּרענקלטער רעספּעקט־פּאַרדינסט־פולער דאַמע פון דער געזעלשאַפט — אַזעלכע טומאה־פייערן פלאַמען שייטערהויפנס פון פאַרבאָטענער אומגעזעצלעכער פאַרברעכערישער לוסט?..) דערוועגט זיך גאָר — צו קומען, אַריבערטרעטן די שוועל פון איר היים; זוכן, צו בלייבן מיט איר — אַליין, אויג־אַף־אויג; איר צו פּאַקן — אין דער שוואַכער לוינע פון דער פרוי, אין דער שלאַבעריקייט פון איר לייב, פון איר מין; אום איר צו אַנטבלויזן, אויסטון נאַקעט אינגאַנצן, ביז לעצט; איר צייגן, און איר זעען פאַר זיך, ווי אין אַ שפּיגל, אין איר גאַנצער געפאַלנקייט; אַ, זיך־באָדן אין איר בלוט; אום צו קע־נען, געוויס, זיך־אָנלאַכן פון איר גענוג, וויפל גאָר זיין טרפה׳ן הארץ גלוסט; אַוודאי, וואָס דען אַנדערש קאָן אים טרייבן, דעם אומלייט, דעם שאַרלאַטאַן, צו איר, אַ מוטער פון אַ קינד, אַז ער זאָל קומען, און רויבן פון איר איר רו?..״ און זי האָט זיך, דאָרום, געווערגט געשטיקט גע־ראַנגלט, מיט די בראַנדיקסטע אַנגסטן, ביז לעצט; זי האָט רעבעלירט; ניין, זי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן; מיט די לעצטע שפּורן פון ווערדע צו זיך אַליין, האָט זי זיך קעגנגעשטעלט; געפּערלעך אָפּגעוווערט — קעגן ביידן: קעגן ז י ך , נישט־ווינציקער, ווי קעגן א י ם ; און, באַנאַנד מיט איר גיפטיק־ליידנשאַפטלעכער האַס־ליבע צו אים, האָט ער געזען, אין אירע אויפגעדראַלענע בליקן — איר צעצאַפּלטן קוים־אָפּגעהאַלטענעם געבעט־יאָמער צו אים: „ — אַז ער זאָל איר פאַרלאָזן; און טאַקע מער נישט־צוריקקערן; זיך נישט ווייזן פאַר איר, נישט־קומען מער פאַר אירע אויגן, פאַר איר פאַרזאָדן געמיט; זיך־אָפּטראָגן — גיכער, וואָס־שנע־לער, אַ, כל־זמן עס ווערט נישט שפּעט, חלילה, נאָך אַלעמען; עס וועט געשעען דאָס גרויזאַמע, דאָס שווידערלעכסטע; עס גייט אויסברעכן אי־בער איר קאָפּ — דער שטורעם, אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע; אַ, באַלד, וועט עס זיין אָפּגעטון, אַף נישט צו קענען צוריקכאַפּן מער; ווייל, זי וועט עס נישט־אויסהאַלטן — מע הערט? — זיך אַ מעשה־אָנטון; זיך, און אים... ער האָט געהערט, וואָס זי וויל פון אים?...״

„... און ער, יהלום; כאָטש ער האָט זיך נישט געקענט פאַר אַזאַ דעליקאַטן איידלמאַן; בעת, צוגלייך, עס האָט אים אויסערסט־געלאָקט, און גערעגט זיין קוריאָזיטעט — די אינטריגע אַליין, — האָט ער איר

דאָך געפֿלעגט פֿאָלגן — איטלעכס מאָל, ווען זי האָט עס נאָר פֿון אים פֿאַרלאַנגט, פֿון אים געפֿאָדערט; האָט ער גלייך געגומען, איבערגעריסן גוואַלדזאַם די עלעקטריזירטע אַנטענע־אַנגעשפּאַנטקייט צווישן זייביידן, דעם טייפֿלשן צויבער; אַ רודער־געטון אין דער געדיכטער געפּערלעך־אָנגעהייצטער אַטמאָספֿער, וואָס האָט זיי געהאַלטן ביידן אייגגעדרענגט און געשטיקט; ער האָט דערלאַנגט אַ קער, און מיט איין קלאַפּ, צע־שטערט דעם שווער־דריקנדן קאָשמאַר; נאָך באַוויזן, צולעצט, מ י ט ט י פֿ ע ר פֿ א ר „ע ר" ו נ ג, זיך פֿאַרנויגן פֿאַר זיין דאַמע; זיך־אָפּגעריסן פֿון דאָרט, און... אַזוי; ביז ער איז, ענדלעך, איין מאָל, פֿון איר אינגאַנצן אַוועק. נישט־צוריקגעקערט מער — איר העצן; פֿאַר נסיון שטעלן. ער, דער שטאַרקערער, דער מאַן, האָט איר, דער שוואַכער, איי־ב־יק־געגרעכטער פּרוי, לסוף, געלאָזן צורו..."

...: און זינט דאַן, איז געווען פֿאַרלאָפֿן — אַ צייט.. נו, האָט ער דאָך געטון איר ווילן; אמת — פֿיין פֿון זיין זייט? איז דאָך — גוט...

אָבער אַצינד, ווען זי איז געשטאַנען פֿאַר אים און גערעדט, (נאַ־טירלעך — ווי דערמאַנט פֿריער — בלויז פֿון דעם שווערן אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן דעם קראַנקן;) און בעת דער שווערער טרויער־אויס־דרוק, די צערודערונג, די זאָרג, די שרעק־אַנגסט האָט באַגלייט איר איט־לעכס וואָרט, — האָט ער, יהלום, מיטאַמאָל, דערשפּירט איר הייסן אָפּ־געהאַקטן דעך, ווי ער האָט אים אַ צי־געטון צו איר... און ער האָט, ערשט, אַריינגעקוקט אין אירע הייסע הונגעריקע לעכצנדע בליקן, פֿון דער יונגער נאַקעטער „זי" — אומעטום; און ער האָט, פּלוצים, דערזען אין איר — גייס, וואָס האָט אים אויפֿגעשווידערט! דאָס איז געווען — איר אַבסאָלוטע רעזיגנאַציע פֿאַר אים — איר אומפֿאַרמיידלעכע פֿאַטאַ־ליטעט... „...אַ, זי האָט אָנגערייפּט, אין משך פֿון דער צייט, וואָס ער האָט איר פֿרייגעלאָזן פֿון דעם שאַנד־פּאַקט, וואָס זייער בלוט האָט געדרענגט צו פֿאַרשניידן צווישאַנאַנדער; וואָס ער האָט איר געלאָזן גענצלעך צו זיך; איר נישט געקומען שטערן מער אין גאָרנישט... איז, איצט, קומט זי, אַליין — זיך בעטן; אים דערמאָנען — יענע אַלטע (יונגע) זיסע רגעס פֿון געווען... „... אַ, ניין, טייערער פֿריינט מיינער, האַרציקער... זי, רעבעלירט נישט מער: זי האָט זיך אונטערגעגעבן; און זי איז שוין באַרייט אַף אַלץ... זאָל זיין, וואָס עס וויל, וואָס עס דאַרף; ווייל זי האָט נישט קיין כוח מער, קיין ווילן — זיך קעגנצושטעלן... אַ, עס איז זינ־לאָז אַלץ; קום!..."

און עס איז, ערשט, מיט אַן אמת, געוואָרן שווער צו דערגיין — אין דעם שווערן טרויער, וואָס האָט געקאַרבט געמאָרדעוועט דאָס גע־

שטאָלט פון יענער, נאָך פאַרהעלטנישמעסיק־יונגער, נאַר, קענטיק, שוין אויסדריקלעך־פּאַטאַל־פאַרורטיילטער, פרוי: אין וואָס, אייגנטלעך, ער, (איר טרויער,) באַשטייט מער: צי אין דעם, וואָס יענער, דאָרט אָפּן גע־לעגער, ראַנגלט זיך לעצט מיטן טויט; אָדער, (זי, האָט, אין דעם איצ־טיקן מאָמענט, א י ם גאָרנישט אָנגעהויבן צו געדענקען אַפילו, אַז ער לעבט אַף דער וועלט; און) איר טרויער, איר פּיין האָט זיך גאָר גע־נומען דערפון „ — וואָס זי אַליין — מע הערט? — איז געפערלעך קראַנק, אומהיילבאַר, פאַרביי!...״

זי, האָט, אַצינד, געקוקט, אַף יהלומען, מיט לעצטער פאַרלאָרנקייט; ביז זי האָט, מיטיינמאָל, אויפגעצאַפּלט; און, מיט פאַרצווייפלטער דרייסטקייט, און אומקרעמפירט איינגאַנצן — פאַר וועמען פון אַרום; (ווי איינע רעדט: „ — וואָס קאָן זי שוין אָנווערן?...״) האָט זי אים אָפּן איינגעלאַדן, גערופן מיט אירע בליקן — נאָך זיך.. „ — ער זאָל ש ו י ן גיין מיט איר, גלייך, אומפאַרזאָמט — אין איר צימער...״

נו, און ער, יהלום? ער האָט, ערשט, געקוקט אַף דער עלנטער צעוו־דערטער טיף־אויפגעטרייסלטער פאַרלאָרענער פרוי; באַלד, אויך דער־זען, אין אירע בליקן — דאָס צימער, וואוהין זי, די אויסגעהונגערטע, האָט אים, מיט אזא הייס בלינד געבעט, אַזא פלאַמיקער תפילה, גערופן נאָך זיך; (בעת ער, האָט, צוגלייך, אויך ג ע ז ע ן — אַ ל ע א י ר ע ב אַ ג ע ר ן , מיט וועלכע זי האָט געלעכצט צו לעשן, אָ, כאָטש אַף אַזויפיל, די בראַנדיקע אויסצערונג פון איר לייב;) יאָ, דאָס צימער, אָן דאָ־טאַקע, באַלד אַפּן אָרט; אָ, אָט דאָס אַלטע אייביקע פרויען־צימער, זינט וועלט איז וועלט; די פאַטאַלע נאַטור־אין־זיך, וואָס איז תמיד אָנ־באַרייט — פאַר די מעכטיקע, פאַר דער פאַטענץ; וואָס זאָגט זיי, קיינ־מאָל, אין גאָרנישט נישט אָפּ; אָ, די אייביקע בלינדע מאַמע־ערד, די אישה קרקע עולם היא, וואָס גיט זיך אָפּ, מ י ט ל יי ב , צו יעדן, ווער עס איז נאָר אומשטאַנד — איר צו נעמען, איר צו באַמאַנען...; איר צו צענעמען, דורכאַקערן, פאַרזייען; פון אים, וועט זי גלייך אויפ־נעמען די זריעה; און — וואָס ארט אייך! — דער זווג וועט שוין עולה־יפה־זיין; און זי וועט פון אים, אומפאַרזאַמט, אין טראָגן גאַרגיין...; און ער (יהלום,) האָט געקלערט: „... צי זאָל ער מיט איר גיין, אַצינד; נע־מען פון איר לעבן דאָס, וואָס זי וויל אים איבערגעבן?.. איי — מאַראַל, טוגנט, די אומבאַרירלעכע אומפאַרלעצלעכע ערע פון דער פרוי? אָבער, וואָס רעדט ער? וואו איז זי דען פאַראַן, די מאָראַל — אַלס טוגנט־אין־זיך? אין דער נאַקעטער נאַטור אפשר, וועלכע איז, (ווי מיר האָבן עס, אַקאָרשט, אַזוי פרעך־העל, צוגעזען אַליין,) אַמאָראַל לגמרי; לחלוטין;

לויז פון דער לאַסט? טאָ, פון וועלכער ע ר ע, (עס איז צום לאַכן ממש,) רעדט ער דאָס, אין באַצוג צו דע ר„זי", וועמעס איינציקע פאַ־טאַלע ע ר ע איז — דער „ער"?... אדרבה, נאָכאַמאָל: וואָס איז — מאָראַל? וואו און ווען איז זי דען אינערגעץ פאַראַן — אין דער נאַטור, אין דעם זיין — אומאָפּהענגיק פון מענטש, (איר דערפינדער, איר אויס־דאַכטער — פאַר זיין לוינבאַרקייט־וועגן,) מחוץ פון אים? אָ, צי צווייפלט דען נאָך עמיצער דערין: אַז זי, די מאָראַל, ד ע ר פ ר ע ד י ק ט פ ו ן אָ ב נ ע ג י ר ו נ ג , הויבט ערשט אָן — מיטן מענטש; וועל־כער האָט זיך־דערטראַכט צו איר, (און זי, ע ר ש ט נ אָ כ ה ע ר , א ו ן מ ח מ ת ד ע ם ט אָ ק ע , „דערפילט" אין זיך) — אויס־שליסלעך נאָר דערפאַר: אום צו קענען „אויפהאַלטן" — זיין עגאָ אַליין; זיין אייגענעם איינציקן איך? („אויפהאַלטן" — אַזוי, אַגב, קומט אים פאַר, אין זיין בלינדקייט; בעת, אין זיין טיפער אינטימער וואָר אָבער — דרענגט איטלעכער, צו צעשטערונג: צום לעצטן רו־אומקום, אין דעם כאָאָס פון אומזיין; און אַלציינס, צי איינער ברענט זיך אויס, אַלס קרבן, אין די פייערן פון ליכטיקן אידעאַל, אין דער זעלבסט־אָבנעגירונג, אין דער ז י ך ־ אויפאָפּפערונג צום גאָט פון ליבן דעם מיט־מענטש; אָדער, ווי די פרוי, וואָס ברענט זיך אויס, אַלס קרבן, אין די פלאַמען פון ליידנשאַפט, א ו י ך — אין דער זעלבסט־אָבנעגירונג, אין דער ז י ך ־ אויפאָפּפערונג צום גאָט פון ליבן דאָס מענטש־קינד, דעם מאַן; יאָ, אַלציינס, אַזוי — צי אַזוי; און צי אין ליבע, ווי אין האָס; צי אין זינד, ווי אין טוגנט; צי אין גוטס, ווי אין שלעכטס־טון; דורך לויטערקייט — מע הערט — ווי דורך שאַנד, — צערט זיך איט־לעכער אויס, אין זיין אינערן, אַלציינס; אין זיין בלינדן גאַנג צו זיין פאַטאַליטעט; אין זיין דערפילן זיין מיסיע — פון דעם פאַטאַל־פאַרור־טיילטן צו אונטערגאַנג — זיך זעלבסט צו דערפירן צו לעצטן אויפלייז, נישט־ווערן... — היינט — וואָס?...)

„....דאַרום, איז, נאָכאַמאָל: צי זאָל ער איר נאָכגיין, דער „זי", אין איר רוף?..."

אַזוי, איז ער געשטאַנען און געקוקט אָף דער שיכורער צעצאַפּלטער פרוי, וואָס פאַר אים; דער אָרעמער, דער פאַרוקטער; ממש, דער תּובעת־בשוק; ד ע ר , וועלכע איז גרייט געווען, ערשט, אָנצוגיין, אַ באַ־נומענע אָן עקזאַלטירטע, ווי אַ פאַרצייטישע הײדנישע פריסטערן, מיט דער עכטער נאַקעטער, פריי פון שולד צי פון אומשולד, נאַטור־עבודה, זיך צוברענגען פאַר אַ גלוסט־קרבן, אָ, אין דעם אייביקן וועלט־טעמפּל פון דער שאַנד; ניין — דער אייביקער פ ר ו י ־ מ אַ מ ע, אויס ווע־

מעס בלינדער לעכצנדער טראַכט עס שפּאַרט פּאַטאַל, (אין אומענדלעכער פּיין פון דער וועלט, פון דעם לעבן, פון דעם זיין,) אָ, דאָס איי־ביקע אומשולדיקע קינד פון דעם מענטש, דער פּאַטאַלער הייליקער באַצייכנטער בן־אָדם, צו דער ליכטיקער שיין... און מיטאַמאָל, האָט אים, יהלומען, איבער־געפאַלן — אַ פרישער געדאַנק: און ער האָט אים, גלייך, אונטערגע־טראָגן, ווי אָפּגעריסן אינגאַנצן פון אַלץ אים־אַרום...

„... יאָ, (און ער האָט, ווי מיט באַנייטן פיבער, אַ ברען־געטון ווייטער,) אָבער, צוריקגערעדט; (לאָמיר נאָר איינזעען, געלאַסן, באַזאַכט;) איז אייגנטלעך: ווען אַפילו ער, וועט נישט־גיין; נישט טון אַרויסברענגען דעם דראַנג פון מוח און פון אימפּולס, מן הכוח אל הפּועל, — איז עס דען נישט, אין תוך פון דער אָנגעלעגנהייט, אַלציינס ווי יאָ? אַלציינס, ווי די באַגאַנגענע טאַט — פון די גלידער? וויבאַלד, אַז עס האָט נאָר אין אים אויפגעשלאָגן — דער דראַנג, דער ווילן, די לוסט, די גלוסט, דער ברען; מיט איין וואָרט: דער אימפּולס, און די פאָרשטע־לונג, די אימאַזשינאַציע, דאָס אויסמאָלן־זיך, דאָס דומען, דאָס טראַכטן, ביז זיך דאָס האָבן דערטראַכט צו דער טראַכט?.. וואָרום, (לאָמיר נאָר זעען, ווידעראַמאָל): וואָס, אייגנטלעך, איז דען אַזוינס — טאַט? איז דען נישט אַלץ — טאַט; די טאַט פון דער ביאָלאָגיע; אַזוי — די טאַט די אויסערלעכע, — פון די גלידער — אין דעם אַרום; אַזוי — די טאַט די אינערלעכע, אינערהאַלב דעם מענטש־מהות גופא: אין זיין אינסטינקטן־וועלט; אין זיין וועלט פון מאַרך און איב־טעלעקט?... און אפשר, (איר הערט,) גיין נאָך־וייטער, נאָך טיפער, נאָך העכער, און אַ קלער־טון: ניין, /נישט די טאַט די דעגענערירטע, ווייל אַראָפּגענידערטע אין די צייט־און־רום־דימענזיאָנען פון דעם לעבן; גייערט, יענע לויטערסטע טאַט־אין־זיך; אָט די טאַטזאַכלעכקייט פון דעם אומענדלעכן פאַראַנען־זיין; פון דעם אייביקן געשעען־אין־זיך; עס מיינט, אין דעם כאַראַקטער־אופן־זיין (אַדימענזיאָניש,) פון אומענדלע־כער אומרו און רו, אין אייביקן געראַנגל; פון קפיצת הזמן והדרך; אָן דאָרט, וואו מען דערזעט — אומענדלעכן אומרו־און־רו־געשעען, אין פאָרויס, ווי אַף צוריק; וואָס בלויז אַ געגידערט אָפּבילד דערפון איז דאָס טאַט־געשעען, אין צייט און רוים, אין דעם לעבן; ווי אויך אין די געדאַנק־און־געפיל־וועלטן, וואָס זענען ענג־צוזאַמענבאַהאָפטן מיט די דרויסן־פענאָמענס פון דעם לעבן; דאַקעגן, דו פּרואוו נעמען, (ווי שוין דערמאָנט אויבן,) געדאַנק און געפיל, און בינד־זיי־אויף, באַפריי זיי פון די פענטן פון דעם דרויסן; דו, לאָז זיי קומען צו זיך ,דערהערן דאָס איי־גענע אינטימע נאַקעטע טראַכטן־און־דאָס־פילן אין־זיך, — און עס

וועט גלייך אויפשלאָגן אין זיי, אין דיין געמיט, אין דיר, — די העכסטע לויטערסטע, אָ, נאָך־קיינמאָל אין דיר ביז־איצט־געאַנטע, טרוים־אילו־זאָרישסטע שוואונג־טאַט־אין־זיך, אין דעם אומענדלעכן זיין...״

נאָר, צוקומענדיק ביז אַהערצו, האָט זיך יהלום געכאַפּט גלייך: ווי ווייט ער איז פאַרפלויגן; שיר, זיך נישט־אָפּגעריסן פון וועלט און פון דעם לעבן אינגאנצן; און ער האָט געצומען זוכן אַ אַחיזה, אַ אָנשפּאַר; צו־ריקקערן; ווי גראָבן, אין אַ פייערדיק־צעשטורעמטן ים — צו יבשה; און ער האָט ווייטער געבערנט, מיט פיבער:

„... אָבער, צוואָס זיך־פאַרנעמען אַזוי הויך, — ווען וויבאַלד עס איז גענוג צו וואַרפן איין בליק אין אַרום, און גלייך דערזעען: ווי אַזוי אין דעם לעבן דרעגנגט חלום, אילוזיע — טיף אין דער וואָר; אַף אַזוי ווייט, — ממש, נישט ־ אָפּצעטיילן.. וואָרום: נעם באַאָבאַכטן ד אָ ס א י ב ע ר ל ע ב ן , וואָס אימפּולס און געדאַנק מאַכן אַדורך — בעת זיין א ו י ס ע ר ל ע כ ע ר טאָט: בעת דיין אַריבערטרעטן דעם דעם אייגענעם תחום, און קומען אין באַריר, אין באַהעפט — מיט אַ אַנדערן, אַף ווענען די טאַט ווערט אַנגעוואָנדן, (און — אויס־און־אָפּ־געלאָדן...), — אַזוי וועסטו גלייך איינזעען: ווי דאָס זעלבע שווערע א י ב ע ר ל ע ב ן, דער אויפשטורעם אין דיין געמיט, דער פלאַם־אומרו, וועט שלאָגן אין דיר, אַצינד, — בעת דיין נאָכדומעניש דערוועגן; (און אפשר — מע הערט — נאָך שווערער: מחמת דעם אָפּהאַלט, דער נישט־אויסלאָדונג, דער שטיקונג;) אָט דער אַלטער זאָג; קשים הרהורי עבירה (דאָס ד ו מ ע ן ־בלויז וועגן טון־איבערשרייטן דעם אייגענעם גבול,) יותר מעבירה עצמה...

„...וואָרום, עס איז דאָך קלאָר; איז — ו אָ ס, אַז איך האָב א י ם, דעם מנוול אין זיך, אָפּגעהאַלטן פון דער טאַט — כלפּי־חוץ; אָבער — ע ר אין מיר, ע ר ־ א י ך , לעבט דאָך, שלאָגט־צאַפּלט, אָן אויפ־הער; ער, וואָס האָט דאָס געוואָלט, — וויל דאָך דאָס — אויך ערשט, תמיד, אייביק; אָ, דו לאָז אים נאָר צו, — און דו וועסט גלייך איינזעען, אַף וואָס ער איז אַלץ קאָפּאַבל — ע ר ־ א י ך . . . און ווען אַפילו ער איז — נידערטראַכט, ער איז — פאַרברעכן, — איז ער דאָך אַלץ פאַראַן אין מיר, און ער ווירקט; און נישט — אין מיר, אַלס אָ נ ־ ה ו י ב , — נייערט, פאַטאַל־אומפאַרמיידלעך, אין מיר — אַלס אָפּ־שפּיגלונג פון דער אייביקייט, פון דעם זיין...״

יהלום האָט ערשט געמאַכט אַ גריילעכע אָנשטרענגונג איבער זיך; ווי דערוואַכט־פון אַ קאַשמאַר, זיך ־ אָטשוכעט, און אַרומגעקוקט. ער האָט דערזען פאַר זיך די אַלע סוביעקטן פון פריער, די פאַמיליע פון דעם קראַנקן; און עס האָט אים עפּעס די גאַנצע זאַך געגומען פאַרקומען אַזוי

אויסטערליש־מאָדנע. ער איז געווען באַ זיך אַזוי העל־זיכער: „... אַז זיי אַלע, דאָ, וואָס האָבן זיך, די גאַנצע צייט, געפונען אַנוועזנד, בעת ער, מיט דער פרוי אַף דער שוועל, האָבן עס געפירט, אַזוי שטום־עלאָקווענט, די גריילעכע שענדלעכע ליבע־דינגעניש, — האָבן, מיט זייער גאַנצן זיין, מיט אַלע פיבערן פון זייער טראַגישן מענטשלעכן קיום — פון אַלץ געוואוסט, ווייל — אַלץ צוגעזען, אַזוי נאַקעט־קלאָר; גו, און ער און יענע פרוי, האָבן דאָך אַ וודאַי צוגעזען — ווי אַזוי יענע, די לייט, האָבן אַלץ געזען; און דאָך — ולא יתבוששו; האָט זיך דאָ קיינס, קענטיק, ניישט־געשפירט קרעמפירט, אַף אַזויפיל — מיט דער נאַקעטקייט; אין אָט דעם לעצטן נאַקעטסטן זיין — מחוץ פון וועלט און מענטש; אין אָט דעם אייביקן דזשונגל־גן־עדן, אויס וואַנען אָדם און חווה זענען גאָר (אַ ליגן!) קיינמאָל ניישט פאַרטריבן געוואָרן; ניין, זיי גייען שטענדיק דאָרטן אַרום — נאַקעט, פאַר אַלעמען אין די אויגן, פאַר גאָט און פאַר לייט, לעין־השמש, ווי די בעסטיעס אַלציינס, און זיי שעמען זיך ניישט.. איין רוף פון „ער" צו „זי", און פאַרקערט, — און צויג און הונט צעוואַלגערן זיך גלייך, נעמען סקאַוואוטשען, גאַווערן, אומגעשטערט..."

יאָ; ער, יהלום, איז ערשט געווען זיכער: „ ... אַז בעת ער איז דאָ געשטאַנען און געדומעט, אין זיין וואַקכאַנאַליע מיט יענער פאַטאַל־פאַרמישפטער פרוי, — זענען זיי אַלע, דאָ אַרום, (הגם, איטלעכער, אין פלוג, געוויס פאַרטון, ווי אַ פאַרמישפטער, ביז איבערן קאָפ — אין זיין אייגענער טראַגיק געגוג; איטלעכער — מיט זיין פאַטאַליטעט; מיט זיין, אַזוי אייפערדיק־אין־געהיים־איינגעהיטער — אַזוי מיינט ער — שאַנדטאַט; און וועלכע האָט, גראָד־דערפאַר, אַזוי פרעכטיק־בליענד־געשיינט אַף יעדנס מענטשלעך, אָ, שויך־צו־מענטשלעך, גע־שטאַלט...;) דאָך, (אין דער זעלבער צייט, און דווקאָ־דאַרום,) זענען זיי אַלע געווען, אַזוי בלוטיק־אַקטיוו,פאַטאַל, באַטייליקט — אין דעם זעלבן שאַנד־פאַרברעכן־קאָשמאַר, וואָס ער, יהלום, האָט דאָ אָנגעפירט — פאַר זיי אַלע; פאַר זיך, און פאַר זיי, ווי איינס. ווייל אַלע — מע הערט — זענען איינס, פאַר דער פאַטאַליטעט; זענען — איינס: אין דעם פאַרורטייל פונפאָרויס; און אין דער אומפאַרמיידלעכער עקזעקוציע.. יאָ; אַלע — איינס. איין פאַרברעכן, איין שולד, איין אורטייל; דער גאַנג פון לעבן צו טויט... וואָרום — מענטש, אינגאַנצן; וואָס איז דען — מענטש? די פרוכט פון אַ שענדלעך־פאַרברעכערישער גוואַלט־טאַט; פון זינד, פון שאַנד. אָ, זי, די שאַנד, ברויזט און זידט אין יעדן איינעם. דאָס בלוט אַליין איז רויט־הייס־אָפגעקאָכט, פון שאַנד... ער איז, דאַרום, דער מענטש, שוין מיט זיין געבוירן־ווערן אַליין, פאַרורטיילט, ווי אַ פאַר־ברעכער, ווי די פרוכט פון פאַרברעכן — צום טויט, צו אונטערגאַנג;

צו וועלכן ער גראוויטירט, מיט זיין גאנצן אָטעם־דעך, אין דעם לעבן. ער, מענטש, איז באַצייכנט, געבראַנדמאַרקט פון דעם גורל. זיין גאַנצער גאַנג אינעם לעבן, דאָס איז — זיין אַרומגאַנג אין דער לעבנסלענגלעכער תפיסה; אויס וואַנען קיין אַנטרינונג איז נישטאָ פאַר אים — אינער־געץ; ווייל זי, די תפיסה, פילט אויס זיין גאַנצעס זיין; איז — דאָס לעבן; איז — ער אַליין; וועלכער שפילט אויס זיין ראָמאַנס פון ליבע און האַס, פאַטאַל געקנופּט און געבונדן, מיט זיין גאַנצער וועלט פון אַרום — זיינע פריינט, זיינע פיינט; נאָר אַלע, אַלציינס, זענען — זיינע ריכטער, אַף דעם לעבנס־פּראָצעס זיינעם; אָבער נאָכמער — זיינע הייגרייכטער: וואָס פירן אויס איבער אים — לאַנגזאַם, בהדרגה־דיק, אָבער גרויזאַם־פאַטאַל־אומפאַרמיידלעך — דעם טויט־אורטייל, מיט וועלכן ער איז באַצייכנט פונפאַרויס...

„... אמת, ער, דער מענטש, (ווי אנענדיק אָט דאָס פירכטערלעכע געהיים־מיסטעריעזע, נאָר — דאָס עכטע, אָ, דאָס איינציק־וואָרע, וואָס טוט זיך אַלץ אָפּ אין און אַרום אים), — פּרואווט זיך, תחילת, וו ע ר ן , שטעלן אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד — זיינע „אומזע־באַרע״ פאַרפאָלגער; ווען ער שנאַפּט אָן, אין דעם הייסן אָטעם זייערן אַף אים; הגם ער איז נאָכטיש־בלינד — זיי צו קענען דערבליקן, אַף דער העל; און ער דרענגט, מיט אַלע וועגן, זיך פון זיי אַרויסצודרייען; כאָטש — וויאַזוי?, — דאָס ווייסט ער אַליין נישט... און ער זוכט צו אַפּעלירן, אַף בלינד, (צושטעלן אַ אַפּעלאַציע) — צום העכסטן טריבונאַל פון דער פאַרנונפט, ווי פון דעם לויטערן אָרנטלעכן און ערנהאַפטן געפיל; און ער זוכט — אַ ל יי ן , לײַדנשאַפטלעך, ערנסט, אויפצושטעלן די דאָגמען פון שכר־ועונש, פון אַנשטענדיק פיין ערלעכגערעכט לעבן, וואָס זאָרף קריגן — די פאַרדינטע באַלוינונג; אין קעגנזאַץ צו פאַרדאָרבן פאַרברעכעריש לעבן, פאַר וועלכן עס קומט — די גרויזאַמע אומפאַר־מיידלעכע שטראָף.. און ער טוט דאָס אַלץ, דער ערלעכער מענטש, דער־פאַר, ווי אייגנער רעדט, ((צו זיינע א ו מ ג ע ז ע נ ע, אמת, נאָר אי־מעו', ווי ער שפירט, אָ נ וו ע ז נ ד ע — (הינטער אַלע נאטור־עלע־מענטן, און הינטער אַלע מענטשן, וואָס ער זעט י אָ פאַר זיך; אָבער וועלכע זענען דאָס א ז ו י צו אים, ב ל א־ י ו ד ע י ם: פאַר זיך אליין, אובאַוואוסט, אַף דער ראָל, וואָס זיי האָבן עס אויסצושפּילן, אין זיין לעבן; און וו ע ר , אייגנטלעך, עס שטייט הינטער זיי, און דרענגט ז יי — ווי אינסטרומענטן, אין די לאַפּעס פונעם תלין — אויסצופירן איבער אים דעם אורטייל פון זיי) — ז יי נ ע פ אַ ר פ אָ ל ג ע ר ; יאָ, איז, צו זיי, די לעצטע, ווי געזאָגט, די אומגעזעענע, אָבער, הינטער אַלץ און אַלעמען, די אָנוועזנדע, רעדט ער, און ער רופט, און ער מאָנט.

ער איז מתחנן:)) ,,— קומט, אַדרבה, און זעט — דאָס אידעאַלע לויטערע לעבן, וואָס מענטש איז אומשטאַנד צו לאָזן אויפבליען, ווען מע לאָזט אים נאָר גיין רעכטפאַרטיק; און אַצינד, זאָגט אַליין: איז, קומט אים נישט, דעם מענטש, זיין באַלוינונג, פאַרדערפאַר? פאַר ז יי ן לעבן, (דאָס עכטע, אָרנטלעכע) — ד אָ ס לעבן?... (דאָס אייביקע.)״

,, ... און דאַך... ביז, ער דעקט־אויף, דער מענטש — דעם שוידער־האַפטן ליגן; ער קוקט זיך אַרום: ווי ער שטייט און רעדט צו טויבע ווענט; צו בלינדע שטומע עלעמענטן...; עליי, ווי קיינער, מיט אויגן, מיט פאַנונפט, וואָלט אים נישט־באַאָבאַכטעט, נישט פאַרנומען; ער איז —מוראדיק־קאָסמיש־עלנט; פאַרזונקען, מיט זיין גאַנצן זיין, אין דעם אומענדלעכן בלינדן־טויבן בושעווען פון עלעמענטן, וועלכע הערן נישט־אויף אויסצופירן איבער אים, גרויזאַם־לאַנגזאַם־אומויפהערלעך — דעם גזר: זיין בהדרגהדיק דעגענערירן־אָפּשטאַרבן — אינעם לעבן...; און וויאַזוי ער אַליין לאָזט זיך שוין נאָך; גיט זיך אונטער דער דעקאַדענץ; ער גופא נעמט־זיך צוריקציען פון פאַרנונפט, פון לויטער געפיל; ביז, ער, לאָזט, אומגעשטערט, זיך־צעעפּענען־אויפשלאָגן אין־און־איבער אים — די גריילעכע מוטנע אַלץ־פאַרפלייצנדע אונטערוועלט ־ קלאָאַקע פון שאַנד׳... עליי, ווי שוין זעלבסט צו קומען באַרעכטיקן אַף זיך — דעם גזר, דעם טויט־אורטייל, דעם סוף...״

יהלום האָט זיך, ערשט, ווידער אָטשוכעט, געקומען צו־זיך, זיך־אַרום־געקוקט: און באַנייס, זיך אַלץ דערזען שטיין דאָרט, באַ דער שוועל פון יענעם צימער: וואו, א י נ ע וו יי נ י ק , שיר נישט אַפן אויג, אָט איין שפּאַן פונדאַנען, ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, איז געלעגן דער קראַנקער חבר אַף זיין טויטן־בעט און ,נישט־ווילנדיק, געוועקט און געמאָנט צו זיך אַזויפיל פשוט מענטשלעך רחמנות; בעת דאָ, אַף ד ע ר זייט טיר, אינדרויסן, איז אָנגעגאַן אַ, אַזאַ נאַקעטער שאַנד־מאַרק; אַזאַ אומצוויידייטיק מגושמדיק־רוי געפעכט פאַר גראָבער לוסט, געגוס, ערּאָס, לעבן... איין רגע, האָט ער, יהלום, ווי מן־הצד־קוקנדיק — אַף זיך אַליין: אָנ־און־אַריבער־געקוואָלן מיט עיפוש־שאַנד, פון אינעווייניק, און פונדרויסן, ווי אַ טכויר..., — געשטוינט: ,,...אָט דאָס איז ע ר ? ! אַזוי נידעריק־געמיין געזונקען: און — ווער? ע ר, דער גריילעכער אינ־טעליגענט!... קומט־זשע און זעט, אדרבא: צו וואָס איינער — וויבאלד ער לאָזט זיך נאָר אָפּ — איז מסוגל זיך־צו־דערקויקלען... אמת, (צוריקגע־רעדט,) איז זיך נישט־פאַראַן, (מ ע ה ע ר ט,) — פאַר ווּעמען, מיט וואָס, צו שעמען; אין ערגעץ; נישט — אין דער מענטשהייט: קיינער איז, אַזוי צי אַנדערש, נישט־בעסער; נישט — אין דער דזשונגל־נאַטור; ניט אַפילו — אין דעם סאַמע־עצם־זיין אַליין... ביסט עלנט, מענטש, איבע־

ראַל. אַזוי, אָדער אַזוי, — ווּעסטו אויסגיין, אַלצייִנס, קאָסמיש־און־מעג־טשלעך־אייגזאַם, ווי אַ הונט; הייִנט, צוליב וואָס?...אָבער דאָך, (דו, קוק זיך נאָר אָן, ברודערקע־לעבן;) איז זיך דאָ אויך ניט־פאַראַן — מיט וואָס איבערצוגעמען, זיך צו רימען... נו, און וואו איז — די בושה, פאַר זיך אַליין?... זאָג, גיב אַ ענטפער: דו, זיך אַליין, שעצסט נאָך, אָדער ניין?..."

נאָר, ווי געזאָגט — איין רגע בלויז, האָט דאָס געדויערט. ער, יהלום, (דער פּאַרמישפּטער, ווי אַלע,) האָט שוין געמוזט זיין, אַ פּנים, צו־ווייט אַוועק, דאָס הייסט, צו־פּראָגרעסיוו אַנטוויקלט, אין דעם לעבנס־פּראָצעס פון זיין מאָראַל, (במילא, פיזיש,) פּאַנאַנדערפאַל, — אַז עס זאָלן, אין פלוג, קענען קלעקן אין אים כוחות — מיט־איינמאָל, מיר־נישט־דיר־נישט — צו קענען ראַדיקאַל־נעמען אויסקערן די ריכטונג; זיין און ווערן אַ רעבעלי... כוחות; איין קליינקייט! פונוואַנען, אַ שטייגער, זאָלן זיי צו אים קומען?...

און, אַ דריגע־טוענדיק, אומגעדולדיק, צו דער אומגעריכטער באַנדע מאָראַל־פּרעדיקער „...וועלכע זענען אים, אַזוי־פרעך, באַפאַלן; ער ווייסט אַליין נישט — אויס וואַנען, פלוצים, זיי האָבן זיך עס דערנומען..." — האָט ער זיי, מיט איין „הוק", צוריק פאַריאָגט אין נעפּל; און אַליין, גלייך צוריקגעקערט צו זיין גריילעכער אויפגערוימטקייט, ווי געווען; אַ האָר נישט געענדערט... באַלד, האָט ער דערזען פאַר זיך, ווידער, יענע שווער־טראַגישע פּרוי „... אָ, וועלכע האָט אַלץ, מיט אַזוי־פיל געדולד און טרייהייט, דאָ אויסגעוואַרט און אַריבערגעוואַרט: אָט די אַלע גריילעכע שטורעמס־געפעכטן, וואָס האָבן זיך דאָ אַלץ איבערגעטון, געבושעוועט; נאָר זי, פון איר אָרט האָט זיך נישט־גערירט; און אים, איר ליבן באַגערטן, אויסגעקוקט..." דאָס, זעט איר, האָט אים באַלד גענומען אימפּאָנירן; שמייכלען זיין, (ווי מיר האָבן עס, אָקערשט, צוגעזען, אַזוי־קלאָר,) היפּש־צעטרייסלטער זעלבסט־ווערדע; און ער איז שוין געווען באַרייט: זיך אַ צי־טון — איר, דער אויסדערוויילטער אַנטקעגן... איין ווײלע בלויז; און עס האָט אים ווידער, ווי פריער, גענומען פאַרקומען: „...וויאַזוי אַלץ פון אַרום נעמט אָפּגיין, נישט־ווערן; בלויז ער, און זי, בלייבן, איצט, אַליין; אָ, שיר נישט — די איינציק־פּאַראַנענע, דאָ, אומעטום, אין דעם זיין; צוויי לעכצנדע צאַפּלענדע העלפטן — פון איינס; וועלכע האָבן זיך לאַנג אַרומגעזוכט, געליטן; ביז זיי האָבן זיך, ענדלעך, געפונען. ערשט, קומען זיי באַגייס ווערן באַהעפט, ווי געווען..."

נאָר, ווען עס האָט שוין געהאַלטן, ענדלעך, באַ דעם, נאָך אַזעלכע לאַנג־דויערנדע גריילעכע צעגערנישן, — איז, פלוצים אָנגעגאַן פונער־

געץ — אַ נייע פיגור; זי, איז דערשינען אַף דער סצענע, אַזוי אומגעריכט; און אַלעס, אַ, מיטיינמאָל, אומפאַררעכטלעך, צעשטערט. דאָס איז געווען — אַדעליאַ; אַ יונגע, (אַפּולע איגגער פון ד ע ר , וואָס אַף דער שוועל,) רייצנד־בלאָנדע געוויקסיקע מויד; אַ קראַנקנשוועסטער פון דער סאַנאַטאָריע. זי האָט, מיט אַ פרייען אויפגעלויכטענעם שמייכל, אַ רוף־געטון יהלומען נאָך זיך; און ער, ווי אַ באַנומענער, ווי אַן אַפּדאָס־גיי־צעצוונדענער, האָט גלייך, ברוטאַל, יענער איבערגעלאָזן, אינסאַמע־מיטנדרינען; אַליין, אַוועק מ י ט ד ע ר , פאַרשוואונדן...

● ●

ער, יהלום, האָט איר געקאַנט, נישט פון לאַנג; ערשט, פון אַ קורצער צייט צוריק; ווען ער אַליין, אַ קראַנקער, האָט זיך געפונען אינטערנירט אין דעם זעלבן הייל־אַנשטאַלט; און זי, די מויד, האָט אים באַדינט.

... זיך־דערוויסנדיק, אוודאי, אַז ער איז אַ שרייבער, אַ אינטעליגענטער מאַן, — האָט זי, (ווי ער האָט עס צוגעזען, מיט אַן אויסבאַהאַלטענעם אינערלעכן שמייכל,) איטלעכס מאָל, ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו שמועסן, און באַזונדערס — אויג־אַף־אויג, — זיך־גענומען היטן, קענטיק, פאַר אים מיט אַ וואָרט; צוגעקליבן די אויסדרוקן; ווי געוואָלט גילטן אין זיינע אויגן — אויך נישט, פאַר אַבי איינער; ניין, פאַר אַ ערנסטער, אַ באַזאַכטער, וועלכע ווייסט אויסצוטיילן: ווער איז — ווער... אָבער ער, דער אויסוואורף, האָט איר נישט געגלויבט; ווייל, געטון האָט זי דאָס, (עס הייסט, אַרויפגעצויגן אַף זיך די פאַלשע מאַסקע פון אַ אומנאַטירלעכער נודניצע,) מיט אַזויפיל ממזרישן חן, און, צוגלייך, קענטיק, אַזויפיל געליטן און זיך געלאַנגווייליקט דערפון, נאָר דאָך, געמאַכט גריילעכע אָנשטרענגונגען, אום זיך נישט צו פאַראַטן.... — אַז ער, יהלום, האָט זיך באַרעכנט: דאָס ער, פון זיין זייט, דאַרף נישט אינטערווענירן עקסטרע, בכדי אָט די דאָזיקע לעכערלעכע שפיל צו צעשטערן; בעת מע זעט אָן אַף איר, אַזוי העל: וויאַזוי זי אַליין, די שלויע פול־לוסטיקע שקאַפקע, וועט עס לאַנג אַזוי נישט־אויסהאַלטן; ווייל זי קאָן נאָך, חלילה, מיינע שונאים, פּלאַצן; און אַז דאָס וואָרט זי נאָר אַף אַ געלעגנהייט; איין וואונק פון אים, — און זי איז דאָ... און אַזוי איז, ווירקלעך, צוגעגאַן; און, מיט ביידנס הילף, איז דער ליגן צווישן זיי, ענדלעך, געווען אויפגעריסן...

... צום גליק, איז אים, יהלומען, אויסגעקומען, דאָרט, אין דעם אַנשטאַלט, צו פאַרבלייבן — נאָך אייניקע טעג; אַנישט, קען זיין, וואָלט ער זיך עס, קיינמאָל אין לעבן, נישט געווען געקאָנט שענקען; און אַפּ־

שר זי, די בראַווע, אויך נישט... דערפאַר, האָבן זיי זיך עס, דאַן, באַמיט אָפּצונעמען — אַזוי, פאַר דער גאַנצער צייט; אָ, פאַר יענע אַלע פאַרלוירענע פיסנע טעג, וואָס זענען אַדורך צווישן זיי — אַף עולמות... און מען האָט עס, דאַרום, ערשט, געמעגט אָנקוקן; וויאַזוי זיי בײדע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די זייטן, לאַכנדיק; בעת זיי האָבן נאָכגעמאַכט, איטלעכער פון זיי — דעם אַנדערן: וו י מע האָט עס אויסגעקוקט, פאַרגעקומען באַם צווייטן אין די אויגן, אין יענע אומריינע טעג ווען זי האָט געקאָרטשעט פון זיך, געקוואָקעט, מיט געשנורעוועטע ליפּן — טויט־ערנסטקייט; און ער — צעבערס גאַנצע אינטעליגענץ...

... זי, אַדעליאַ, די צאַרטע, די ליבע, די זיסע, איז געווען, (און, מיט דער צייט, געוויס, עס אַלצמער געוואָרן,) — אַ טיפּישע קראַנקנשוועסטער; וועלכע האָט, (נישט־געקוקט אַף איר אַזוי־פריער יוגנט,) זיך ד אָ ך געקאָנט, (אוודאי, מיטן גורל־חוש פון איר מין,) אַזוי אויסגעצייכנט, אַלט ווי די וועלט — אַף אירע חולאים, די מענטשן־קינדער, (דערעקרשט — די הערשערישע, די מאַנסבילשע,) מיט זייערע שלאַבעריקייטן און קאַפּריזן; און ווי געפּערלעך־דראָענד זיי ווערן, ווען מע זאָגט זיי, חלילה, אָפּ; מע גיט זיי נישט די מאַמישע ברוסט... און ווייל ער, יהלום, האָט איר נאָך געקאָנט, דאַן, אַזוי ווינציק, און ז י , האָט זיך נאָך געפּונען פון אים, אַזוי ווייט, אַזוי פרעמד, — האָט ער, דאַרום, זיך איר געקאָנט פאַרשטעלן, איר מאַלך, אין זיין אילוזיע, אַזוי ראַש־פּראַכטיק־אומגעשטערט, ווי נאַר ער אַליין האָט דאָס געקאָנט... איי — אילוזיע, אויסדאַכטעניש? — איז, וואָס אַרט איידך! זי, (די אילוזיע,) איז אויסגעהאַלטענער, (און דערעיקרשט — אַנגענעמער,) איידער ווי די סאַמע־בלענדנדסטע וואָר; און דווקא דערפאַר, ווייל זי איז — אילוזיע: די טרייב־קראַפט, די שטרעבונג פון אַלץ; און ווידער — זאָגט, אדרבה: צי איז מען שוין זיכער, צי איז שוין דערוויזן געוואָרן: אַז דאַן, ווען מע מרעט־צו דערגרייכטעווען אַלצדינג — אַזוי, אומגעשאַנעוועט, — וועט דען בלייבן, אינערגעץ, עפּעס אַנדערש איבער — אַ חוץ, אָ, די אייביקגינגאַלדענע, אומפאַרגענגלעכע, אומוועלקנד־בליענדע, די אומשטערבלעכע, די קיינמאָל־דערגרייכבאַרע מאָרגן־רויט־אילוזיע? הייַנט, טאָ, מיינע ליבע: צוואוואָס — די רייד?.. זי, אַדעליאַ, די פרעמדע פאַר אים, יהלומען, די עקזאָטישע, אָ, די ווייטע, האָט, (אין קעגנזאַץ צו יענער שווערבאַלאָדענער טראַגישער פרוי, פון פריער, דאָרט אַף דער שוועל פון יענעם צימער מיטן טויט־קראַנקן,) אויפגעשלאָגן אין אים — אַזויפיל זאָרגלאָזיקייט, פרייד, לוסט, געלעכטער, צוטרוי, גלויבן, פשוטקייט, צוגעלאָזנקייט, וואַרעמע מאַמישע צוגעטוליעטקייט, און אָפרו, פאַרגעסונג, קרעפטיקונג... מאָדנע; זי, אַ קינד פון אַ הייל־אַנשטאַלט, אַרומגערינגלט

תמיד מיט קראַנקייטן, מיט טויט, — איז געבליבן, אַזוי־אומבאַרירט, (געדענקט: נ י ש ט — אָפּגעשטיינט, אומפילבאַר,) פאַר דעם צע־שטערערישן איינפלוס פון דער טראַגיק; איז געבליבן, אַזוי קינדיש־אומשולדיק, אָנגעשטעלט, מיט איר גאַנץ לויכטנד צעבליט געשטאַלט — צום לעבן, צו דער זון; און מיטדערמיט, ( א י ר ה ע ר ט , ) אַזוי מוטערלעך־היילנד, ווי באַלזאַם, קעגנגעווירקט, ענערגיש־געקעמפּט און באַקעמפּט און אָפּגעטריבן, אַף ווי ווייט אירע קינדערשע כוחות האָבן געגרייכט — דעם גיפטיקן דעך פונעם אומפאַרמיידלעכן... מיט איין וואָרט: זי, אַדעליאַ, איז געווען — די הייסע קוואַל־מיסטעריע פונעם לעבן, וואָס האָט אויפגעלייזט, געמאַכט צערגיין, אין איר גראַציעז־צע־שמייכלט לויכטנד געמיט — די בלייערנע מרה־שחורה־כמאַרעס פון דער טעמפּער העסלעכער פאַטאַליטעט; טאָ — וויאַזוי, (זאָגט, אדרבה,) האָט מען נישט געקענט אויסגיין נאָך אירע טריט?...

... נאָכן אַראָפּרייסן־זיך (ווי דערמאָנט פריער,) קעגנזייטיק, די מאַסקעס, — האָט ער יהלום, געגומען ריידן מיט איר, אומקרעמפּירטע־רייט, פריי, וועגן אַלץ אין דער וועלט; באַזונדערס, אין די נעכט, ווען זי האָט געהאַלטן דיזשורנע, און זיך־געפּלעגט אַריינכאַפּן, אַף אַ ווײַלע, צו אים אין צימער, אָפּצורוען... באַלד, האָט זי אַרויסגעוויזן, די קליינע: אַז זי איז געפּערלעך־נייגעריק, זי צאַפּלט־פּיינלעך, צו דערגיין פון זיין מויל — פּיקאַנטע שטיק, געהיימנישן, לאַקנדע איינגעהילטע מיסטע־ריען... זיך־אָנגעשטויסן: אַז ער — אַ אינטעליגענט, אַ מענטש פון דער וועלט, — מוז, אַוודאי, זיין — אַזוינס ־ און אַזעלכעס; אַן אויסוואורף... נו, האָט ער, (פאַרוואָס, אדרבה, זאָל ער זיין שלעכט, ווען מע איז צו אים אַזוי צוגעלאָזן?,) איר נישט־געזשאַלעוועט; געשאָטן פייער — אַף איר קינדישער דעליקאַטער דאַרשטיקער זעל; איר גערעגט און געצונ־דן, אָן אויפהער... כאָטש, עס האָט געהייסן: אַז ער, דער עלטערער, דער רייפערער, איר פריינט, האָט איר — דעם שוצלאָזן־נעבעך און אומדער־פאַרענעם קינד — געלערנט, דערצויגן, איר די אויגן געעפנט און גע־וואָרנט, אָ, איבער די אַלע אַזוי שרעקלעכע דראָענדע געפאַרן, וואָס לוי־ערן אַלץ אַף איטלעכן, אומעטום אין דעם לעבן... נו, און זי, אַלס גוט דערצויגן קינד, האָט, אוודאי, געוואוסט און באַנומען: וויאַזוי זי דאַרף אים — פאַר זיין טרייער אַבנעגירונג, זיין אומפאַרינטערעסירטער אי־בערגעגעבנהייט, און אידעאַלער פריינטשאַפט צו איר — בלייבן דאנק־באַר; אים אָפּדינען, באַלוינען, פאַר אַלץ... און בפרט, (ווי זי האָט אים אויפגעדעקט איר ציטערדיקן, איר הייליקן מיידלשן סוד,) אַז איר האַרץ אַליין האָט, צו־אַלעם־דעם, אַזוי־זיס געצאַפּלט צו אים; געשלאָגן, זיך־

געשטרעקט אַנטקעגן; טאָ, פאַרוואָס, אדרבה, זאָל זי ז י ך , א ו ן א י ם , אין ד ע ם , אָפּזאָגן?...

... נו, האָט ער, יהלום, דער באַגליקטער, אומגעשטערט, געפּראַלט, און איינגעקנעלט אין איר — זיינס... זי, האָט געקוואָלן; און ער, האָט דערלאַנגט — איין געשיכטע, נאָך דער אַנדערער. אָ, ער אַליין איז דאָך געווען — אַ קוואַל; נישט צום דערשעפּן גאָר...

„...— דאָס, זעסטו, האָט פּאַסירט — מיט מיר אַליין. אין דעם הויז, וואו איך האָב געוואוינט, איז אַריינגעקומען צו דער באַלעבאָסטע, ( אַ האַלב־פּאַראַליזירטע זקנה,) אַ יונג שוואַרץ־חנעוודיק מיטלוויקסיק מיידל, שטיל ווי אַ טויב, מיט אַ פּיצל קינד אַף די הענט... זי, האָט געפּלעגט עפּעס טון אין שטוב; און אָפּט, אויך געפירט דער אַלטער אַף שפּאַציר. דאַן, האָט זי, איר קינד, ערגעץ געלאָזן, אַף די פּאָר שעה, (גאָט־צו דאנקען — נאָך פאראנען גוטע מיטפילנדע הערצער אַף דער וועלט,) באַ אַ שכנה... אַן עלנט מיידל נעבעך, אַן אָרעמע, אַ נויטבאַדערפּטיקע, מיט וועמען עס האָט פּאַסירט אַן אומגליק; מע האָט איר פאַרפירט — אַן אויסוואורף; זי אַליין — אַ קינד נאָך; וואָס איז איר שולד?..

„ ... — איך האָב, פאַרבייגייענדיק, אייניקע מאָל, זיך איבערגע־קוקט מיט אירע שוואַרצע וואַרעמע געהאָרכזאַמע, אָ, קענטיק, איצט, שוין־דאָס־לעבן־באַנעמענדע, און דערפּאַר, צו־פּאָלגן־באַרייטע — בליקן... יאָ; זי, האָט דערוואַרט פון מיר — דעם רוף... אפשר... אַזוי, האָבן מיר זיך געהאַלטן אין פאַרשטענדיקן...

... — איינמאָל, (זומער באַטאָג, איז דאַן געווען.) ער, איז געזעסן באַ זיך אין צימער — האַלב־נאַקעט, צעכראַסטעט, בלויז אין אַ לייכטן כאַלאַט אַפן לייב; און געבליבן איז ער — אַליין, דאַן, אין דער גאַנצער שטוב; זי, די באַלעבאָסטע, איז געהאַט אין־ערגעץ־אַוועק...; האָט מען אָנגעקלונגען; און ווען ער האָט די טיר געעפנט, — איז דאָרט געשטאַ־נען — דאָס מיידל: אַן אָרעם־באַשיידן־צוגעגלעטע; קענטיק, אַ זויבע־רע...גלייך, ווי זי האָט אים דערזען, האָט זי אַרונטערגעלאָזן די בליקן; געפרעגט אַף דער ווירטן. און ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז יענע איז נישטאָ, — האָט זי אים געענטפערט, מיט חידוש: „— אַז די אַלטע האָט איר פאַרשפּראָכן צו וואַרטן; זי האָט איר באַשטעלט אַף איצטער, און אַף דעם גאַנצן האַלבן טאָג — אַז זי זאָל מיט איר אַרויס שפּאַצירן... ערשט, ווייסט זי נישט: וואָס דאָס זאָל באַדייטן; און וואָס ז י זאָל טון... עס קומט איר אויס צו פאַרלירן, אומזיסט־אומנישט, די צייט, דעם האַלבן טאָג... ווען זי זאָל עס געווען וויסן, פונפריער, — וואָלט זי זיך געקענט צוזוכן עפּעס אַ טון — ערגעץ־אַנדערש... אַזוי אָבער אַצינד — וואָס?...״

...— דאָס גוטע זיסע מיידל איז געווען פאַרצווייפלט. זי האָט אָנגעשטעלט אַף אים אַ פּאָר פרעגנדע פאַרלאָפענע בליקן, ווי אין געבעט; שיר נישט — געוויינט; און ער, יהלום, (נישט־באַרעכנענדיק, דערווייל, אַליין, וואָס ער טוט,) האָט איר אַריינגעבעטן.... „— צוואָוואָס — דאָס שטיין, אַף דער טיר?...“ שוין אין דעם פעדערשטן האָל פונעם הויז, (אין דער אַלטערס צימערן,) האָט ער איר אַרויסגערוקט אַ שטול; געבעטן זיצן; אַליין, האָט ער זיך געזעצט — נישט־ווייט, איר אַנטקעגן...

...— ער האָט עס גיט־אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, באַין־אופן; גענומען עס איבערלייגן פאַר זיך, אפדאָסגיי: „... וואָס דאָ, אייגנטלעך, האָט פּאַסירט... ווי הייסט — יענע האָט איר באַשטעלט, און געלאָזן?! סיידן, (און מיטאמאָל, איז אים אַדורך אַ בליץ איבערן לייב,) — ז י, און יענע — אַ יונגע „זי“, מיט אַן אַלטער צויג — האָבן זיך פאַרשטענדיקט, הינטער זיינע פּלייצעס, (געזען — ווי ער קוקט אַף איר; ער פרעסט איר, מיט זיינע בליקן,) דערוועגן...; אַזויארום, (ווי ער זעט,) אָפּגעגלעט, אַף זיין וועג — אַלע שטערונגען; און אַצינד, בלייבט אים נאָר — אויסשטרעקן זיין האַנט?! יאָ, אָבער: ווי אַזוי שטעלט מען דאָ איין — צו קורמען ריזיקירן מיטן לעבן?... מיט וואָס איז ער זיכער: אַז ער, אין זיין פּארוקטער צעפּלאַקערטער עקזאַלטאַציע, בלאָנזשעט ניט; ער קומט ניט פאַרפירן, ברענגען זיך־אַליין אַפּן פייער?.. איין פאַלשער פּאַטאַלער שריט פון זיין זייט — אַפּן וועג צו דעך פאַרעטערישער פּאַסמקע, — און ער, דער אומגליקלעכער, איז — פאַרביי, אַריינגעפאַלן, אָן רעטונג!.. אָ, וויאַזוי דערגייט מען דאָס?.. און וויאַזוי, ווידער, לאָזט מען איר, דער טייפלשער לאַקאָמקע, גאָר פון זיינע לאַפּעס אַרויס?..“ און זי, אים אַנטקעגן, האָט אַלץ געוואַרט; הגם, קענטיק, אומגעדולדיק; און די צייט, דער האַלבער טאָג, איז זיך, דערווייל געגאַנגען... „ ... ווער ווייסט; אפשר, איידער וואָס־ווען, וועט יענע ,די אַלטע, ז יי ן — צוריק; און ע ר , וועט דאַן, אַליין־בידים, האָבן דורכגעלאָזן אַזאַ גוטע אָנגענעמע געלעגנהייט, וועלכע, (אויב ער וועט עפּעס נישט־טון דערצו; און דאָס — באַלד, אומפאַרזאָמט,) וועט זיך, פילייכט, שוין מער נישט אומקערן?..“

... — און ער האָט אַ רודער־געטון, מיטאַמאָל, זיך־אויפצוהויבן; ווי איינער זאָגט: „— מער צו רעדן איז נישט־פּאַראַן — וואָס; דער סעאַנס איז געענדיקט; און ער, אַ פאַרנומענער מאַן, אַ שרייבער, מוז איילן צו זיך אין צימער; צוריק צו דער אַרבעט...“ אויך זי, אַף אים קוקנדיק, האָט זיך אויפגעשטעלט... און דאַן, (ווי אומגערן, ווי פון זיך אַליין,) האָט זיך, פּלוצים, צעעפנט באַ אים — דער כאַלאַט; און ע ר , איז געבליבן שטיין פאַר איר, איין זיין פולער דאַרשטיקער מאָ־

נענדער נאַקעטקייט... נאָר ז י , (קענטיק, ווי זיך גובר־זייענדיק; אַ
יאָ־און־נישט־קרעמפּירטע, פּאַריינס; אָ, אַזיווי איינע, אַ וודאַי, וואָס האָט
שוין, נעבעך, גאַרנישט, וואָס אָנצואווערן — אַ חוץ, געוויס, דעם האַלבן
טאָג פאַרדינסט, וואָס זי ה אָ ט אַזוי־דרינגענד נויטיק, פאַר איר ער־
פעלע; יאָ, אַ געזנצלעך־רעזיגנירטע צו איר גורל — א ז ו י , ווי ער,
יהלום, דער ברוטאַלער אומבויגזאַמער באַצווינגער, האָט זיי געליבט, די
זיסע אונטערגעגעבענע, די אונטערטעניקע, די אין־זייער־פּאַריסענעם־
שטאָלץ־און־ווידערשפעניקייט־געבראָכענע; זי, אַ צעמישטע, אַ בלוט־
הייס־אָנגעצונדענע, (צו זיין גרויסער, ווילד־אויפגעראַשטער
פרייד,) זיך־נישט אָפּגעקערט... נו, האָט ער, דער באַגליקטער, דען גע־
דאַרפט מער? איז דען דאָס נישט געווען פאַר אים גענוג, דער בעסטער
באַווייז, די איינלאַדונג: ער זאָל איר אָננעמען, די ליבע; אַריינפירן צו
זיך, ווי מע פירט אַ קינד; אָ, צו דערקוויקן זיין פאַרשמאַכט געמיט; און
באַלד, זיך מיט איר, אין איר קאָכישן שויס, פאַרגעסן, וואו מע איז אין
דער וועלט...

„ .. — אַזוי, אַדעליגקע טייערע — האָט יהלום, ערשט, אויסגע־
לאָזט, אַן עקזאַלטירטער, קוקנדיק אַף זיין נייער, ווי מאַן־צעבליטער
„זי“, וואָס פאַר אים — האָט זיך עס דאַן מיט איר אָ נ ג ע ־
ה ו י ב ן . . . ד אָ ס ל ע ב ן — דו פאַרשטייסט? — דאָס עכטע
לעבן, דאָס ראַיעלע... און עס איז — ווייטער, אַזוי, לאַנג אָנגעגאַנגען..“

... אַזעלכע געשיכטן, ווי דערמאָנט, האָט ער, דער געשייטער
יהלום, באַזעסן — דעם תהום; אָ, זיי האָבן געשלאָגן פון זיין צעקאָלוי־
טעטער קלאַאַקע, אַן אויפהער; זיך גאַרנישט פון אים אויסגענומען; און
שטענדיק, ווען זי, אַדעליאַ, (אַ פרי־קינדערש צערודערט־דאַרשטיקע, אַן
אויסערגעוויינלעך־דורך־אים־צערייצטע,) האָט, (אַליין נישט־וויסנדיק
מער, וואָס מיט איר טוט זיך,) עס נאָר פון אים באַגערט, — איז ער
ש ו י ן געשטאַנען, מלא וגדוש; איז ער גלייך געקומען, געווען באַרייט,
אַף איר רוף.. זי, אַן אָפּגעקאָכטע אינגאַנצן, אַ אומגליקלעך ־ צעצונדע־
גע, פון בלוט־בושה, האָט געשלונגען דעם מוטנע־זיסן גיפט, וואָס האָט
איר געמישט די געהירן אין קאָפּ; געזשליאָקעט, מיט טרוקן בראַנדיקער
דאַרשט, דעם שיכורן טערפקע־זיסן געטראַנק; און ער, דער טרייער
פריינט אירער, איז נישט מיד געוואָרן; האָט דערלאַנגט... אַזוי, איז צו־
געגאַן באַ זיי — אויך שפּעטער, ווען ער האָט געהאַט פאַרלאָזט די סאַ־
נאַטאָריע; האָט ער איר אָפּט דאָרט באַזוכט; נו, און, צוגלייך, זיך־גע־
נומען טרעפן מיט איר — אינדרויסן... („ ... און אַפילו היינט, אַ
סברא — אָ, צוואוואָס, דאָס פאַרהוילן? — איז ער דען נישט אַראָפּגע־
קומען אַהער, אַף אַט דעם גאַנצן באַזוך — מער, איידער ווי צום קראַנ־

קן חבר — צ ו א י ר ג אָ ר ? . . . " ) זי, די זיסע עקזאָטישע ליבע, דאָס פּרעכטיקע מוטערלעכע מיידל־קינד, האָט אים גערופן; און ער — אַ זאַרגלאָז־עקזאַלטירטער, אָ, א בלוטיקער שונא פון „שווערע פּרוי־אישע הערצער" — איז געגאַנגען. ער האָט אין איר צוגעזען, מיט ווילד־שטורמיש גליק: ווי זי איז אים אַלץ גערן; זי ווערט נישט מיד — אים, „איר טייערן לערער, איר וועגווייזער" צו פאַרקוקן אין די אויגן, אים אויסצוהערן; נו, האָט פון אים געקוואָלן..

„ ... — וואָס דאַרפסטו מער? — (האָט ער זיך פאַרכלינעט דעלי־ריש, מיט איר באַנאַנד,) — ווילסט וויסן; ווער די פרוי איז; דיין אייגענע שוועסטער; אַף וואָס זי איז אַלץ קאַפּאַבל, — ווי באַלד נאָר מע שאַפט איר איין די גינסטיקע ספער פאַר איר ראַש־פּראַכטיקן אויפבלי; דו אַליין?.. טאָ, הער... עס דערציילט עס דער באַרימטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער ב...; און עס לויטעט יענע געשיכטע, ווי פאָלגט.. איי־נער אַ מאַן, איז געבליבן — מיד, דערשעפּט פון זיין שטילער באַשיידע־נער אָנשטענדיקער ליבע, מיט דער אייגענער, רייצנד־שיינער, נאָר, פרום־פּורכטיק־צנועהדיקער פרוי; און ער האָט זיך־איינגעשאַפן, אין־געהיים — אַ „זי", אַ צייגעכע, אַ בחורטע אַ פאַרשוין, אַ ברען; מיט וועמען, אָ, מע האָט געקענט אַ הוליע־טון, ווי געהעריק; רעכט די הינטישע לאַפּעס צעפּירן; אָ, אָנזעטיקן לעשן — די טייפלש־לעכצנדע בראַנד, דעם פאַר־דאַמטן עלנט, די פאַרצערונג... אַזוי, האָט ער זיין געשייט טאָפל לעבן געפירט, אַ צייט — פּערפעקט. דאָ — געהוליעט; און נאָכהער, (געצי־שעט די בעסטיע, צו־דער־זעט,) צוריקגעקערט אַהיים — פיין, איידל, לייטיש... און איינס, זעסטו, האָט נישט־געשטערט דאָס אַנדערע — אַף אַ האָר. פאַרקערט; נאָך־צוגעשפּילט; אַזוויי זיך־דערגאַנצט, אַרויסגע־האָלפן איינאַנדער... אַזוי לאַנג; ביז וואַנען, איינמאָל, האָט פּאַסירט; און ער האָט, גאַנץ־אומגעריכט, אויפגעדעקט, אויסבאַהאַלטן, באַ זיין פרוי — דעם טייערן ברילאַנטענעם פּרעזענט, וואָס ער האָט געהאַט, אַנומלטן, אונטערגעטראָגן אַ געשאַנק — צו י ע נ ע ר , דער פאַרשייטער גע־ליבטער זיינער, אין געהיים... און ער האָט, מיטיינמאָל, דערפאַרן, דער אומגליקלעכער: (אָ, ווי טיף־גענאַרט ער איז געבליבן, אין זיינע נאָבל־סטע אילוזיעס־שטרעבונגען, אינטימסטע לעכצענישן: אמת; — צו זינד־לוסט־געגנוס־אין־נאַקעטער שאנד ־ זינקונג ־ פאַרגעסונג; אָבער — מע הערט? — שאַרף־אָפּגעטיילט־אינגאַנצן, אַזוי שטרענג ־ פעד ־ שוואַרץ־בלאַנק־ווייס־צעגרעניצט, מ ח ו ץ — פון הייליקער גינגאָלדענער לי־בע; פון זויבערער שניי־אומבאַשפּרענקלטער היים... נאָר איצט — עליי ווי דער הימל, פּלוצים, וואָלט אַף זיין קאָפּ געפאַלן; אַ בליץ האָט אים גע־טראָפן; אַזוי, האָט זי איינגעשלאָגן אין אים, וויי, די שטוינענדע רעווע־

לאַציע): אַז יענע, דער אומלייט, די אויסגעלאַסענע פּרעכע צויג, און זיין אייגענע צאַרטע ריין־אומבאַרירטע, אַזוי מיידלש־שמעקנד ־ אומ־באַפלעקטע זיסע חברטע, זענען, (אַ, דו הערסט, אַדעליאַ האַרציקע, כאַ־כא־כאַ...) — איינע ־ און־די־זעלבע „זי..." נו, קינד; וואָס זאָגסטו, איצט?..."

...אַזוי, (ווי דערמאָנט,) האָט ער איר אַלץ געלערנט, דער קליינער; אויפגעדעקט פאַר איר — אַף וואָס „זי", (מיט איר, אויסער־שולד־און־אומשולד, נאָטור,) איז אַלץ פעיק...; געצונדן, אָן־אָפּ־האַלט, פרי־געריי צט אין איר — די לוסט; געזוכט פאַר איר און אין איר אויפצושליירן, לאָזן אַנבליען, אַנרעגן — אַלע געהיימע פּאָטענצן פון איר רייצנדער מיידל־מיסטעריע; אַליין, ווילד הנאה־געהאַט, אַנגע־קוואָלן, אַז ער האָט צוגעזען, אַף איר קוקנדיק: ווי שנעל זי מאַכט איבער־ראַשנדע פאַרשריט — אין דער לערע; ווי גיך (אַ, ממש־אומגלויבלעך,) זי האָט זיך געלאָזן פון אים פאַנגען־אריינגנאַרן, דאָס פייגעלע, קאָרומ־פירן; און, אַ בלוט־אָפּגעגאָסענע, פאַר געגנוס־בושה, זיך דאָס פנים פאַר־שטעלט; אַזוי, צו אים־צוגעפאַלן; זיך־אים־געגעבן, אין זיין שויס; אַ, אַזאַ זיס־שלאַבעריק־געשטרעקטע, אומגליקלעך־וואַנזיניק־צעלעכצטע, דעלירישפאַרגאַנגענע, זיך אים איבערגעגעבן... נו, און ער, האָט איר דאַן געגנו־מען — אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט: אמת — שענדלעכער, פאַרברעכערישער; דערפאַר אָבער — זיסער, באַטעמטער, איינגעביסע־נער, פיינפול־אומגליקלעך־ געשמאַקפולער, פאַרוקט ־ סקרופוללאָז־פער־ווערזער, שיכורער; במילא — דרייסטער, איר מיטגענומען, איינס מיט זיך, אומרעזערווירט, אַ, צוזאַמענבאַהעפט, אַף שאַנד און שמאַך, אין זיין שענדלעכסטער זעלבסטמאָרד־אוואַנטורע, אין זיין פינצטערן קאָש־מאַרן פעך־שוואַרץ־בראַנדיקן זיין...

● ●

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען יהלום האָט פאַרלאָזט די סאַנאַ־טאַריע, אַרויס אין דרויסן. פאַרביי־איילנדע צייטונגס־פאַרקויפער האָבן אויסגערופן פריש־צאַפּלדיקע נייס; און ער האָט איינעם פאַרהאַלטן, גע־קויפט זיין צייטונג, גענומען אַף־שנעל איבערקוקן די קעפּלעך. מיט אַמאָל, האָט צוגעשמידט זיין בליק אַ אילוסטרירטע אינפאָרמאַציע; און ער האָט פיבערהאַפט גענומען לייענען: „אָפּגעבערנט אַן אָמניבוס, פול־געפּאַקט מיט אַרבעטער־פּאַסאַזשירן. זיבעצן מוטערס און קינדער גע־בליבן פאַרקוילט. די שרעקלעכע טראַגעדיע, דער מוראדיקער בראַך, דער גרויזאַמער קלאַפּ פון דעם גורל הילט איין אין שווערן טרייסטלאָזן צער און פיין צאָלרייכע לעצט־אָרעמע פאַמיליעס פון סאַמע אַרבעטער פאָלק א. א. וו.." און ער, יהלום, האָט שוין נישט־געקענט אַוועקרייסן מער

זיין וואַנזיניקן בליק — פון יענע בילדער, וואָס האָבן געוויזן די געש־טאַלטן פון די פּאַטאָל־אומגעקומענע פרויען... ווי אַ באַנומענער עפּילעפּ־טיקער, האָט ער ד אָ ך דערהערט, ווי עס שלאָגט אויס אין זיין שענד־לעכן מאַרך: „ ... יונגע מאַמעס — אַלע; נאָר, באַזונדערס, טיילט זיך אויס — איינע פון זיי; אַזאַ איבעררעשנדע שטאָלצע אומצוטריטלעכע סלאַוויש־העלע שיינהייט... ד אָ ך , האָט זי א יי נ ע ם פּאָרט געמוזט צולאָזן; אויפנעמען — איר אויסדערוויילטן צום האַרצן; נאָר מער נישט — קיינעם... אָבער — איצט; דערפאַר אָבער — אַצינד.... אָ, קושט איר — דער טויט, דער העסלעכער, דער גבזהדיקער, כע־ע־ע, אומגעשטערט; און — גיי, טו אים עפּעס...." און מיט איבערגעקערטע בראַנדיקע געהירן, אַ גענצלעך־אויפגעגרוילטער — פּאַר־זיך־אַליין, — האָט ער, דער מנוול, דער אויסוואורף־אינטעליגענט יהלום, (ווייַ; ווער וואָלט זיך עס גאָר געקאָנט גלויבן, זיך־פּאַרשטעלן אַפילו אין דער פינצ־טערסטער פאַנטאַזיע: אַז איינער קאָן אַזוי נידעריק זינקען — צו קומען פאַרשוועכן, לעסטערן, זיך־איזדיעקעווען — איבער דער הייליקער אומבאַ־רירלעכקייט פון אַ טראַגיש־אומגעקומענער, אָ, אַזוי־יונג־פון־דער־וועלט־און־פון־אירע ־ עלנטע־קינדער־און־חבר־פאַרשניטענער, אָרעמער, שטיל־באַשיידענער מוטער פון דעם ערלעכן אַרבעטער־פאָלק?..; און ווען — אין סאַמע בלוטנדסטן מאָמענט פון דעם שוידערהאַפטן אומגליק!..;) יאָ, האָט ער, דער פאַרשאָלטענער הפקרניק, מיטאַמאָל, דערשפּירט אין זיך אויפדרודערן — די אומבאַהערשלעכע נאַקעט־בעסטיאַלישע לוסט: „...צו נעמען צופרעסן איינזויגן זיינע ליפּן — א י ן א י ר ע, אָפן בילד...; דאָ, וואו ער האָט געזען זיך־אַרויסהויבן בלענדנד — איר שיינעם שטאָלצן קאָפּ..." און, ווי אַ רויטער בלוטיקער וויכער, האָט, ראַפּטעם, אין זיין פאַר־שרפהטן פאַרוקטן מאַרך, אַצינד, געגומען אויפשלאָגן, (אָ, ער איז דאָך גע־ווען אַזאַ זעלטענער גלענצנדער ערודיט!) מיט אַזאַ פרעך־פליאַשענד־שפּעטנדער יוכע — איין גאַנצער פינצטער־סמאָלע־צעפלאַקערטער גהנום־שייטער פון פאַרדאַמטע וויזיאָנען; איינע, אַבשיילעך־נידערטרעכטיקער פון דער אַנדערער... „...וויאַזוי: סאַלאָמעאַ1) טאַנצט דעלירישׂ, און קושט אין די פאַרבלוטיקט־פאַרבאַקענע ליפּן — דעם אָפּגעשניטענעם קאָפּ פון יוחנן המטביל..." „...וויאַזוי: אויסוואורפן2) באַפאַלן, באַנאַכט, הינטער דער שטאָט, אַ יונגע אומשולדיקע פאַרליבטע פּאָר, וואָס איז אַרויס שפּאַצירן; צעשלאָגןביידן, ביזן פאַרלירן דעם באַוואוסטזיין; פאַרגוואַלדיקן דאַן דאָס מיידל, און פאַרשווינדן... און שפּעטער, ווען ער, דער פאַרליבטער בחור, קומט דער ערשטער צו זיך, און טרעפט איר ליגן, נאָך אַלץ באַוואוסט־

1) זע אָסקאַר ווײַלדס „סאַלאָמע". (דער מחבר.)
2) זע לעאָניד אַנדרייעוום „אָפּגרונט". (דער מחבר.)

לאַז, און אין אַזאַ נאַקעט־צעגרוילטן צושטאַנד... — האַלט ער אויך נישט אויס; און, אונטער אַ שטאַק־פינצטערן פּאַטאַל־דריקנדן הימל, וואַרפט ער זיך — אַ צעיושעטע בעסטיע — אַ, אַף איר שוצלאָזער צעטראָטענער אָנט־בלויזקייט; ער זינקט אין תהום...״ „...וויאַזוי: כוליגאַנעס1) ברעכן אַריין אין אַ אידישער היים; טרעפן אַ יונג מיידל, אַ סאָציאַליסטישע קעמפערן פון דער זעלבסטשוץ, וועלכע האָט זיך, (אָקערשט, דערהערנדיק זייער אָנ־קום,) דערשאָסן, כדי נישט אַריינצופאַלן, חלילה, צו זיי אין די לאַפּעס...; און זיי, די בעסטיעס, רעדן זיך דורך, מיט טרייסט: „ — אַ, איר לייב, דער גאָט־פאַרדאַמטערס, דער פאַרשאָלטענער־אומגלויביקערס, מוז נאָך זיין — וואַרעם; צום געניסן...״ ערשט, האָט ער זיך אַפילו דערמאָנט, יהלום: „...וויאַזוי — אַמאָל, מיט יאָרן צוריק; ווען ער איז נאָך געווען — אַ שיכורער יונגלינג, און יענע געשיכטן געלייענט, — האָט זיך דאָס בלוט אין אים געפלעגט צעצינדן, פאַר פינצטער־סמאַליענדן וואַנזין; אַזוי, האָט ער — י ע נ ע ש ט ע ל ן, (ווי גרויס די פלאַם־בושה האָט אין אים נישט־געהאַמערט,) געלייענט, און א י ב ע ר געלייענט; ווי אַ צוגע־קלעפּטער, זיך־גאַרנישט פון זיי געקענט אָוועקרייסן, זיך־שיידן; און, ווי אַ בראַנד־דורשטיקער, אָן אויסגעלעכצטער, זיך־גאַרנישט מיט זיי גע־קענט אָנזעטיקן, זיך־צישען... עליי, ווי ער אַליין, חלילה, (אָ, למאי — דאָס לייקענען? און, צי וועט עס דען אין עפּעס העלפן?) וואָלט זיך א י ן ד ע ם א ל ע ם, אַזוי הייס־שענדלעך, אומגליקלעך־ענטוזיאַסטיש, באַ־טייליקט... אַף אַזוי וויט, — אַז, (ווי מע זעט,) ביז היינט־צו־טאָג, האָט עס געשלאָגן טויב אין זיין בלוט און געוואָרט: „...דו, געב עס נאָר אַ רוף, — און עס איז — דאָ; ש ו י ן באַרייט — צו דיין באַפעל...״ היינט, צואוואָס — די רייד? איז ער דאָך — פאַרלאָרן!..

„...אמת, („און יהלום, דער שענדלעכער מאָנסטער, האָט זיך, איצט, ראַפּטעם, געגומען אַרומקוקן, מיט שרעק — דאָס ערשטע מאָל, אפשר, זינט זיינע פּערווערזע בראַוואַדעס — אין אַלע זייטן: ...צי מע זעט נישט אָן אַף אים, עמיצער, ע פּ ע ס, וואָס דעמאַסקירט אים...״) ע ר ש ט, האָט ער זיך גלייך אָפּגעהאַלטן; גרוילנד־אַוועקגעקערט — פון יענעם בילד, אין דער צייטונג; זיך־געצוימט און באַצוואונגען... יאָ, אָבער — י ע נ ע ר; (ער־יענער;) אָ, ד ע ר, וואָס שטעקט טיף אין אים, און הירזשעט־שפּעט פון אים; דער מאָכנאַטער זוויער, האָצקעט אַף אַלע פיר און סקאַוואוטשעט... טאָ, זאָל ער באַנייס דורכגיין ד אָ ס, וואָס ער האָט שוין, פריערט, אַזוי טראַגיש־העל, ערוןהדיק־פאַרשאַרצט געוויזן?..״

און די זון אין די רוימען האָט זיך געגומען צעפלייצן צעצינדן, אין אָפּגעקאָכטער שאַנד, ביז צום אויסגיין; אָ, ביז צום אונטערגיין־פאַרגיין פון

1) זע סעמיאָן יושקעוויטשעס „דער פּאָגראָם“. (דער מחבר.)

וועלט, פון לעבן אינגאַנצן; אָ, אין אומויסגאַנגלעכער שאַנד — פאַר דעם פאַרורטיילטן מענטש; נאָר, צוגלייך, נישט־ווינציקער: אין שאַנד — פאַר זיך־גופאַ; אין פאַליש־בלוטנדער בושה — פאַר שענדלעך־געטלעך־טייוול־שער אַמאָראַלער געוויסנלאָזער נאַטור; אָ, פאַר דעם העסלעכן ז יי ן אינגאַנצן...

און, אַ געבראַנדמאַרקטער, אונטער דעם קין־צייכן פון שאַנד; פון שאַנד, אין דעם ז יי ן; פון שאַנד, אין דער נאַטור; פון שאַנד, אין דעם לעבן, — האָט ער זיך געלאָזן גיין פון דאָרטן, יהלום; מיטיינמאָל, קענ־טיק, אַזאַ באַלאָדן־געוואָרענער מיט דער מסוכנסטער אומדערטרעגלעכסטער לאַסט, וואָס עס איז, ווען, ווען, אַ זינדיקן, אַ חוטא ופושע, אויסגעקור־מען צו פאַרטראָגן, אין זיין וויסט אויסגעברענט געמיט... יאָ, האָט ער זיך געלאָזן גיין, דער פאַרמישפּטער, (אָ, ד ו ר כ ו צ ג ל י ע ן, ק ע נ־ט י ק, ז יי ן ל ע ב ן ל אַ נ ג, — ז יי ן ג ו ר ל אַ ז אַ — ד י ש ע נ ד ל ע כ ס ט ע ו י ס ט י ק ס ט ע פ ל אַ מ ע ן, א י ן ז יי ן ל יי ב א ו ן ז ע ל ...) שווער — זיין גאַנג...

...אָבער — וואוהין, יהלום? אָ, זאָג, טייערער, האַרצעדיקער, דערבאַ־רעמדיקער — וואוהין?..

...צי — צו זיין עשאַפאָט; וואו ער זאָל אויסשטרעקן, געבראָכן־הכנעהדיק, זיין האַלז: אַז די געטלעך־טייפלשע שאַנד זאָל אויספירן אי־בער אים, (איבער א י ם, דעם לעצטן מענטש,) די שענדלעכסטע ני־דערטרעכטיקסטע עקזעקוציע; און — אַ סוף זאָל עס נעמען; א ו י ס — גאָט; א ו י ס — טייוול; א ו י ס — לעבן; א ו י ס — וועלט; א ו י ס — מענטש.... — אָדער — ער, דער מענטש, אָ, דער לעצט־גע־בראַנדמאַרקטער, וועט, ענדלעך, רעבעלירן — קעגן אַלץ: קעגן דער וויס־טער שאַנד אינעם ז יי ן; קעגן זיין פאַטאַליטעט; קעגן זיינע סקרופּ־פּוללאָזע אַמאָראַלע ריכטער; קעגן זיינע שענדלעכע פאַרורטיילער; (אָ, פון זיין לעצטער געפאַלנקייט, וועט ער זיך אויפהויבן, דער מענטש; ווער דען, אַז נישט — ע ר; און, ווען דען, אַז נישט — אַ צ י נ ד;) און אָנהויבן אַלץ, פונדאָסניי — מ י ט ז י ך !..

...וואָרום, וויבאַלד אַז אין אים, דעם קאָסמיש־עלנטן מענטש, האָט נאָו' ג ע ק אָ נ ט א ו י פ ק ו מ ע ן אויפטויכן דאָס געדאַנק־געפּיל, (ווי דערמאָנט פריער,): „...אַז ער, בעת ער באַגייט אַ פאַרברעכן, שעמט ער זיך נישט...", — איז דאָך דאָס אַליין — דער בלוטיקסטער אָנזאָג, אָ, די טראַגישסטע בשורה: אַז מענטש איז נישט פאַרלאָרן, ביז לעצט, — ווען אַפילו אַ ל ץ, אין דעם ז יי ן — ב י ז צ ו ם מ ע נ ט ש — איז וויסט, לער, פאַרפלוכט, פאַרטייפלט צו שאַנד;

...ניין; אַז אין דעם מענטש שלאָגט ד אָ ך, אין טיפסטער טיף —

נייס: די פ ל אַ מ י ק ע ב ו ש ה...; (אַז ע ר, מענטש, דאַרף — ווייל ער ק ע ן, איז ער, במילא, מחויב — זיך י אַ ־ ש ע מ ע ן; און ווען אַפילו, און בפירוש דערפאַר, ווייל עס איז נישטאָ — פאַר וועמען, — איז — פ אַ ר ז י ך אַ ל יי ן; יאָ, ווייל אין אים צאַפּלט — די בושה,) די מאָראַל, דער געוויסן, די דערלייזערישע קוואַלן, אַ, צו פאַרפלייצן מיט ליכט, מיט פּיין — דאָס גאַנצע ז יי ן !..

...אַ, אַלץ הויבט אָן — מיט מענטש: זין, ציל, דערהויבונג, פאַרבונפט, בושה, האָפענונג — פאַר זיך; פאַר דעם פולן אומענדלעכן ז יי ן; אַ, ער, מענטש, איז — דער תיקון פון דעם ז יי ן; דער באַזעלער, דער באַהעלער פון דעם ז יי ן; פון דער אומענדלעכקייט; פון זיך, דעם אומענדלעכן מענטש... און ווען אַפילו ער איז געפאַלן, געזונקען, ביז לעצט; ער גייט־גראַוויטירט, ווי אָן אָפּהאַלט, פאַטאַל — צו אונטערגאַנג, — איז דאָס אָבער, (אַ, גלויב אין ד יי ן נ יי ע ר — א יי ג ן ־ אויסגעשמידטער, אין די פלאַמען פון דיין בראַנד־שאַנד, פון דיין הייליקער פּיין — פ אַ ט אַ ל י ט ע ט !,) זיין טראַגישסטער גאַנג, איבער די בלוטיקסטע שליאַכן זיינע — אַ, צו ז יי ן נ יי ע ם דעמער־אויפגאַנג, פון מענטש!...

---

# די אַלמעכטיקע קראַפט פון דער אוממעכטיקייט

אין שייכות מיט אַ גאַנצער רייע פאַלן, אין דעם גאַנג פון דער מענטשהייט, קומט־אויף אין אונז דער מוז, זיך־צו־פאַרטראַכטן אָף דער פראַגע:
— ווי וואָלט געווען, ווען נ י ש ט ?

למשל: — ווי וואָלט געווען, ווען מע וואָלט יעזוסן נ י ש ט ־ געוועז געקרייציקט? דאָס הייסט: ווען ער איז פיזיש־שטאַרק; ער אָרגאַניזירט אַ מאַטעריעלן ווידערשטאַנד; און ער לאָזט זיך נישט־אומברענגען? איז קלאָר: אַז ער וואָלט געווען אויסגעלעבט זיינע יאָרן; געשטאָרבן, ווי יעטוועדער אַנדערער מענטש; און, מיט אים צוזאַמען — די אומשטערבלעכע וויזיע פון מענטש־געטלעכקייט. ערשט, איבער זיין פיזישער אוממעכטיקייט, (און גייסטיקער גבורה,); זיין נישט־קענען (און אויך נ י ש ט ־ וו ע ל ן) שטעלן קיין ווידערשטאַנד; וואָס דאָס האָט גורם־געווען זיין אומברענגונג, — איז ער געוואָרן — מענטש־געטלעך־אומבאַזיגבאַר... הייבט, פרעגט־זיך: — וואָס וואָלט געווען גלייכער? צי מע זאָל אים נ י ש ט ־ געווען־קרייציקן — אינעם לעבן; און, דאדורך — אים געוועזט געלאָזן ש ט אַ ר ב ן , אָף אייביק, — אָדער, (ווי אויספאָלגנדיק דעם באַפעל פון זיין פאַטום, און נאָכפאָלגנדיק דעם איינציקן גורל־זין פון זיין קיום,)

האָט מען אים י אָ ־ ג ע ק ר יי צ י ק ט — א י נ ע ם ל ע ב ן; און, דאָדורך, (דאָס הייסט, דורך אים נישט־לאָזן ש ט אַ ר ב ן ...) אים איינגעהיט פאַרן לעבן — אַף אייביק?!.

נאָר, אויב דער פאַל־יעזוס איז אונז, אידן, פרעמד, — וועלן מיר פּרואוון ברענגען, (ווי אָנגעדייט אויבן.) אַ גאַנצע רייע אַנדערע, איי־גענע, שוין־אונז־בוגעדיקע, פאַלן; און טאַקע, הויפּטזאַכלעך, וואָס אָנבאַ־לאַנגט — דעם זין פון אידישן גאַנג איבער דער וועלט; וואָס מיינט: אונ־זער משיח־מיסיע: דעם ג יי ס ט י ק ן כ ו ח , וואָס האַלט אונז־אויף...

אַ שטייגער, דער לעגענדאַרישער פאַל מיט ר' יוסף דע־לאַ־ריינאַ. ווערט געבראַכט: „אַז דער בעל־מקובל ר יוסף האָט, אַזוי לאַנג, דורך צירופים, סיגופים און השבעות, געקעמפט מיטן שטן און מיט דער לילית, ימ"ש, — ביז ער האָט זיי, ענדלעך, בעהשי"ת, בייגעקומען אינגאַנצן און גענומען געפאַנגען — אין געשטאַלט פון אַ שוואַרצן מאַכנאַטן הונט; ווען ער האָט, דאַן, געפירט אַף אַ קייט — אים שלאַכטן... איצט, האָט געפעלט אַ האָר, אַז די ממשלת החושך והטומאָה זאָל ווערן גענצלעך פאַר־טיליקט; און עס זאָל שוין אויפלויכטן, אַף אייביק — אַ, דאָס מיטייג־מאָל־פריי־געוואָרענע אָנטפּלעקטע־איבערראַשנדע אויסגעלייזטע הייליקע ליכט פון משיח... נאָר, איבערן וועג — (דערציילט ווייטער די לעגענדע,) — מאַכט פלוצים דער הונט צו ר' יוספן: „ — איך בין דאָך שוין באַ דיר אין די הענט; פאַרפאַלן; איך וועל מיך שוין נישט־קענען אַרויסראַטעווען, באַין־אופן... טאַ, האָב כאָטש מיט מיר מיטלייד; (וואָס אַרט דיך; וואָס קאָנסטו אָנווערן?.) און גיב מיר אַ שמעק־טאַבאַקע; כדי צו פאַרלייכטערן אַף אַזויפיל — מיין פיין..." דאָס אויסגעהערט; און צוזעענדיק: ווי ער, דער באַזיגטער דערשלאָגענער שטן, קוקט אַף אים, מיט אַזאַ אַנגסטלעך צאַפּלדיק געבעט און הכנעה אין די בליקן, — טראַכט באַ זיך דער בגי־לופינדיקער צוליבן נצחון, נאַיווער בעל־מקובל: „...טאַקע נו, וואָס קאָן איך דאָ דערלייגן?..." און ער האָט זיך אָנגעבויגן צום געפאַנגענעם סם, און ער האָט צו אים אויסגעשטרעקט, און אים געטון — די געבעטענע דורך אים געפעליקייט... נאָר, עס איז געווען, אַצינד, אָ — (טרויערט די לעגענדע ווייטער) — ווי נאָר דער שטן האָט דערלאַנגט אַ שמעק, ער האָט געהאַט באַנוצט ר' יוספס נאַכגעביקייט און גענויגטקייט צו אים; זיין האָבן נאָכ־געלאָזן, איין רגע בלויז, פון זיין שטייפער אומבויגזאַמער קעגנערשאַפט, זאָל זיין — כאָטש אַף אַ האָר..., — אַזוי, האָט ער זיך גלייך דערשפירט — מעכטיקער פון אים אינגאַנצן; און ער האָט זיך גוואַלדיק אָנגעגורט; באַלד, בליץ־שנעל, צעריסן פון זיך, צעפליקט אַראָפּגעשונדן אַלע פּענטן; און, אַ אויסגעגלייכטער, ווידער אַ בייז־באַפרייטער, אַ גריילעך־אויפגעבושעווע־

טער, אין זיין פינצטערסט־אָנגעדראָלענער יוכע, — האָט ער, ווי אַ שפּענדל לייכט, אַ כאַפּ־געטון דעם אומגליקלעכן בעל־מקובל; און אים פאַרשליידערט — אין ערגעץ אַ וויסטן תהום; אָ, אויס וואַנען ער קלאָגט נאָך אַרויס, עד היום, על גלות־השכינה...״

עד כאַן — די לעגענדע. איצט, קומט די פראַגע: — ווי וואָלט געווען, ווען נ י ש ט ?.. דאָס הייסט: ווען ר׳ יוסף דערלאַנגט אים נ י ש ט דעם שמעק־טאַבעק; נו, און משיח, (ווייל, עוד לאָ איכשר דראַ; ווייל, מע קען נישט דוחק־זיין דעם קץ; ווייל, די גאַנצע מענטשהייט האָט נאָכנישט אָנגערייפט, נ אָ ט י ר ל ע ך, צו דער וועלט־גאולה פון אַלע מאַטעריעל־שוואַכע, ובתוכם, אויך אידן,) וואָלט דאָך אַ ל צ יי נ ס נישט־געווען געקומען; איז, קאָן מען זיך־פאַרשטעלן: וואָס פאַר אַ שרעקלעכער ברוך אין דער אידישער גייסטיקער גבורה, אין אונזער משיח־אמונה, דאָס הייסט, אין דער אומבאַזיגבאַרער קראַפט פון אונזער אוממעכטיקייט, עס וואָלט, דאָן, מיט־דערמיט, געווען איינגעשלאָגן?... נו, איז, ערשט, גיט מען זיך שוין רעכענונג: וויאַזוי מיט דעם, וואָס ר׳ יוסף האָט, (ווי עס וויל האָבן די לעגענדע, און אויספּאָלגנדיק, אומבאַוואוסט — דעם טיפסטן אינטימסטן זין און באַפעל פון אידישן גורל,) אים י אָ ־ געטון די געפעליקייט, דעם שטן, האָט ער ג י כ ע ר גערעטעוועט — די אידישע וויזיע פון באחרית־הימים, אונזער קיום, אונזער אמונה, אונזער שרעקלעכע גייסטיקע גבורה, — איידער, ווי ער וואָלט געווען פאַרבליבן שטייף צום סם, ביז לעצט?!.

אַט דאָס ביז־איצט־געזאָגטע וועט אונז שוין דאַרפן העלפן וואַרפן ליכט אַף די פאַלן, וואָס מיר קומען ברענגען ווייטער. מירן נעמען, ערשט, — די לעגענדע, וואָס ווערט געבראַכט וועגן דעם בעש״ט: „וויאַזוי ער האָט געזוכט, וויפל מאָל, עולה־צו־זיין קיין ארץ־ישראל: „...כדי זיך דאַרטן צו טרעפן מיט דעם בעל „אור־החיים״ הקדוש; אַז זיי ביידע, צוזאַמען, זאָלן מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען און, איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל, זעען מקרב־זיין די גאולה...״ דאָס הייסט, ווידעראַמאָל, דוחק־זיין דעם קץ... „ר׳ ישראל בעש״ט — (זאָגט די לעגענדע ווייטער) — איז געווען באַ זיך זיכער: „...אַז פון דער דאָזיקער באַגעגעניש זייערער, צווישן אים און דעם בעל „אור החיים״, איז אָפּהענגיק — אַלץ; ווייל, נישט עפ״י צופאַל, זענען זייערע ביידנס נשמות אַראָפּגעקומען און געוואָרן נתגלה אַף דער וועלט — אין איינעם און דעם זעלבן דור...״ „אָבער — (דערציילט דערנאָך די זעלבע לעגענדע) — ווען ר׳ ישראל האָט גענידערט אַף אַ שיף און זיך־געלאָזן פאָרן, אַפּן וועג קיין ארץ־הקדושה, — האָט פּלוצים אויסגעבראָכן אַפן ים אַזאַ געפערלעכע סופה־וסערה, — אַז דער אָקרענט האָט געטראַכט פון זיך־צעברעכן; ווערן איינגעשלונגען פון די בייזע צעשפּילטע עלעמענטן;

און ער, דער בעש"ט, האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן, און געמוזט צוריקקערן... אַזוי, האָט ער געפּרואווט — דריי מאָל נאָכאַנאַנד, און אין יעדן פאַל, האָט זיך־איבערגעחזרט דאָס זעלבע... ביז וואַנען ער האָט, צו־לעצט, מיט גרויס שברון־הלב, איינגעזען: „...אַז דאָס איז מען אים מעכב מן־השמים; געוויס, ווייל עוד לא איכשר דרא; און איצט, אויב ער זאָל ווייטער אַנגיין מיט זיין עקשנות, — אַזוי קאָן ער נאָך, חלילה, ברענגען אַ צרה אַף אידן..." און ער האָט אויפגעגעבן..."

יאָ; איז, ערשט, קומט באַנייס די זעלבע פראַגע: — ווי וואָלט גע־ווען, ווען נ י ש ט ?.. דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער: ווען דער בעש"ט ווערט נ י ש ט געשטערט; ער גרייכט קיין ארץ־ישראל; וואו ער טרעפט זיך מיטן „אור־החיים"; זיי בײדע נעמען אונטער דעם גריי־לעכן קאַמף קעגן דער טומאה; און, (אַלץ, מחמת דער זעלבער סיבה: ווייל די גרויסע ברייטע מגושמדיקע וועלט האָט נאָך דאַן נישט־געהאַט אַנ־געריפט צו דער דערלייזונג,) פון אַלעם וואָלט גאָרנישט געוואָרן; איז, קאָן מען זיך פאָרשטעלן: וואָס פאַר אַ שרעקלעכן איינברוך ד אָ ס וואָלט געווען אַנגעמאַכט — אין דער נשמה פונעם בעש"ט, דעם צדיק־הדור, עס מיינט, אין זיין פעלזן־אומדערשיטערלעכער משיח־וויזיע פאַר אידן; אין זיין לויטערער אמונה (דער איינציקער, דער גייסטיקער כוח, וואָס האַלט אונז־אויף אין דער אומבאַזיגבאַרער וועלט,) — אין דער קראַפט פון אונזער אוממעכטיקייט?.. יאָ, איז, ערשט, ווערט שוין קלאָר דער זין פון דער לעגענדע: אַז די עלעמענטן גופא פון דער נאַטור, פון דעם ים, (אָ, ווי אויספּאָלגנדיק בלינד דעם טיפסטן איניקסטן זין און באַפעל פון אידישן גורל,) האָבן, (דאַדורך, וואָס זיי האָבן, אין פלוג, גע־מאַכט ד ו ר כ פ אַ ל ן דעם בעש"טס אָנשטרענגונגען פאַר ביאת הגואל,) ג י כ ע ר — געראַטעוועט און ד ע ר נ ע ע נ ט ע ר ט די אידישע משיח־וויזיע, — איידער, ווי זיי וואָלטן, חלילה, יאָ געווען צו־געלאָזט צו ר' ישראלס „נצחון", און דאַדורך, אים געוועזט געבראַכט — צו זיין (אונזער אַלעמענס) שוידערלעכסטן יאוש?!.

איז, אין דעם זעלבן ליכט, דאַרף אויך ווערן אינטערפּרעטירט — דער טראַגישער פאַל מיט דעם אַלטן קאָצקער רבין, ר' מענדל: דער אי־דישער ניטשעאַנער, (אַ העלער אָפּשפּיגל, אַגב, פון זיין וועלט־דור: וועל־כער האָט אָקערשט געהאַט צעריסן די קייטן פון מיטלאַלטערלעכן חושך; אַנגעזאָגט, אמת, אין פאַטענץ, דעם אין מאָרגן־רויט־זיגערישן אויפ־שוואונג פון הערלעכן אַלמעכטיקן מ ע נ ט ש ־ א י נ ט ע ל ע ק ט — איבער אַלוועלט; אָבער ד אָ ך, זיך נאָך געפונען, דערווייל, היסטאָ־ריש, אין דער בחינה פון ב ר א ש י ת ־ ק אַ מ ף — קעגן ברוטאַלן מאַטעריעלן אָפּפאַל; ווען דאָס געזאַנג פו ן גייסט־נצחון און גאולה האָט,

העכסטנס, געקאָנט ווערן דערהערט, אַלס שיר־העתיד...; נו, איז, אויך ער, דער רבי פון קאָצק, האָט — ווי דער מעכטיקסטער אָדלער, וועלכער איז טראַגיש־פּאַטאַל געפּענטעט דורך זיינע אייגענע פליגל, און ער קען, באין־אופן, העכער פון זיי נישט פליען און ווייטער פון זיי נישט גרייכן, — נאַטירלעך, ווייטער פון זיין אייגענעם דור, באין־אופן, נישט־געקענט דערלאַנגען...; יאָ, אָבער ער, וואָס האָט, אין תחילת, נישט געוואוסט, זיך נישט־געגעבן דערפון קיין רעכענונג, —) האָט זיך־געריסן, ווי פון אַ תפיסה: „...צו לאָזן אויסרופן — אָ, אין אַ וועלט־אפשר פון לית דין ולית דיין, — די שרעקלעך־געבענטשטע אומבאַזיגבאַרע גייסט־מאַכט פון דעם אָדם העליון, דעם אָדם הקדמון, אָ, פון זיין אַלמעכטיק העל וואָרט — איבער אַלץ!..”

דאָס הייסט — אַלץ דער זעלבער דוחק־זיין דעם קץ...

„נאָר, אין יענעם פירכטערלעכן פרייטיק־צו־נאַכטס — (דערציילט די לעגענדע) — ווען דער רבי, דער מנהיג־הדור; וואָס האָט זיך אַרויס־געשטעלט אין קריג — קעגן דעם כביכול אַליין; געוואַרט אַף אַ צייכן פון־נעם הימל; נאָר דער אות, דער אצבע אלוהים איז נישט־געקומען; און ער האָט דאַן, דער רבי, ((אין זיין געפּערלעכן פרייגעלאָזענעם שרעקלעך־מענטשלעכן גרימצאָרן; אין זיין לאַנג־געהאַט־גערייפטער אין זיין שטור־מיש קאָכיק געמיט, און ערשט, ענדלעך, מיטיינמאָל, אויסגעבראָכענער געפּאסטער שטאָלענער החלטה: „... צו שטירצן, (אָ, מיטן כוח פון זיין דור,) אַלע טראָגען פון שטומע הימלען; און, צום ערשטן מאָל, אין דער באַפרייטער וועלט, אָנזאָגן די גוואלדאָוונע בשורה — פון אויפגייענדן איי־ביקן מענטש!..”; יאָ, ווען ער האָט, דאַן, דער שטאָלצסטער רעבעל, אין זיין פאַרצווייפלונג; און פאַר די פאַרבליפטע שטוינענד־דערשראָקענע בליקן פון דער גאַנצער דערשיטערטער קאָצקער עדה אַרום,)) געהאַט אויס־געשטרעקט זיין האַנט צו די בענטש־לייכטער פאַר זיך אַפן טיש, אום זיי צו פאַרלעשן, — האָט, מיטאַמאָל, זיין תלמיד דער אישביצער אים פעסט אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, און אים פאַרהאַלטן; אים אָפּגעשטעלט, אין צייט...”

איז, אָט ביז וואַנען עס האָט געגרייכט די קולמינאַציע פון רבינס העכסטער אָנשטרענגונג; און זיך־איבערגעריסן...

יאָ, איז, דאָ, קומט־אויף, ווידער, יענע פאַטאַל־אויסטערלישע און דאָך, אַזוי־מערקווירדיק־איינפאכע פראגע: — ווי וואָלט געווען, ווען נ י ש ט ?.. ד. ה.: ווען דער אישביצער באַווייזט נ י ש ט, אין יענער סאמע־לעצטער רגע, צו פאַרהאלטן דעם רבין, א י ן צ יי ט — אין זיין פלאמיקסטן עקסטאז און אנגסטלעכן דראנג: „... זיך־אָפּצוקערן פון די קאַלטע, קופּערן־אכזריותדיקע, מיטיינמאָל פרעמד־און־אויסגעליידיקט־געַ־וואָרענע הימלען; אום אויסצורופן — די משיחישע, מהיום והלאָה,

מ ע נ ט ש ־ ה ת ג ל ו ת אַף דער וועלט; און אָנהויבן פון זיך און פון זיין דור — אַ נייע בראשית־עראַ פאַר דער מענטשהייט!..״; יאָ, ווען ער האַלט אים נ י ש ט אָפּ, דער רבי שטעלט דעם פּאַטאַלן שריט...; נו, און די (אונזער אידיש־אוניווערסאַלע) מענטש־גאולה, (ווי דערקלערט פריער — ווייל עוד לא איכשר דראָ;) וואָלט ד אָ ך נישט געווען גע־קומען; און אַליץ, (אָ, אַ האָר נישט געענדערט,) וואָלט געהאַט פאַרבליבן, ווי געווען, ביים אַלטן...; איז, קאָן מען זיך־אויסמאָלן: וואָס פאַר אַ שרעק־לעכן חורבן דאָס וואָלט געווען געבראַכט אין דעם צערודערטן געמיט פון דעם אומגליקלעכן צדיק, דעם מנהיג; און נאָך אים — פאַר זיין גאַנצן דור?... נו, איז, ערשט, ווערט שוין קלאָר: אַז דער אישביצער — מיט דעם, וואָס ער, (ווי אויספאָלגנדיק דעם טיפסטן איניקסטן זין און באַפעל פון יידישן גורל,) האָט דעם רבין אָ פּ ג ע ה אַ ל ט ן פון זיין לעצטן פאַרצווייפלטן שפּאַן, — האָט גיכער — ג ע ר אַ ט ע ווע ט א ו ן א ו י פ ג ע ה אַ ל ט ן, איידער צעשטערט — דעם פעלזן־פעסטן יסוד פון אייביקער אידישער אמונה אין דער גייסט־גאולה; אין דער משיח־וויזיע פונעם לויטערן וואָרט; אָ, אין דער אומבאַזיגבאַרער אומפאַרגענג־לעכער אייביק־אויסשטראַלנדער קראַפט פון די אוממעכטיקע?!.

אָבער, דער סאַמע־כאַראַקטעריסטישער פאַל פון דער דאָזיקער סעריע איז — דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבאָ, סטימולירט דורך ר׳ עקיבאָ. מע דאַרף געדענקען: אַז בעת די אידישע אינטעליגענץ, אין אַלגעמיין, פון יענער צייט, מיט ר׳ אל עזר המוד עי בראָש„ איז געווען קאַטעגאָריש־קעגן דעם דאָזיקן אַנטי־אידישן אופן — פון פּרואוון דערגרייכן די גאולה, דורך דער פיזישער גבורה; און געשריגן צו ר׳ עקיבאָן: „— יעלו עשבים בלחייך, ומשיח בן דוד לא באָ!...״, — איז ער געווען, שיר נישט, דער איינציקער, וועלכער האָט באַזעסן מוט און קוראַזש אַזויפיל, וויפל מע האָט באַדאַרפט צו האָבן, כדי זיך צו קענען פאַרמעסטן און אַרויסטרעטן — קעגן זיין גאַנצן דור; אי קעגן דער אוראַלטער אידישער מסורה פון — לא בחייל ולא בכוח, כי אם ברוח; און נעמען און ענדערן דעם נאָמען ב ר ־ כ ו ז י ב אָ אַף ב ר ־ כ ו כ ב א : כדי צו קענען דרשנען וועגן אים „ — דרך כוכב מיעקוב...״ דאָס, מסתמאָ, (אָט דער פאַטאַלער טעות — צו פּרואוון דוחק־זיין דעם קץ, דורך מאַטעריעלער קראַפט,) זאָל זיך האָבן געגומען צו אים — מחמת זיין אָפּשטאַם... ווייל, מע דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, ווי דער זעלבער ר׳ עקיבאָ האָט געפלעגט זאָגן: „— בשעה שהייתי עם־הארץ ופגשתי בתלמיד־חכם, הייתי קורעו כדג, ומגבו.״ עס איז, דאַרום, נישט־אויסגעשלאָסן: אַז, (טיף אין זיין אינטי־מיטעט, און אומבאַוואוסט אַפילו פאַר אים גופאָ,) איז ער געגאַנגען לער־נען: נ י ש ט , כדי זיך צו באַפרייען פון עם־הארצות, און ווע ר ן אַ תלמיד־חכם, — נייערט, כדי צו ־ ב אַ ק ע מ פ ן דעם תלמיד־חכם;

דאָס הייסט: אים דערקענען, אין זיין מהות, — אום צו וויסן, וויאַזוי אים צו צעשטערן... עס איז, דערפאַר, גריילעך־זיכער: אַז די גראַוויטאַציע אין זיין געמיט צום שטאַם זיינעם, דאָס הייסט, צו אָט דעם טיפן אָרגאַנישן גלויבן און פאַרלעסלעכן צוטרוי, פון דעם עם־הארץ — בלויז צו דער איינציק־פאַר־אים־עקזיסטירנדער קראַפט, דער אָנשוילעך - פ י ז י ש ע ר, — האָט גאָר קיינמאָל באַ אים נישט־אויפגעהערט; במילא, האָט כסדר אין אים אָנגעהאַלטן דער געראַנגל — צווישן תלמיד־חכם, און עם־הארץ; עס מיינט, צווישן די קאָנצעפּטן: פון באַפּאָרצוגן די גייסטיקע גבורה פון די פיזיש־אוממעכטיקע; אָדער, זיך גאָר נעמען און סומך־זיין — אַף דער סאַמע ערדישער ברוטאַלער מאַטעריעלער קראַפט... אַזוי לאַנג, ביז, נאָכהער, מיט דער צייט, ווען עס איז אונטערגעקומען, (עס האָט אָנגערייפט.) דער פאַל בר־כוזיבאַ, — דאַרף שוין נישט זיין קיין רבותא: הלמאי ר׳ עקיבאָ, (אין ווּעמען עס האָט, ענדלעך, גובר־געווען — זיין שורש.) האָט, אין אַזאַ טראַנסצענדענטאַלן מאָמענט, זיך־דעצידירט און אינגאַנצן איבערגעגעבן בלב ונפש — דעם אויפשטאַנד...

יאָ, אָבער, אַצינד, קומט באַנייס־אויף אונזער אַלטע פראַגע: — ווי וואָלט געווען, ווען נ י ש ט ?.. דאָס הייסט, ווען די רוימער וואָלטן דאַן, נ י ש ט געווען באַזיגט די אידן? איז, שטעלט מען זיך פאָר: וואָס, שפּעטער, מיט דער צייט, עס וואָלט זיך געווען פון דעם אויסגעלאָזט? ער, בר־כוכבאָ, וואָלט, נאַטירלעך, באַלד ביים אָנהויב, געוואָרן באַפּעסטיקט אין דער מאַכט — אַלס דער מלך־המשיח, דער גואל! נאָר: צי וואָלט ער, ווירקלעך, דערנאָך, געווען געקאָנט ברענגען די גאולה, (עס מיינט, די ממשלת צדק ויושר,) אויב אַפילו נישט — פאַר דער גאַנצער וועלט, — איז, לכל־הפחות — פאַר דעם פאָלק פון ישראל, אין זיין היים־לאַנד? עס איז קלאָר: אַז כדי מדינת־ישראל זאָל געווען קענען עקזיסטירן, — וואָלט דאַרט געמוזט ווערן איינגעשטעלט, מער־ווייניקער — דער זעלבער עקאָנאָמישער סדר, ווי אין דער איבעריקער וועלט; וואָס דאָס מיינט, (אַף דער דעמאָלסטיקער סאַמע־נידעריקער שטופע פון אוניווערסאַלער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.) — אַזאַ ברוטאַל־אומיושרדיקע סאָציאַלע אָרדענונג, ווי איבעראַל; הייסט, טאָ, וואָס וואָלט געווען געוואָרן — פ ו ן ד ע ר ג א ו ל ה ?! נו, און פון דעם גואל אַליין, דעם געקרוינטן מלך־המשיח בר־כוכבאָ, (וועלכער וואָלט, נאַטירלעך, אַזוי לאַנג געווען געלעבט און זיך־געעלטערט, ביז ער וואָלט, ווי יעטוועדער אַנדערער בשר־ודם, ענדלעך, געווען געשטאָרבן;) יאָ, טאָ, וו אָ ס וואָלט זיך פ ו ן א י ם אויסגעלאָזט?!

נו, איז, ערשט, (ווי מיינט מען.): ווער געווען — דער אמתער רעטער פון דער אידיש־אוניווערסאַלער משיח־וויזיע פאַר דער גאולה? ר׳ עקיבאָ, וואָס האָט געזוכט צו מקרב־זיין דעם קץ, אַף ז יי ן שטייגער

— דורך דער פיזישער קראַפט; און מיטדערמיט, שיר נישט, אַ ל ץ אומגעבראַכט — פאַר הווה און עתיד, — אָדער די אידישע אינטעליגענץ: וועלכע, (ווי אויספּאַלגנדיק דעם טיף־איניקסטן אינטימסטן רוף פון איי־ביקן אידישן גורל,) האָט, אין פלוג, ג ע ש ט ע ר ט דער גאולה — מיט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט; אָבער, דאַדורך, געראַטעוועט פאַר אידן, און פאַר דער גאַנצער וועלט, אין דער צוקונפט — אונזער אוני־ווערסאַלע דערלייזערישע משיח־וויזיע: אָ, וועגן דער אייביקער אומבאַ־זיגבאַרער גייסטיקער קראַפט פון די סאַמע מאַטעריעל־געפאַלנסטע, פון די לעצט־אוממעכטיקע?!.

# היים און וועלט

די לעגענדע קאָן ווירקן רעאַל אַף מענטשס געמיט, נאָר ווען זי איז פון אים — ווייט, אומקלאָר, אומרעאַל פאַר זיין וואַכן שכלדיקן בליק, אונטער דעם טאָג־ליכט. בלויז דאַן, דערזעט דער מענטש, מיט די אויגן פון האַרצן, די לעגענדע שיינען, אויפלויכטן וואונדערלעך־שיין, העט, דאָרט, אין דער רייצנדער ווייטקייט; אַזוי לויטער זעלטן קלאָר, ווי קיינ־מאָל אין ערגעץ אַנדערש; אַזש זי מאַכט אָפּחלשן זיין אויסגעלעכצטע זעל — מיט גליק־אַנגסט, מיט איידעלער פיין; און זי טוט אויפשלאָגן שטאַרקער פולסירנדער דאָס צום־גלויבן־ערשט־ווידער־דערוואַכטע בלוט אין אַלע, געווען, אָקאָרשט־מיט־אַ רגע־פריער, פאַרשמאַכטע גלידער זיינע — מיט איר כישוף־באַנג, אומווידערשטיילעכן צויבער; וואָס קאָן דערברענגען אייגעם ביז צום אויסגיין... זי, די לעגענדע, די גאָטהייט פון יעדן, אַלעמענס אידעאַל, איז דאָ, איז פאַראַן אין קיום — נאָר דאַן, ווען זי איז נישטאָ; ווען זי איז ווייט; ווען זי איז פאַר מענטש — בלויז לע־גענדע, אַנונג, געפיל, טרוים. זי עקזיסטירט — נאָר אין דער ווייט; נאָר, אין דער לעגענדע; נאָר — אַלס לעגענדע; און אונטער דעם דעק־טוך פון דער טונקעלער נאַכט; עס הייסט, נאָר דאַן, ווען עס נידערט און עס שפרייט זיך אויס איבער דעם אַרומיקן טאָג־ליכט — דאָס מאַנטל פון נאַכט־פינצטער; יאָ, איז ערשט דאַן אומשטאַנד צו קענען אויפגיין די אומרעאַלע מאַגישע שיין פון דער לעגענדע — אין דעם פלוצים נעמען־ווערן־נאָענטן ווייט, אַרום און אין אונז; אַנזאָגן, אַ צעבליט־צעשמייכלטע, אַ קינדיש־צעשטראַלטע: „...אַז זי איז — דאָ; זי לעבט; זי האָט לאַנג געוואַרט, אויסגעקוקט אָט די שעה ;ביז זי איז, ענדלעך, געקומען...״ נאָר, אַנהאַלטן וועט אָט דער אומרעאַל־רעאַלער צויבער אַזוי לאַנג, — ווי עס וועט דויערן, בכלל, די אַרומיקע דעקאָראַציע פון דער נאַכט. קוים אָבער וועט זיך נעמען דורכשלאָגן אין אַרום, אויפקומען דאָס ליכט פון

טאָג, פון פאַרשטייך, פון שכל־וואָר, — אַזוי וועט באַלד נעמען אָפּוועלקן. אָפּבלייכן די ווייט־נאָענטע לעגענדע־שיין, בלייבן דערשטיקט, נישט־ווערן; גלייך, ווי גאָר נישט־געוועזן, אָקאָרשט, אָט־אָ־דאָ, פאַר אַלעמענס אויפגעראַשטן צעצונדענעם בליק; נישט — אַצינד; נישט — קיינמאָל, אינערגעץ, אינגאַנצן. ווייל — זי, די לעגענדע, ווי געזאָגט, איז קיום־פול — נאָר אין דער ווייטעניש פון דער קינדהייט־אילוזיע, פון גלויבן; און אַקוראַט אַזוי, קאָן צו מענטש דערלאַנגען איר ווירקונג, איר אויס־שטראַלונג: אויס יענער טונקעלער אומרעאַלער, און דאַך, און דאַרום־ערשט, אַזוי העל־לויכטנדער, אויס דער ווייטער ווייט, גליקלעכער אומ־שולדיקער קינדהייט...

ווייל דאָס קינד לעבט דורכויס — אין דער כישוף־וואָר פון לעגענ־דע. דאָס קינד, וואָס איז — גאַנץ, מיטן געמיט; וואָס ווערט נאָכנישט געגריזשעט דורך דעם וואָרעם־צווייפל פונעם פאַרשטאַנד; דאָס קינד, אַ נאַטור־חיהלע — אַליין, וואָס קריכט אַרום אַף אַלע פיר, — שפּילט זיך מיט דער הויז־חיה, מיט דער נאַטור, מיט אַ חברל, אַ גלייכן צו זיך; עס שפּילט זיך מיט דער גאָט־בעסטיע אין דער נאַטור — אָן שרעק, תמי־מותדיק, קינדיש־נאַיוו, היימיש, אייגן; עליי, ווי עס וואָלט געגאַנגען אַף דעם ראַנד פון אַ אָפּגרונט און, אין גליקלעכער אומוויסנהייט, דורך עמיצנס אומגעזעענער האַנט, דאָך געבליבן אייגגעהיט. יאָ, דאָס קינד, ווי געזאָגט: אַליין, פּרימיטיווע נאַטור, — ז ע ט נאַטור, די נאַטור־בעסטיע־גאָטהייט — אייגן, אויס אינעווייניק, נאַטירלעך; און עס אַנט נישט קיין שום דרויסנדיקן אונטערזאָג פון וועמען — מכוח שרעק. דאָס קינד, וואָס לעבט אין דער לעגענדע־וואָר פון זיין טרוים, — זעט באַשייג־באַרלעך די גאָט־בעסטיע פון דער נאַטור, מיט די זעלבע אויגן פונעם האַרצן, ווי עס זעט די גאָטהייט — די בעסטיע, די חיה פון דער נאַטור גופא; אָט די גאָטהייט, וואָס קומט פאַר דער טונקל־תמימותדיקער חיה אַזוי נאַטירלעך היימיש, — ווי זי, די חיה, איז — זיך־אַליין; און ווי עס איז איר היימיש — דער בוים, די לאָנקע, די מחיהדיקע רעגנדע אירע נאָזלעכער לופט, דאָס שמעקעדיקע גראָז, דאָס טייכל; וואָס דאָס אַלץ האָט נישט, פאַרוואָס צו זיין פאַר איר — קיין שרעק. זי שטייט, דאַרי־בער, געלאַסן, און מעלה־גרה׳ט; קוקט אַף דער גאָט־בעסטיע, וואָס פאַר זיך: וועלכע בליקט אָפּער צו איר — אויס אומעטום, אויס דער גאַנצער נאַטור; און דערביי, טוט זי זיך, אומגעשטערט, פיין־אונטערמיסטיקן אונטער זיך... און געגוי דאָס זעלבע געשעט, נאַטירלעך, צום גליקלעכן אומשולדיקן תמימותדיקן קינד־חיהלע; וועלכער קוקט אויך; זעט אַלץ — די נאַטור־גאָטהייט, באַ דער האַנט; און ער בלייבט, דערביי, אין זיין לעגענדאַרישער געפיל־טונקעלער העל־זעערייַ — אַזוי רואיק־גאַנץ, ווי געוועזן... פאַרשטייט־זיך, (ווי דערמאָנט) ביז עס נעמט אויפקומען אין

אים, מיט זיין וואוקס — דער טאָג־לויכטנדער געדאַנק; וועלכער רייסט אויף די גליקלעכע גאַנצקייט פון זיין זעל; צעשפּאַלט זיין געמיט: שפּרייט אויס פאַר אים, איבעראל — אַ אַנדערע העלע שיין; אָ, אַ טויטלעכע פאַר אַלץ, וואָס האָט, ביז־אַצינד, געאָטעמט — מיט לעגענדעלעבן, מיט טרוים־וואָר; און ער פאַרטרייבט אַלע נאַכט־שאָטנס, פאַראַמאָל; צייגנדיק דעם פון־זיין־טרוים־גוואלדזאם־צעוועקטן מענטש: ער זאָל זיך אַרומקוקן, ערשט, מיט די געזונטע אויגן פון זיין פאַרשטאַנד, און דערזעען: ווי זי, די אָקאָרשט־געאַנטע בעסטיע־גאָטהייט, איז, פאַקטיש, איגערגעץ נישט־פאַראַן מער; זי איז אַנטרינען — באַנאַנד מיט אַלע אַנדערע אויסדאַכטונגען און קראַנקהאַפטע אילוזיעס פון דער בלינדער נאַכט; ;אָ, ווי נישט געווען גאָר, קיינמאָל, אינגאַנצן; און פאַרבליבן איז בלויז — די רויע נאַטור־בעסטיע, דאָס הייסט, די וואָרע ווילדע נאַטור אַליין; וועלכע האָט אָבער נישט אין זיך קיין שום געטלעך־רייצנדעס; נייערט, פונקט־פאַרקערט: איז זי, אין גרעסטער טייל, שמוציק־שלעכטריח׳דיק־אָפּשטויסנדיק — אויב עס קומט נישט אונטער אונזער האַנט, איר אַרומצוריידיניקן...; האַנט, טאָ: ווי קומט זי — צום מענטש: דער צעוואַכטער שטורמישער אָדלער, וועלכער האָט זיך פאַרנומען — צו רעוואָלוציאָנירן דאָס גאַנצע זיין?..

איז, אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די דראַמע פון אויפגעשפּאָלטענעם מענטש; וועלכער האָט פאַרלאָרן זיין גליק, זיין היים, דאָס כישוף־וויגעלע פון זיין קינדישער בלינד־לעגענדאַרער (העל־א י ל ו ז אָ ר י ש ע ר) וואָר; און, (אַ פאַרבלענדעטער פון אַ אייגענער, בלינד־ר ע אַ ל ע ר, וואָר,) אַוועק בלאָנזשען — אין דער וועלט פון אַוואַנטורע און קאַמף; וואו ער טרעט־אויף, ווירקלעך, אומאַנטשראָקן; זיך נישט־אָפּשטעלנדיק פאַר עפּעס, פאַר קיינס; זיך־באַציענדיק צו זיך־גופא — נישט־ווינציקער גרויזאם־צעשטערעריש, איידער ווי צו אלדאָס־אַנדערע, וואָס ער טרעפט־אָן, אַף זיין וועג; הגם, ער אַנט אַליין, אויסגעצייכנט: וואוהין ער דרענגט, מיט זיין פלאַטער: צו לעצט־פאַרצווייפלטער זעלבסט־אויסראָטונג פון אלץ; איז, אפשר, (איר הערט?) דווקא — דערפאַר; וויבאלד אַז קיין וועג אַף צוריק, אַ ה יי ם, איז נישטאָ מער. פאַרשפּילט...

יאָ, דער מענטש, (און באַזונדערס, דער באַלויכטענער וועלט־מענטש פון אונזערע טעג,) האָט גענומען און פאַרברענט די בריק צו זיין קינדהייט, צו זיין היים, צו זיין אומענדלעכער לעגענדאַרער וואָר, צו זיין גאָטהייט, צו זיין גאַנצקייט, צו זיין גליק, צו זיין פּרימיטיווער נאַקעטבעסטיאַלער תמימות; אַזוי, ווי עס האָבן געלעבט, אין אור־פאַרצייטנס, קינדישע שבטים גאַנצע: אין פּרו ורבו, און ולא יתבוששו, פאַריינס — ווי די גוטע האַרציקע חיות באַגלייך, אין גאַנץ־זיין מיט גאָט; און, אַ פאַרשמאַכטער פון היים־ווײ, פון נאָגנדער פּיין, — איז ער אַליין געקו־

מען, אין זיין אומגליקלעכער פערווערזיע; ער האָט אַרויסגעריצט פון זיך — יענע אַלע געהיימע פאַרהוילענע טאַבו־מיסטעריען, וואָס האָבן תמיד צעשראָקן געצאַפּלט, זיך־געטוליעט געקלאַמערט אין די שאָטן־ווינקלען פון זיין קינדהייט, פון זיי׳ן קינדערש פאַנטאַסטיש געמיט; אָ, דאָרט, אין יענע פּירכטערלעכע באַזע־גרונטלאָזיקייטן, וואו זיי זענען געבליבן אָפּ־געדרוקט; און ער, (מיט יאָרן צוריק, אין זיין יוגנט־שויך, און דאָך, נאָך אַלץ, שיר נישט אַליין — אַ קינד,) אַז ער האָט זיי, צום ערשטן מאָל, גע־האָט דעראַנט, אויפגעדעקט; (און ד אָ ס מאָל — שוין עפּעס אַנדערש; פּאָרט נישט — מיט קיין ריינע קינדערשע אויגן...;) געוואָרפן אַף זיי אַ טויטלעך־צעציטערטן בליק; אַף זייער מאוימדיק־זיס־עקל־צוציענדיק־צניעותדיק־שאָטנדיק פרעך־נאַקעטער אַנטבלויזונג, — אַזוי האָט ער זיך באַלד פון זיי, מיט גרויל, מיט אָפּגעקאָכטער בלוט־בושה, אַוועקגעקערט; דאָס פּנים פאַרשטעלט, ווי פאַר אַ טומאה־הייליקער זעונג באַגלייך; ווי פאַר אַ לעסטערונג אַ פאַרשוועכונג אַ געפערלעכער; און געאיילט, זיי צו פאַרדעקן; אָבער, צו גלייכער צייט: זיי ווידער טיף באַגראָבן — אין זיין לייב; אין זיין אומגליקלעך־וואַנזיניק צעזאָדן בלוט; זיי אַזוי־צערטלעך אריינגעזאַפּט שטום־בלינד אין זיך, די בעסטיאַלע מיסטעריען; אָ, ווי אַליין זיך־דערשפּירט דאַן, באַנייס — דאָס קינד־חיהלע פונאַמאָל: ווען ער איז נאָך געהאַט אַרומגעקראָכן אַף אַלע פיר; זיך־געשפּילט מיט דער הויז־חיה, דעם הונט, דער קאַץ, דעם קעלבל, דעם פערדעלע; ווי זיי, די חיות, (מיט די אויגן פונעם האַרצן, מיטן געפיל) — ערשט, ווידער, ווי אַמאָל — אַזויווי דעראַנט די שטראַלנדע גאָטהייט־אילוזיע, די גאָט־בעסטיע, אויפגיין פאַר זיין געמיט, ערגעץ אין דער טיפער לויטערער שעה פון דער נאַכט, (ווען זי, די אילוזיע, ווי באַוואוסט, קאָן נאָר דאַן געזעען ווערן;) אָבער געאיילט, אַצינד, (אָ, ווייל געוואוסט, ווייל ד אָ ך — ווי געזאָגט — שוין נישט געווען אינגאַנצן־קיין־קינד־מער) — איר, די גאָטהייט־מיסטעריע, צו פאַרהוילן: אום עס זאָל נישט קומען, (אָ, אַזוי, ווי עס האָט שוין געהאַט פּאַסירט מיט אים, איינמאָל,) דאָס ליכט פון העלן טאָג, פון פאַרשטאַנד; אים אויסלאַכן־אויסשפּעטן, מיט זיין אַנטדעקונג אינגאַנצן; נעמען און פון אים צוריבן, ווידער, זיין פרייד, זיין גליק, זיין גענוס; און איר, זיין באַנייס־אַנטדעקטע גאָטהייט־אילוזיע, טון לאָזן אָפּבלייכן, אויס־לעשן, איר צעשטערן, אויסראָטן, פאַרניכטן, ביז לעצט...; יאָ, איז ער איצט געקומען אַליין, (ווי דערמאָנט, דער באַלויכטענער געדאַנק־מענטש פון אונזער צייט;) און, ווי איינער, וואָס דערשפּירט: אַז ער איז אויסגע־שפּילט אינגאַנצן, און, אַליין אַף טויט־פּיין, וועט ער זיך גיין אומברענגען, — אַקוראַט אַזוי, דער זעליש־אויסגעברענטער גאָטלאָזער ליכט־מאַן פון היינט, האָט ערשט אַליין גענומען; פאַרעטעריש אָפּגעשליידערט פון זיך, אָ, אַלע זיינע גראַנדיעזע פלאַמיקע רעוואָלוציאָנערע אינטעלעקט־פאַראַלן

פון געוועז; גענידערט, שוין ווי אַ פּרעכע אומדערזעטלעכע שאַנד־בעסטיע, אַף אַלע פיר; און אין פינצטערע טייפלשע וואַנזין־אַרגיעס, מיט דער הפקר־זונה באַגלייט — געטון זינקען, נעמען גראָבן: זיך־אומצוקערן צו זיין נאַכט, צו זיין י ו ג נ ט ־ קינדהייט, אָ, צו יענער ערשטער שרעק־אַנטפּלעקונג פון זיין היסטישסטן ציטערדיקסטן עראָס־רייץ, — אום אַליין גוואַלדזאַם זיך־פאַרשוועכן, אויפדעקן, אַנטבלויזן, שענדלעך־נאַקעט; אַליין נעמען, (אַזוי, ווי איינער, וואָס ברעכט־אָפּ דאָס טיפסטע פון זיך, דאָס זיס־ביטע־רע חיות, אַלציינס.) און פון זיך אויסקערן: אָ, די שרעקלעך־ווייטע אין אָפּ־הילך, כישופדיקע טאַבו־לעגענדע; וועלכע האָט קיינמאָל נישט־געהאַט קיין נאָמען, קיין רעכט געשטאַלט אַפילו, קיין קלאָרן וואָרן אויסזעען; דאָ־רום, אויס דער טיפער טונקלקייט, אַזוי זיס־געהיים, פאַנטאַסטיש־ווייט, מיסטעריעז געשטראַלט, אין גליק־פּיין; אַזוי וואונדערלעך־אומווידער־שטיילעך, מאַגיש, געצויבערט, געררייצט, גערויִשט, שיכור־גערייזלט, תמיד, אָן־אויפהער, אין אַלע גלידער, פאַרהוילן; יאָ, ווי די קיינמאָל־געזעענע, נאָר, דערפאַר, שרעקהאַפט־זיך־שפּירן־לאָזנדע אין געמיט טונקל־מיסטעריע פון שאַרפן צאַפּל־אויפגיין; אָ, ווי די שרעקונגס־אַנונג פון גאָטהייט; ווי די היים; וואָס פילט אַזוי אָן מיט זין, מיט באַדן, מיט גלויבן־זאַפט, מיט קינדיש קוואַלן דאָס קינד־געמיט, — אַז עס זאָל שוין אימער דאַרפן אָנקוועלן מיט געהיימער טיף־ווייטער לעגענדאַרער קינדהייט־שיין — אַ לעבן לאַנג...; איז, אָט די הייליקע אייביקע טאַבו־וואָר, די געטלעכע היים, האָט ער זיך פאַרגענומען, דער וועלט־מענטש פון היינט, שענדלעך־נאַקעט־אַנטבלויזט, פּרעך־פאַרברעכעריש, פון זיך אויסצוקערן, אויס זיין טיפסטן צעפּייניקסטן אינגעוויד — אַף דעם טאָג־דרויסן אַפער; אין דער דאָזיקער שאַנד־לופט פון אַ וועלט, וואו אַלץ אָטעמט, אַזוי חזירש־ברוטאַל, מיט נבזהדיקסטער שגעון־פּיין און גאָט־מענטש־באַכראַקונג, ביז לעצט...

אָבער, דער וועלט־מענטש פון אונזערע טעג, וואָס האָט, אַזוי שענדלעך, זיך־דערנענטערט, צוריקגעקערט צו זיין היים, צו זיין אילוזיע, צו זיין לעגענדע, צו זיין קינדהייט, און, דאַדורך, זי אויסגעראָטן פון זיך, זי דערמאָרדעט, — האָט, אין דער זעלבער צייט, פאַרלאָרן אויך — זיין וועלט: וועלכע האָט נישט מער, (אין איר ווילדער אומנאַ־טירלעכער, ביז־איבל־איבערגעפרעסענער אַלץ־אַנטבלויזונג, אַלץ־דערגריי־כונג,) אָ, יענעם געהיימען סטימול פון דער מיסטעריע; דאָס הייסט, פון דער נשמה, פון דעם זיין... ער, דער נאַקעטער באַרויבטער מענטש פון אַלץ; אָרעמער פון דער אָרעמסטער בעסטיע אין דער נאַטור, — צאַפּלט, דאַרום, אין זיין געבראָכנסטער פאַרצווייפלונג; און, נישט־דערוואַרטנדיק מער גאָרנישט פאַר זיך, — וואַרט ער אָפּ, געדולדיק, רעזיגנירט, אַף דער לעצטער שעה פון פאַרגיין. אָ, ער ווייסט, באַגרייפט בלוטיק־קלאָר;

וואָס ער האָט געטון, וואוהין ער האָט זיך דערפירט, זיך־דערבראַכט; און ער איז גרייט, צו טון אַף זיך אַליין — די שטראָף.

ווערט אָט דער דעמער, אין געפּאַלנסטער רעזיגנאַציע, קענען ווערן דער אָנזאָג — נאָך דעם האָבן באַקומען דעם מאוימדיקסטן עונש — פאַר דעם נייעם מענטש־אויפגאַנג פון מאָרגן? דעם מענטש, מיט אַ שטיל הכנעהדיק לעבן — אין דער וועלט; און מיט דעם אייביקן פלאַטער־באַנג אין הארצן — צו זיין היים?..

---

## דער מענטש באַשולדיקט זיינע ריכטער — אַף דעם פּראָצעס פון לעבן

פראַנץ קאַפקאַ, אין זיין ווערק „דער פּראָצעס", מישט, ווי דאָסטאָיעווסקי, חלום מיט וואָר; און ער זוכט צו מאַכן נאַטירלעך — דעם איבערגאַנג, די קאָנטינואיטעט. וואָס ווייטער אָבער, ווערט אַלץ־בולטער זיין אידייע: אַז די וואָר פון לעבן, וועלכע ווערט באַנומען און קאָנטראָלירט דורך מענטשס אינטעלעקט, — איז, פאַקטיש — אַ אילוזיע; דאַקעגן, דער טרוים פון דער אינערלעכער עמאָטיווער וועלט, דאָס איז — די איינציקע רעאַלע וואָר. נו, און דער גאַנג פון מענטש אין דעם לעבן, אָט דער אַזוי־גערופענער *לעבנס־פּראָצעס*, דאָס איז, אייגנטלעך — איין לאַנגער *געריכטלעכער פּראָצעס*, אַף וועלכן דער מענטש ווערט געמשפּט, פאַרמשפּט צום טויט און, צולעצט, היינגעריכטעט. דאָס איז — זיין פּאַטאַליטעט, דעם מענטשס. ער איז, אין זיין לעבן — אַ מעדיום־יעזוס פון די געטער. ער לעבט נישט — פאַר זיך; נייערט, בלויז פאַר זיי. עס איז זיין לעבן — אַ אָפּקומעניש, פאַר דער שולד פון די געטער: יודעי טוב ורע; וועלכע ווייסן פון גוטס און פון שלעכטס; און זייער וויסן, פון די געטער, זייער *באַנעמען־בלויז* שלעכטס, איז, אין זייער געטלעכן העכסט־פולקאָמען אומענדלעכן ווייט־גרייכן — עקוויוואַלענט, ווי די טאַט. זיי ווערן, דאַרום, די געטער, באַשטראָפט, (דורך וועמען? אפשר — דורך אַ העכערער פּאַטאַליטעט פון די געטער גופא...,) מיט טויט — אין דעם לעבן: דורך דעם קרייציקן דעם מענטש... (אין וועמען זיי האָבן *זיך*, באַנייס, באַשאַפן; אָט דער אַזויגערופענער — *מענטש־גאָט*; און מיט וועמען עס ווערן געקרייציקט — *זיי אַליין*...)

אָט דאָס אַלץ איז באַוואוסט דעם מענטש — בלויז אין זיין אינערלעכער טרוים־ (און וועלכע איז, פאַקטיש, די ווירקלעכע, וואַכזאַמע)־וואָר. דאַקעגן, אויסערלעך, אין זיין כלומרשט־וואַכער און, פאַקטיש, איבערפלעכלעכער אילוזיע־וואָר פון אינטעלעקטועלן לעבן, הויבט מענטש

נישט אָן צו אַנען דערפון. און ווען אַפילו מע זאָל עס אים זאָגן ווער, — וויל ער עס גאָרנישט אויסהערן; און ער טוט עס נעגירן, אָפּוואַרפן, מיט פאַראַכטונג. ע ר, איז פעסט זיכער אין דעם קלאָרן זין פון זיין אומאָפּהענגיקער, פרייער־אין־זיך עקזיסטענץ; און אין דעם אַלעם, וואָס ער נעמט פאָר, מיט דעם נאָכגעדענקטן ווילן פון זיין לויטערן אינטעלעקט; מיט איין וואָרט, אין אַלע זיינע פאַרנונפטיקע שטרעבונגען און אַמביציעס — כדי זיין פּאָזיטיוו לעבן נאָכמער צו באַקרעפטיקן. נאַטירלעך, אַז ער טרעפט אָן שטערונגען אַף זיין וועג, וועלכע מע מוז באַקעמפן; ער מאַכט אויך צופעליקע טעותן, און ער פאַלט דורך. ער האַלט אָבער: אַז דאָס קומט בלויז, מחמת דער מאָמענטאַנער אומדערפאַרונג פון זיין אינטעלעקט; וועלכער לערנט אָבער, מיט דער צייט, פון די טעותן; ער טוט זיך, אַף ווייטער, קאָרעגירן; און ער באַקומט, דאַרום, דער מענטש, אַלצמער האָפענונג: צו קענען אויסרעכענען, אין דער צוקונפט, אַף אַלצמער־זיכערע נצחונות, אין זיין אומדערמידלעכן לעבנס־קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ...

נאָר דאָך, נישט־געקוקט אַף דעם אַלעמען, בלייבט אַלץ, אומפאַרמיידלעך, די לעצטע אויפבינדונג, דער טויט־אַקט; וועלכער האָט נישט אין פלוג, קיין שום שייכות — מיט דעם אַלעם פריערדיקן פון אינטעלעקטועלן מענטשס לעבן און קאַמף; וועלכן (דעם טויט) מע קען אָפּשטופּן; דאָס לעבן פאַרלענגערן; אָבער, באַיך־אופן נישט, אים, דעם טויט, אַרומגיין. ער וואַרט, וויניקער צי מערער צייט, אַף זיין פאַנג, ביז, ענדלעך, ער דערוואַרט זיך; פריער, צי שפּעטער — נאָר, קיין אנטרינונג פאַר אים איז נישטאָ. טאָ: וואָס, אַדרבה, האָט אַף דעם אַלעם צו ענטפערן — דער גאַנג אינעם לעבן פונעם אינטעלעקט?..

דאַקעגן, ווייסט וועגן דעם צו פאַרזיכערן — די אינערלעכע עמאָטיווע וועלט פון מענטש: אַז זי, ווי די איינציקע עכטע וואָר, גייט אָן מיט אַן אייגענער פאַטאַלער בינדונג, קייטלונג און אויסוויקלונג פון אָנרייפנדע געהיימע געשעענישן; וועלכע זענען, פאַקטיש, דער איינציקער עכטער פאַרבאָרגענער זין און די טרייב־קראַפט פון מענטשס אויסערלעכע, כלומרשט־אומאָפּהענגיקע פרייע אינטעלעקטועלע אונטערנעמונגען; ביז וואַנען עס רייפט אָן, ענדלעך, זיין שעה; און ער, דער מענטש — אַן אויסגעברענט־אויסגעצערטער, אַלציינס, דורך דערפאָלג, צי דורכפאַל, — דערגייט צו זיין קולמינאַציע; ווי איינער, וואָס דערשפירט, פלוצים: ווי ער טראָגט אַף זיך, לאַנג, אַ שווערע מוראָדיק־דערדריקנדע לאַסט, (פון לעבן,) און ער קאָן שוין מער נישט ציען, איין רגע אַפילו, ביז ער וועט זי פון זיך נישט־האָבן, מיטיינמאָל, אַרונטערגעשליידערט, כדי זיך צו דערשפירן — ווי ער דעכעט אָפּ פרייער, ער קומט צו זיך...; יאָ, ווי אין אָנקלאַנג מיט די שטרענגע אייביקע אומבויגזאַמע געזעצן פון זיינע

לעבנס־קרעפטן אין אים, וועלכע טוען שוין לעכצן גראַוויטירן צו זייער לעצטער אַנטשפּאַנונג, צעשטערונג, אויפלייזונג...; און ער וועט אונטער־נעמען, דאַן, דער מענטש, אַ נייע כלומרשט־צופעליקע האַנדלונג; ער וועט באַגיין, ערשט, (מיט זיין אינטעלעקטס הסכם און ראַט,) אַ פרישן אומ־פאַרויסגעזעענעם פעלער; שטעלן ווידער, (נישט־געקוקט אַף זיין גאַנצן וויסן און גריילעכער דערפאַרונג,) איין פאַטאַלן פאַלשן שפּאַן; און ברענ־גען אַף זיך, דאַס הייסט, אַף זיין לעבן, ווי אַ נאַטירלעכע לאַנג־דערוואַר־טעטע איבערגאַנג־קאַנטינואיטעט — דעם טויט...

אַט דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, ווייסט צו פאַרזיכערן — מענטשס אי־נערלעכע וועלט; וועלכע באַשטייט אַף דעם: אַז, זי איז די איינציקע עכ־טע וואַר... און זי ווערט אויך, אגב, נישט־מיד — צו רעדן, אָן אויפהער, צום אינטעלעקט; נישט דורכלאָזן קיין איין גינסטיקע געלעגנהייט פאַר דעם; און אים נאָכאַנאַנד לערנען, וואָרענען און ציינן: „...וויאַזוי ער לעבט אין טעות, אין אילוזיע; אַז דער גאַנצער מענטשלעכער זיין, (ווי דערמאָנט,) איז — איין לאַנגער געריכט־פּראָצעס פון לעבן...“

אָבער, (און דאָס איז, ווירקלעך, עטוואָס־נייַ:) כאָטש דער אורטייל, (ווי שוין געבראַכט אויבן,) איז פאַטאַל־צוגעגרייט, פון פריער; און דער פּראָצעס פון לעבן, מיט אַלע זיינע עטאַפּן און אַלטערנאַטיוון, איז, פאָלג־לעך, בלויז אַ ספּעקטאַקל אַזאַ, אַ דיספּראַז, אַ פאַרס, — דאָך, וו ע ר ט ער זיך, דער מענטש, (ווייל דאָס, אייגנטלעך, איז דער איינציקער זין פון אַלע זיינע אַזוי־גערופענע לעבנס־קאַמפן פאַר עקזיסטענץ,) דאָס גאַנצע לעבן זיינס, קעגן דער פאַטאַליטעט. נאָך יעדן עטאַפּ, איז: אָדער דער באַ־שולדיקטער, (אויב ע ר פאַרלירט,) אָדער די ריכטער, (אויב ז יי האָבן פאַרלאָרן,) טוט יעדער, אין זיין פאַל, אַפּעלירן — צו אַ ווייטערער העכערער אינסטאַנץ; אַזוי, אַז דער פּראָצעס ווערט אַלץ פאַרגעזעצט. ביז וואַנען, צולעצט, ער, דער מענטש, ווערט פאַרמשפּט צום טויט — דעפי־ניטיוו; און ער ווערט גלייך איבערגעענטפערט צום תלין — פאַר דער הינריכטונג...

יאָ, איז, דאָ, קומט־אויף, אומגעריכט, די פראַגע: וואו נעמט מענטש כוח — זיך צו  וו ע ר ן ?  פונוואַנען שעפּט ער, ווירקלעך, זיין קראַפט — אין פאַרמעסט, (ווי זיין אינערלעכע וואַר גופאַ וויל האָבן,) קעגן די געטער? אָ, וואָס איז  פ אָ ר ט  דער זין פון מענטשס ווידערשטאַנד — קעגן זיין גורל?!.

● ●

נאַטירלעך, אַז פראַנץ קאַפקאַ וויקלט אויס אַט דעם גאַנצן אידייען־גאַנג זיינעם — שטופנווייז, אין אַנוואוקס; וויאַזוי עס קומט־אויף אין דעם באַנעמען און באַוואוסטזיין פון זיין העלד ק., אַ הויכער באַאַמטער פון אַ מעכטיקן באַנק, אין איינער פון די גרעסטע אייראָפּייאישע מעטראָ־

פאַליעס. פאַרמישנדיק די לעבנס־וואָר מיט טרוים; אָנצייגנדיק דערמיט: אַז דאָס גאַנצע לעבן איז — אַ חלום; ;און פאָרשטעלנדיק אַלץ — אַ ז ו י, ווי מענטשן האַנדלען, אין חלום — נאַקעט; אָדער, ווי מע זעט זיך, קעגנזייטיק — אין די בליקן: נישט־אונטערגעדריקט, אָן־בושה..., — הויבט אָן קאַפקאַ מיטדערמיט: ווי צוויי אינספּעקטאָרן מעלדן ק.־ן, אַפן פרימאָרגן, באַ זיין געלעגער, (ווי דער ערשטער טרוים, וואָס האָט זיך אַרייַנגעריסן אין זיין וואַך־לעבן:) „— אַז ער געפינט זיך אונטער אַרעסט; און עס ווערט, מעגלעך, געפירט קעגן אים אַ פּראָצעס...“ די זעלבע ווייסן אָבער נישט, אַף זיין פראגע, אים צו ענטפערן: פאַר וועלכער זינד, אייגנטלעך, מע מאַכט אים ערב; עס מיינט: אין וואָס עס קאָן באַשטיין זיין שולד, אַלס מענטש... דאָס איז — פאַר זיי אַליין, (און במילאָ, דערווייל, בלייבט עס אַזוי, אויך פאַר אים) — אַ טיפע שרעקהאַפטע געהיימניש... נאָכמער ווערט די זאַך פאַר אים אומפאַרשטענדלעך — בעת אַ אַנדער פאָרשטייער פון דער יוסטיץ, (אַ שעף פון יענע, וואָס האָבן אים אָנגעזאָגט, אַפן פולן פרימאָרגן, זיין אַרעסט,) האָט אים, אין דער זעלבער צייט, אינפאָרמירט: — אַז ער קאָן ווייטער אָנגיין, אומגעשטערט, מיט זיין אַלטעגלעכער באַשעפטיקונג און טעטיקייט; עליי, ווי גאָרנישט האָט פאַסירט... „...טאָ, וואָס־זשע זאָל דאָס אַלץ באַדייטן?!.“ נאָר, זינט דאַן, נעמט דער העלד ק. עוואָלוציאָנירן גאַנץ־שנעל. גאָר אינקורצן, דערגייט ער: „...אַז עס זענען פאַראַן צוויי יוסטיצן. איינע — די אויסערלעכע, די אָפענע, די אינטעלעקטועלע, וואָס דער באַוואוסטזיניקער מענטש אַליין האָט אויפגעשטעלט, אין זיין לעבן; וועלכע געהערט, במילאָ, דורכויס, צום מענטש און צום לעבן; און זי פאַרטיידיקט, דאַרום — דעם מענטש, אַלס אַזעלכן; ;דאָס הייסט, מיט זיין לעבן... נו, און עס איז אָבער פאַראַן — יענע, די צווייטע יוסטיץ, די געהיימע; וועלכע איז — קעגן דעם מענטש, אַלס אַזעלכן, מיט זיין גאַנץ לעבן; וועלכע נעגירט עס, דאָס מענטשלעכע לעבן — אַלס שקר, אילוזיע; און זוכט, אומדערמידלעך — עס צו צעשטערן... איז, אָט פון ד ע ר יוסטיץ, אייגנטלעך, ווערט ער עס, אַצינד, פּראָצעסירט... דאַרויף, נעמט ער זיך אָנשטויסן — איבער די שווערע אומדערקלערלעכע לעבנס־אַנגסטן, וואָס טוען אים, לעצטנס, אַלעמאָל, זינט דאַן, באַפאַלן; לאָזן אים נישט־איינרוען מער; ווי זאָגן אים אָן, אין וואָרענונג: „...אַז אין ערגעץ־וואו, אין געהיים, גייט ערשט אָן זיין פּראָצעס — אין פולן ברען און פלאַקער...“ דאָס הייסט: אַז ער איז מער נישט פריי; אָדער, ריכטיקער: אַז ער איז עס גאָר, (אייגנטלעך, אַז מע וויל זאָגן,) נישט געווען — קיינמאָל; ווייל, דאָס גאַנצע לעבן, (מע הערט?) איז — אַ תפיסה; און דאָס זעלבע גאַנצע לעבן איז — איין לעבנס־לענגלעכער פּראָצעס, (אָט דער, אַזוי־גערופענער, כלומרשט־אומשולדיק — לעבנס־פּראָצעס;) וואָס זיין טויט־אורטייל הויערט אַף יעדן

— פון פאָרויס, פון געבוירנשאַפט־אָן. ווייל, איטלעכער גייט אום איבערן לעבן — איינגעקלעמט צווישן ווענט; ער קען נישט אַרויס מער — אויס דער געפענקעניש פון די פאַטאַלע („אַזויגערופענע — ג ע ר י כ ט ל ע־כ ע, און פאַקטיש — נ אַ ט י ר ל ע כ ע ״) געזעצן; וועלכע ער טראָגט, (ווי דעם אומקום־אורטייל,) א י ן ־ זיך; וועלכע ער טראָגט־מיט, אומעטום, מ י ט ־ זיך; ווייל זיי טרייבן אים, אומפאַרמיידלעך, אָן־אויפהער, אָן אָפּוועגד — צו זיין צעשטערונג, טויט...״

אָט ד אָ ס ו ו י ס ן נעמט אַריינדרינגען, אַלעמאָל, אַלצמערער, אויס זיין אינערלעכער חלום־וועלט — צו זיין באַוואוסטזיין, אינטעלעקט; רויבן געגנצלעך זיין רו; אים צייגן, אַזוי בלענדנד־קלאָר: „...אַז זיין כלומרשט־אומאָפּהענגיקער פרייער מענטשלעכער זיין איז — אַ אילוזיע, אַ גענאַר; און אַז, פאַקטיש, ווערט ער, אין זיין לעבן, ג ע ט ר י ב ן צו דעם אַלעם, וואָס ער טוט...״ ביז ער נעמט, ענדלעך, באַגרייפן, מיט גרויל, (אין אָט דעם אומאָפּהאַלטלעכן דראַנג, וואָס הויבט אָן שלאָגן פון אים, עפּעס גאָר ווי אַ בלוטיקער ווידוי: צו רעדן, נאָכאַנאַנד, און מיט דער גאַנצער וועלט, וועגן זיין פּראָצעס, און פון זיין כלומרשטער — הגם, פאַר אים אַליין, נאָך אַלץ רעכט־נישט־פאַרשטענדלעכער — שולד): „...אַז דאָס פּלייצט אַרויס פון אים, פון זיין טיף — עפּעס גאָר, ו י אַ ו י ל ד ־ פ ר ע מ ד ע ר, נ י ש ט ז יי נ ע ר, יאָמער־ווידוי — פון עמיצנס שרעקלעכער שולד...; אָ, ווי פאַר אַ באַגאַנגענער שווערער זינד פון אומפאַרציילעכן שלעכטס... איז: ווער־אפשר, אַז נישט — ז יי, די געטער אַליין, (ד י ו ו יי ס ע ר פ ו ן אַ ל ץ, פ ו ן ג ו ט ס א ו ן פ ו ן ש ל ע כ ט ס ; אָ, זיי, די אַלמעכטיקע, די פאַטאַלע; וואָס קענען אַלץ צעשטערן, נישט דערלאָזן צו בייז, מיט זייער ווילן, —) האָבן די שולד — אין אַלץ, און פאַר אַלץ; פאַר דעם שלעכטס, וואָס ליגט אין זייער מאַכט — אַזוי גוט, ווי דאָס גוטס?.. נאָר ע ר, דער אָרעמער געבונדענער מענטש: וו אָ ס איז זיין זינד, — אַז ער זאָל דאַרפן אָפּ־קומען, אין דעם פּראָצעס פונעם גאַנצן תּפיסה־לעבן זיינעם — ווי אַ מעדיום־אַלציינס, פאַר געטלעכער שולד?!.״

אַזוי, הויבט זיך אָן, אין פלוג, ק.־ס ערשטער שוואַכער ווידער־שטאַנד — קעגן זיין גורל. ער שטעלט זיך אין קאַמף; הגם ער גלויבט אַליין נישט — אין מינדסטן דערפאָלג. „...ווער — קעגן ווען?!.״ נאָכ־מערער: אים נעמט גאָר פאָרקומען: „...אַז בלויז דאָס ד י ר ע ק ט ע האָבן־צו־טון אַליין מיט דער פאַטאַליטעט, וועט אים אומברענגען; אונטער־גראָבן דערשיטערן — זיין זין... אָבער דאָך — (האָט אין אים געבליצט אַ צאַנק) — וואָס־זשע פאַר אַ דראַנג שלאָגט עס פּ אָ ר ט אין אים — צו ווידערשטאַנד?!.״ און ער האָט געאַנט: „...אַז מענטש איז — רעבעל; ער טאָר זיך נישט־אונטערגעבן...״ ער האָט באַנומען: „... אַז, פ אַ ר

אַלעמען, מוז ער זיך זעען קלאַמערן, מיט די לעצטע כוחות — אין זיין אַלטעגלעכער באַשעפטיקונג, טעטיקייט, סאָציאַלע פאַרבינדונגען; מיט איין וואָרט: ער מוז אָנהאַלטן, אום יעדן פּרייז, זיין וויכטיקע פּאָזיציע אין לעבן — כדי זיך צו רעטן, קעגן דעם נעמען פילן: אַז דאָס אַלץ איז — פאַלש, מינדערוויכטיק, אילוזיע..."

אָבער, אַ פּנים, אַז די גייסטיקע קרענק, די דראַמע פון זיין נשמה האָט שוין געהאַט אין אים פּראָגרעסירט צו־ווייט, — אַז עס זאָל האָבן געווען, ערשט, קענען זיין אַ רייד — וועגן גיין צוריק. ניין. ער, ק., האָט געמוזט שוין, איצט, אוואַנסירן אין פאָרויס, צום אומבאַוואוסטן — ביזן סוף; אָדער, אפשר, (ווי מיר וועלן דאָס, מסתמא, שפּעטער אַליין זעען) — ביז צום אײן־סוף... ווייל, רעלאַטיוו־פריי, (ווי באַוואוסט,) איז דער מענטש — נאָר דאַן, ווען אַלץ בלייבט נאָך פאַר אים — פאַרהוילן, אומבאַוואוסט; ביז, עס קומט־אויף אין אים, אומגעריכט, (אַזוי, צי אַנ־דערש,) דאָס ווײסן; און גלייך דערהערט ער אין זיך — די שטים פון יענער געהיימער יוסטיץ...

און ק. דערפאַרט, ערשט: „...אַז זי, די יוסטיץ, געפינט זיך — אומע־טום; און אַלע זענען אָפּהענגיק פון איר, אַרבעטן פאַר איר — די גאַנצע וועלט..."

אַזוי, געשעט צו ק., (אין וועמען די אינערלעכע טרוים־וואָר האָט שוין געהאַט דורכגעריסן אַלע פאַרצוימונגען; דורכגעגראָבן, דורכגעבויערט, זיך־דורכגעשפּאַרט, פאַרביי אַלערליי שפּאַלטן, און באַדייטנדיק זיך־געמאַכט אַ וועג — צו דער וואַך־וואָר פון זיין אינטעלעקטועל לעבן; אים־צייגנדיק: „...ווי זי, די טרוים־וואָר, באַגלייט אים, נאָכאַנאַנד, זיין גאַנץ לעבן, אָן אויפהער — באַ דער זייט, אין סאַמע אינערן פון זיין כלומרשט־וואַכער, אינטעלעקטועלער טעטיקייט..."; — יאָ, אַזוי געשעט צו אים) — דאַן, אין יענעם פאַל, (זע דאָס קאַפּיטל „דער תלין"): ווען ער דערזעט, פּלוצים, אין דעם ווייט־אָפּגעלעגענעם זייטיקן צימערל פון דעם ריזיקן באַנק: ווי דער תלין פּייניקט צוויי געריכט־באַאַמטע... פון איין זייט, איז קלאָר פאַר זיין אינטעלעקט: אַז דאָס איז — אוממעגלעך; ווייל: „...ווי קומט דאָס אַלץ — אַהין, אין יענעם זייטיקן באַנק־צימערל?! נישט אַנ־דערש — אַז ער טרוימט..." נאָר, פון דער אַנדערער זייט, ווערט פאַר אים אינערלעך־קלאָר: „...אַז — אמת איז: ער טרוימט — אַף דער וואָר; אַ מין חולם בהקיץ; אָבער, אָט דער טרוים, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין וואַך לעבן, — איז — די איינציקע עכטע וואָר, פאַר אים; הגם, צו גלייכער צייט, איז נישט־אויסגעשלאָסן: אַז עמיצער אַנדערש, אַ חוץ אים, זאָל דאָס אַלץ נישט־אָנהויבן צו זעען ;עס זאָל גאָר פאַר יענעם — ווי נישט־עקזיסטירן לגמרי... איז דאָס אַלץ אָבער נישט קיין סתירה — צו דער וואָרהאַפטיקייט, פאַר אים אַליין, פאַר ק.; ווייל: איטלעכער,

ווי באַוואוסט, האָט זיך, (פּונקט, ווי ז יי ן אייגענעם פּראָצעס, —) אַקר־
ראַט אַזוי אויך — זיין אייגענע טרוים־וואָר; וועלכע ער וועט שוין דער־
זעען, (אָ, נישט־געזאָרגט!) דאַן, ווען ער וועט נאָר אָנרייפן; און עס וועט
שלאָגן זיין שעה...״

אַזוי פּראָגרעסירט אין ק. די קרענק אַלצטיפער. ער שפּירט: עפּעס
ווי עס נעמט אין אים אָפּגיין אַ לעטאַרגישע פּאַרגעסנקייט. ער ווערט
אַלצמער אינוואַדירט און אַדורכגענומען פון זיין חלום־וועלט. אַף אַזוי
ווייט, אַז עס נעמט אים פּאָרקומען: „...דאָס די געהיימע געריכט־גע־
ביידע, וואו ער איז נאָר געווען געציילטע צוויי מאָל — איז אים, פּאַק־
טיש, אַזוי אַלט־באַקאָנט און איינגעבאַקן־היימיש, — עליי, ער וואָלט
דאָרט געלעבט, זינט תמיד... ווייל, ער געהער, פּאַטאַל, מיט זיין גאַנצן
זיין — אַהינצו... און ווייל אָט די געהיימע יוסטיץ איז, פּאַקטיש,
ווירקנד — איבעראַל, אין דעם לעבן, אין די מענטשן, אין דער וועלט,
וואו זי גייט אָן, נאָכאַנאַנד — מיט אירע פּראָצעסן פון לעבן...״ אַזוי,
אַז: אַלע, אין פלוג, אומדירעקטע באַרעדערייען, רכילות, אָדער די גוטע
אָפּרופן וועגן וועמען, אין דעם לעבן, — זענען, באמת — דאָס אומ־
וויסנדע אומשולדיקע, אָבער ד י ר ע ק ט ע עדות־זאָגן פון מענטשן,
אַף דעם פּראָצעס... אָבער, דאָס געשעט — נישט נאָר מיט באַקאָנטע,
אין דעם וואַכן אינטעלעקטועלן לעבן: נייערט, אַפילו, מיט פולשטענ־
דיק־אומבאַקאָנטע — איז עס נישט־וויכטיק: ווייל, מע קען זיך האָבן
געקאָנט — אין יענער אַנדערער, אינערלעכער געהיימער טרוים־וואָר;
און איצט, במילאָ, דערקאָנט... דערפון — די אַטראַקציע, אָדער די רע־
פולסיע, עס הייסט, די סימפּאַטיע, אָדער די אַנטיפּאַטיע, וואָס אומבאַ־
קאָנטע שפּירן צו דיר; הגם, אינטעלעקטועל, אין דעם וואַכן לעבן, קאָן
מען זיך נישט; איז עס אָבער נישט, ווי געזאָגט, קיין מניעה דערפאַר:
אַז מע זאָל זיך ק ע נ ע ן, (אַצינדערט, אַפילו,) — ד אָ ר ט , אין
יענער עכטער איינציקער וואָר פון אונזער אינערן; וואו עס גייט אָן,
נאָכאַנאַנד, אָן־אויפהער — אָפן, אויפגעדעקט — דער פּראָצעס; און אָט
די צוויי, כלומרשט־אומבאַקאָנטע, (פאַר אונזער אינטעלעקט,) צדדים,
שטייען און אַקטואירן פאַר דעם טריבונאַל — אַלס פּאַרטיידיקער, אָדער
באַשולדיקער; וואָס בלויז אַ ווייטער אָפּהילך, אַ ווידערקול פון דאָרט
דערלאַנגט צו אונזער דרויסנדיק איבערפלעכלעך לעבן פון דער אינטע־
לעקטועלער אילוזיע — אין פאָרם פון דער אומדערקלערלעכער (פאַר
יענע אַליין,) שפּירונג צו אונז — פון אַטראַקציע, אָדער רעפּולסיע...
ווייל, ווי געזאָגט: די גאַנצע וועלט איז טעטיק און באַטייליקט זיך אַק־
טיוו אין אונזער פּראָצעס... דערפאַר, איז: אין די רייד פון מענטשן —
דירעקט צו אונז, אָדער אַפילו — פון צופעליקע פאַרבייגייער, צ וו י ש ן
ז י ך, — דאַרף מען קענען דערהערן — נישט נאָר די אויגנשיינלעכע

כלומרשטע לאָגיק, וואָס האָט, אין פּלוג, אַ שייכות, אויסשליסלעך, נאָר צום איבערפלעכלעכן לעבן; גייערט, (אומבאַוואוסט פאַר יענע אַליין: אַז דאָס זענען זיי — צו אונז  מ ש ו ל ח י ם ,)  אויך  ד ע ר ה ע ר ן : זייערע טיפע אינערלעכע מיטטיילונגען, וואָרענונגען צו אונז — פון דער פאַטאַליטעט; אויס יענער העכערער געהיימער ספער — פון אונזער פּראָצעס... נו, און אויב מיט אומבאַקאַנטע סוביעקטן איז אַזוי דער פאַל, — איז דאָך, אַוודאי, קלאָר: אַז באַזונדערס עקסטרע, (נאַטירלעך — אַליין, אומבאַוואוסטזיניק אַף דער געהיימער מיסיע זייערער,)  אינטערוועגירן אין אונזער פּראָצעס — די פּערזענלעכע בלוטיקע שונאים, און גרויסע פריינט: אַלס דירעקטע הויפּט־באַשולדיקער, און פאַרטיידיקער... ביז, עס זוכט זיך שוין אַפּ  א יי נ ע ר — אַ (פאַר־זיך־גופא — אומבאַוואוסט־זיניקער)  ר י כ ט ע ר ;  און ער טיילט אונז אויך מיט, (אַז עס שלאָגט די שעה,) — ד ע ם  א ו ר ט יי ל ...  און ווי עס דערקלערט (אין דעם קאַפּיטל „דער קאָמערציאַנט בלאָק",)  דער אַדוואָקאַט דר. הולד, צום סוחר: „— דו האָסט ערגעץ געמוזט לייענען: אַז דער אורטייל קומט, אין אַ סך פאַלן, פולשטענדיק־אומגעריכט; און נישט־וויכטיק — פון וועמעס מויל..." און דאַן, נעמט שוין צושטיין צו אונז — איינער, וועלכער שענקט אונז, אין לעבן, אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט, אַלס פאַרפאַלגער; אָבער וועמעס געהיימע, (פאַר אים אַליין — אומבאַוואוסטזיניקע,) פאַטאַלע מיסיע מוז, אַ וודאי, זיין: צו ווערן — אונזער תלין...

• •

אין ק.־ס שמועסן מיטן מאָלער טיטאָרעלי, (קאַפּיטל „דער אַדוואָקאַט, דער אינדוסטריאַל, און דער מאָלער",) דערקלערט אים יענער: אַז יעדער פּראָצעס האָט דריי אַלטערנאַטיוועס: ווערן אינגאַנצן פרייגעשפּראָכן; דאָס איז אָבער — אויסגעשלאָסן; אין דער אונטערשטער שורה, ווערט יעדער מענטש פאַרמשפּט — אין די העכסטע אינסטאַנצן; („וועלכע הערן, אגב, אויף צו זיין — מ ע נ ט ש ל ע כ ע ..."); ווייל, אַלע זענען — דאָרט, פונויבן — שולדיק; כאָטש  א י ן  ל ע ב ן ,  ווייסן זיי גאָרנישט; און זיי באַטראַכטן זיך, (און אַלס מענטשן — מיט רעכט,) פאַר אומשולדיק... נו, און אַסאַך פון זיי (אויב נישט — אַלע) טראָגן שוין דעם פאַטאַלן טראַגישן צייכן פון שולד — אַף זייער פּנים — מיט זייער האַלטונג; דאָס הייסט, מיט  ז יי ע ר  נ ע מ ע ן  אַ ר ו י ס־ וו יי ז ן — א ו מ ג ע ד ו ל ד ...

ווייל, די אַנדערע צוויי אַלטערנאַטיוועס זענען: אָדער — דערגרייכן אַ  כ ל ו מ ר ש ט ע  באַפרייונג: (ווען מע באַקומט פאַר דעם — דורך שתדלנות און גוטע באַציונגען — די צושטימונג פון אַ באַדייטנדער טייל ריכטער, אין איינער פון דער אומענדלעכער צאָל אונטערשטע —

„מענטשלעכע" — אינסטאַנצן;) אָדער — נאָכאַנאַנד אָפּציען; (דאָס הייסט: האַלטן דעם פּראָצעס — אין שאָטן; ער זאָל זיך נישט־וואַרפן אין די אויגן; נישט־רייצן קיינעם; נישט־ציען אַף זיך קיין אויפ־מערקזאַמקייט...) ביידע פאַלן זענען, אין פלוג, ענלעך, מיט דעם, וואָס זיי האָבן אינזינען: נישט צו־לאָזן די ספּראַווע זיך־באַוועגן; בייערט, זי זאָל בלייבן פאַרהאַלטן, פאַרגליווערט — אין דער נידער; נישט־גרייכן העכער — וואו מע וועט אים, דעם פּראָצעסירטן, זיכער פאַרורטיילן... אָבער, אַזויווי די גאַנצע וועלט באַשטייט — אין דער אינטימיטעט, אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין פון יעדן איינעם — פון אַנגעהעריקע, אַזוי צי אַנדערש, צו דער יוסטיץ; די צאָל אינסטאַנצן האָט נישט קיין שיעור; און כאָטש אַלע זענען צווישן זיך געבונדן — ווייסט נישט, פאַקטיש, איין אינסטאַנץ, פון דער אַנדערער, — קאָן אָפּט פאַסירן: אַז, נאָך אַ כלומרשטער באַפרייונג, אין איין אונטערשטער אינסטאַנץ, — זאָל ער, (דער אָקאָרשט־געווען־פּראָצעסירטער,) באַלד ווערן באַנייס אַרעסטירט — דורך אַ אַנדערער, עטוואָס־העכערער אינסטאַנץ; און ערשט, דאַרפן נעמען דורכמאַכן די גאַנצע פּיין פון אַ פּראָצעס — פון אָנהויב־אָן... דאַרום, איז דאָס גלייכסטע — די דריטע אַלטערנאַטיווע: דאָס אָפּציען דעם פּראָצעס, אָן אַ שיעור; אים פאַר־האַלטן — אין סאַמע נידער, אין דעם לעבן; נישט־אויסמיידן דאָס לעבן... דערצו אָבער, (סיי — באַ דער צווייטער, און באַזונדערס — באַ דער דריטער אַלטערנאַטיווע,) מוז מען באַזיצן — אַ ים מיט אומ־ענדלעך געדולד: אַף נישט־אויסצומיידן, און זיך־אָפּגעבן — מיט דער לאַסט פון דעם לעבן; דאָס מיינט — זיך־אויסבאַהאַלטן, מאַכן־אומאָנגעזעען — אונטער דער בערג־משא פונעם לעבן; וועלכע, (אַט די טאָוונג און פאַרנעמען־זיך מיטן לעבן,) גיט, אגב, דעם מענטש — דעם איינציקן זיך־אָנהאַלט און די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, בכלל, פאַר לעבן... קוים אָבער פאַרלירט דער מענטש דאָס געדולד, ער רוקט־אָפּ פון זיך, אָדער ער גייט אַליין אַוועק פונעם לעבן, — אַזוי, נעמט ער און ער דעקט־אויף — זיך אַליין; נו, און אויסטיילן־זיך, ווערן אָנזעעוודיק, מיינט — קומען ריוואַליזירן, דירעקט, מיט די געטער; און דאַדורך, ווערן אויסגע־שטעלט — אַף זייער אייפערזוכט, אַף זייער צאָרן... ווייל, אין אַזאַ פאַל, שטעלט ער זיך אַרויס — ווי אַ מין נייער (רעבעליי־שער) יעזוס (מענטש־גאָט,) פאַר דער העכסטער יוסטיץ; דאָס הייסט — אין אַרויסרוף; ווי ער זאָל קומען און איר רייצן: — זי זאָל אים צו־נעמען פונעם לעבן; זי זאָל אים לאָזן הינריכטן, קרייציקן...

דאַרום, איז דער אַדוואָקאַט דר. הולד, (עליי ווי אַ מעדיקער,) גע־רעכט; און ער ווייסט, וואָס ער רעדט, און וואָס ער טוט. „— איך פאַר־שטיי אייך — זאָגט ער צום פּראָצעסירטן ק., וועלכער איז געקומען אים

מעלדן, אַז ער רייסט מיט אים איבער — איר זענט אומגעדולדיק...״ אין ק.־ס אומגעדולד דערזעט דער אַדוואָקאַט־מעדיקער אַף אים גלייך: דעם פּאַרורטייל־צייכן: זיין איינגעבוירענעם כאַראַקטער, אין העכסטער רע־בעליאָן; ווי ער ווערט ׳געטריבן פון תליך, (פון אַט דער פאַטאַלער ביאָלאָ־גישער קרענק, וואָס איטלעכער פּראָצעסירטער און פאַרמישפּטער ברענגט מיט זיך — אין דעם לעבן): זיך־אויפצוהערן קורירן; לאָזן, אַז די מחלה זאָל אַוועק, אומגעשטערט, אין פּאָרויס; כדי צוצואיילן — דעם סוף, די אַנטבינדונג, די הינריכטונג...; און ער, דער מעדיקער, האָט מיט אים, דעם אומהיילבאַר־קראַנקן — טיפן מיטלייד; ווי מיט אַ קראַנק אומשול־דיק קינד, אַלציינס... ער, ווי יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרצט, דעקט נישט־אויף פאַר אים, דעם קראַנקן, זיין געפערלעכן אַוואַנסירטן שטאַנד... ער זוכט דאַן נאָר צו־טון — דאָס איינציקע, וואָס בלייבט: „... אַ פּ ־ צ י ע ן : („די דריטע אַלטערנאַטיווע;״) און זענען באַרואיקן דעם קראַנקן; אַז ער זאָל אויפהערן ברענען מיט אומגעדולד; און שטורעמען — זיך צו שטעלן פאַר דער העכסטער יוסטיץ; קומען מאַנען עכטע גע־רעכטיקייט; באַווייזן זיין אומשולד...״ ווי אויך זוכט ער, דער אַדוואָקאַט־מעדיקער, (וועלכער איז, אַגב, אַליין — שווער־קראַנק,) דורך זיין באַרמ־האַרציקער שוועסטער, לעני, (וועלכע דערזעט אַף יעדן פּראָצעסירטן — אַ הערלעכע מיסטיש־אומווידערשטייטלעכע פּראַכט, און זי פאַרליבט זיך שטערבלעך אין אים;) יאָ, זוכט ער, דער מעדיקער, דורך איר: צו פאַר־זיסן דעם פאַרמשפטנס לעצטע אפשר מינוטן — מיט דער פאַרגעסנהייט פון דער מוטער־ליבע; אַלציינס, ווי דער געבוירן־פאַרמשפטער יעזוס — מיט יענער מרים די זינדערן...

אַ וודאי, ווייסט דער אַדוואָקאַט־מעדיקער: אַז ק. איז גערעכט מיט זיין קלאַגע: „— אַז פריער, איידער ער האָט אים אָנגעשטעלט, אַלס זיין פאַרטיידיקער, — האָט ער אָפּט אינגאַנצן פאַרגעסן אין זיין פּראָצעס. דערוואַרט האָט ער, דאַרום: אַז, מיטן באַקומען אַ פאַרטיידיקער, וועט אים ווערן נאָך־לייכטער; און, צום־סוף, געשעט גאָר — דאָס פאַרקערטע: עס ווערט אים, אַלע מאָל, שווערער; אַזוי, אַז ער קען שוין באַלד נישט־אַרבעטן אַף זיין פּאָסטן — אין דעם לעבן; ער ווערט, ווי אַרויסגעריסן פון דער וועלט, אינגאַנצן; הייַנט, טאָ: וואָס קאָן פון אים, אין אַזאַ פאַל, זיין?!״ אָבער, דאָס, (שפּירן זיך גרינגער,) איז נאָר געווען מעגלעך — פריער, אין דער ערשטער פאַזע פון דער קרענק; ווען ער, ק., האָט נאָך אַפילו רעכט נישט־אָנגעהויבן צו אַנען: אַז ער טראָגט זי, די קרענק, אין זיך, פון געבוירנשאַפט־אָן; נאָר — נישט דערנאָך: ווען די מחלה האָט אַוואַנסירט; זי איז געוואָרן אויפגעדעקט; מע איז געקומען צו אים און אים געמאָלדן: „— אַז ער איז אונטער אַרעסט; און עס דערוואַרט אים, געוויס, אַ פּראָצעס...״

אמת; קיינער וויל זיך נישט דערקלערן — קראַנק; אַריין אין קאָנ־טאַקט מיט דעם ריכטיקן אינערלעך־פּאַטאַלן וואָר־זיין. דאָס אויסערלעכע אינטעלעקטועלע אילוזיע־לעבן צעשטרייט. קיינער וויל נישט וויסן, פילן, געדענקען דעם אומפאַרמיידלעכן סוף... אַלע זענען פאַרמשפּט צום טויט; נאָר, מאַכן זיך פאַרגעסן דערפון... אָבער, אַז די קרענק נעמט אַוואַנסירן, אָנזאָגן איר קיום, דראָען, — מוז מען ד אָ ך קומען, און דעם קראַנקן אין דעם דערמאָנען — אין צייט... הגם, פון דער אַנדערער זייט, מאַכט מען מיטדערמיט — גאָר ערגער. וו אָ ס מער קורירונג, אויפרירונג, רייצונג פון דער קרענק; וו אָ ס מער מעדיקער, פאַרטיידיקער, — אַלץ שלעכטער ווערט דעם קראַנקן, דעם פאַרורטיילטן — אין דעם פּראָצעס פונעם לעבן; ווייל, ער קען שוין זיין געדאַנק נישט־אָפּטיילן מער פון דער קרענק, און פון דער לעצטער אומפאַרמיידלעכער אויסוויקלונג אירער; ער איז שוין יאָוונע פאַרשפאַרט, ער צאַפּלט און וואַרפט־זיך אין דעם געפענקעניש, פונוואַנען, ער זעט איין, ער וועט שוין מער נישט־קענען אַרויס, קיינמאָל, אין־ערגעץ; ער איז — פאַרביי; עס איז געקומען — דער סוף... ער נעמט דאַן פאַרלירן — דאָס לעצטע ביסל געדולד, וואָס ער האָט נאָך געהאַט געכאַוועט אין זיך. ער, דער טראַגישער מענטש, וואַרפט ערשט אָפּ, מיט פאַראַכטונג, די אַלע מעדיקאַלע פּאַליאַטיוון, וואָס קומען אים נאָר צו נאַרן, מאַכן איינדרעמלען, איינשלעפן, מיט דער פאַר־שלעפּטער קרענק; אָפּציען, אַף אַ שענדלעכן קריכערישן אופן, דעם סוף... און, אַ פאַטאַל־דרייסטער־באַפרייטער, מיטיינמאָל; אין העכסטן רעבע־לישן פאַנאַנדערפּלאַטער פון זיין אומגעדולד, פון זיין שטאָלצן אומאַנט־שראָקענעם מענטשלעכן כאַראַקטער; אָ, אין זיין געבראַנדמאַרקטער, נאָר נישט־געבראָכענער ווערדע, — קומט ער, זיך־שטעלן — אַזוי ווידער־שפּעניק, ווי קיינמאָל — פאַרן העכסטן טריבונאַל: נישט נאָר — צו מאָ־נען חשבון פ אַ ר ז י ך ; נאָר, טאַקע צו זאָגן, וו ע ן מע דאַרף, און אַ שליידער־טון, פּנים־אל־פּנים, וו ע מ ע ן מע דאַרף — דאָס וואָרט דאָס ריכטיקע; אָ, ברענגען פאַר די ש ו פ ט י ם פון אמת — דאָס וו אָ ר ט פון אמת! און זאָל, נאָכהער, קומען, וו אָ ס עס וויל זיך...

אָט די אויפבינדונג קומט, (זע דאָס קאַפּיטל „די קאַטעדראַל״,) אין ק.־ס דיסקוסיע מיטן אַבאַט; וועלכער זאָגט אים אָן: „— אַז אויך ער דינט דער געהיימער יוסטיץ; אַז אַלע מענטשן באַטייליקן זיך, פאַקטיש, מיסיאָנעריש, דאָס הייסט, מיט דעם וויסן פון זייער טיפער אינערלעכער וואָר בלויז, אין דעם פּראָצעס; הגם אין דעם לעבן, אויבערפלעכלעך, טוען זיי עפּעס־אַנדערש, כלומרשט־וויכטיקעס — אָן־און־פאַר־זיך; נאָר, אין דער אמתן, קומען זיי פאַר — ווי דיספּראַזירטע אַקטיאָרן, אַלצייגס, אַף דער אַרענע פון דעם וועלט־טעאַטער; וואו אַלץ, וואָס זיי פּרעזענטירן,

איז — אילוזיע־בלויז, אַ פאַרשטעלעכץ: פאַר זייער איינציקער אמתער עכטער וויכטיקער ראַל, פאַר זייער איינציקער וואָר, וואָס איז טיף־אינער־לעך פאַרבאָרגן — א י ן זיי; און אַפילו — פאַר זיי אַליין אויכעט...״; יאָ, וועלכער דערקלערט אים, אמת, דער אַבאַט: „... — אַז אַלע אויסער־לעכע געשעענישן פונעם לעבן זענען בלויז — אָן אמתלאָ פאַר דעם איינ־ציקן זין, דעם אינערלעכן...״; וועלכער זאָגט אָן ק.־ן: „... — אַז ער גע־פינט זיך דאָ — נישט, (ווי ער מיינט,) ווייל ער האָט זיך־אָפּגערעדט דאָ־צו־טרעפן — מיט אַ אויסלענדישן טוריסט, ווען ער זאָל ווייזן די קונסט־מערקווירדיקייטן פון דער קאַטעדראַל... — אָ, פאַרגעס דאָס זייטיקע... — (רופט אויס שטרענג דער אַבאַט) — דאָס האָב א י ך דיך געמאַכט קומען אַהער...״ און ווירקלעך, איז יענער, דער טוריסט, (נאָכדעם, ווי ער האָט — אומבאַוואוסטזיניק, נאַטירלעך — אָפּגעטון זיין מיסיע, און אַרויסגערופן ק.־ן אין דער קאַטעדראַל, —) אַליין, אַהין נישט־געקומען. פאַרוואָס? ער מוז עס נישט וויסן — זעלבסט. צי, ווייל עס האָט זיך אים איבערגעגלוסט; צי, מחמת עפּעס אַ געוויסן שטער. — נישט וויכטיק. אַבי ער האָט זיין שליחות דערפילט...

און אָט איז ק. — דאָ; ער פאַרנעמט פון אַבאַטס מויל — די גע־שיכטע פון דער געהיימער אייביקער פאַטאַלער העכסטער יוסטיץ; ע ר פרעגט; י ע נ ע ר ענטפערט; ע ר פרעגט ווייטער; ער אַמפּערט זיך; בלייבט שטאָלץ — באַ דאָס זייניקע... יאָ; נישט — ע ר שטייגט צום אַבאַט; נאָר, י ע נ ע ר נידערט צו אים, אין דעם לעבן; געצוואונ־גען, (ווי אין דינסט צ ו א י ם,) אים צו ווייזן, (ווען ער, דער פּראָ־צעסירטער און זאַגאַר פאַרמשפּטער, וויל,) דעם אַרויסגאַנג און צוריק־קער צו דער וועלט... „— ניין — דערקלערט פייערלעך דער אַבאַט, דער פאַרשטייער פון דער העכסטער גערעכטיקייט — קיין שום יוסטיץ איז נישט בכוח דיך, מענטש, צו פאַרהאַלטן, דאַן, ווען דו ווילסט גיין; אַ, דאַן, ביסטו פריי; ניין, שטענדיק ביסטו פריי; און זי, נעמט דיך־אויף נאָר דאַן, ווען דו קומסט אַליין, מיט דיין אייגענעם ווילן...״ אָבער ער, ק., פילט: ווי ער, דער געבראַנדמאַרקטער מענטש, וויל שוין אַליין, ערשט, נישט־אַוועק, — נאָכדעם ווי ער האָט, אין זיין פּיין, געגרייכט אַזוי ווייט: און, פאַטאַל־דרייסט ווי קיינמאָל, וויל ער שטייגן — אַלץ העכער; גרייט, זיך־צו־שטעלן, יאָ, אין רעוואָלאַציע־אַרויסרוף, ביז לעצט!

און ער האַלט אָן ווייטער זיין פּלאַמיקן געפעכט מיטן אַבאַט; אַלץ, מכוח יענער געשיכטע: וועגן דער אייביקער געהיימער יוסטיץ, וועגן דעם סאַמע־האַרץ פונעם אינטימסטן געזעץ; וואוהין דער דורך־איר־פאַר־משפטער מענטש וויל גרייכן, אויפקלערן זיין מצב, זיין אומשולד; נאָר, וואוהין מע לאָזט אים, קיינמאָל, נישט־צו; יעדער איינער אין לעבן האָט

זיין וועכטער, וואָס פאַרהאַלט; וועמעס מיסיע איז אַזאַ; און זי איז דער זין פון זיין קיום... אַזוי לאַנג, ביז דעם מענטשס לעבן גייט פאַרביי, אין וואַרטן — דאָרט, באַ דער טיר, וואו עס פאַרהאַלט אים דער וועכטער; און עס לויגנט שוין באַלד נישט דאָס עסק אינגאַנצן; און ווירקלעך: ווי־באַלד אַז דאָס גאַנצע לעבן איז פאַרשפּילט, — טאַ, צוליב־וואָס — די גאַנצע יוסטיץ? און וואָס קאָן שוין דעם מענטש דאָן זיין דער אונטער־שייד: צי ער איז — יאָ, אָדער נישט — אומשולדיק?!.

בלויז צולעצט, האַרט פאַרן שלוס, נעמט מענטש זיך־איבערלייגן — אַלץ, וואָס ער האָט זיך דאָ אָנגעהערט, (אין משך די לאַנגע יאָרן פון זיין וואַרטן, באַם טויער פון יענעם זאַל) אויס דעם מויל פון זיין וועכטער — אַלץ, וועגן דער זעלבער יוסטיץ:

„... — אַז די זאַלן צו דער העכסטער יוסטיץ זענען — אומציילִיקע; אומעטום — אַלץ־בייזערע שטרענגערע וועכטער; אַזוי, אַן אַ סוף; אַז ער, דער וועכטער אַליין, ציטערט צו גרייכן, און אַפילו אַ בליק־צו־טון אַהינצוצו, העכער־צו, אַף אינעווייניק... נאָר, אַז אָט די אַלע זאַלן און די אַלע וועכטער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן — פאַר אים, דעם מענטש; און אַז ער אַליין, דער וועכטער, האַלט זיך דאָ, אַף זיין באַשטימטן פּלאַץ, בלויז אין שטרענגער דערפילונג פון זיין פליכט...“

און ער נעמט זיך, דאַן, דער פאַטאַלער פאַרמשפּטער מענטש, גיבן רעכענונג, לאַנגזאַם, בהדרגהדיק, אָבער אָנרייפּנד — שרעקלעך־העל בלענדנד־קלאָר: אָ, ווי גוואַלדיק־אומגעהויער־אומענדלעך־גרויס עס איז — זיין מענטש־פּאַרנעם, איבער אַלץ... אַז ער איז: נישט־נאָר וויכטיקער — פון זיין וועכטער, וואָס ער זעט; וועלכער ציטערט, צו רירן־זיך פון זיין אָרט; כאַפּן אַ בליק אַף אינעווייניק, העכער; נייערט, ער האַלט זיך, תמיד — אונטן, באַ דער סאַמע־לעצטער דרויסן־טיר צום לעבן; אין שטרענגער פּחדנותדיקער דערפילונג פון זיין דינסט־פליכט צו דער יוס־טיץ; ווי דערוואַרטנדיק, דאַדורך, זיך־אויסבאַהאַלטן פאַר זיין אייגענעם גזר׳, (דעם טויט;) כלומרשט, אין וויכטיקער שוץ־דינסט פון דער יוסטיץ; (אַקוראַט, ווי אַ באַגרעבער אַף אַ בית־עולם, וואָס דינט געטריי דעם טויט, און ער פּרוּווט זיך־נאַרן: דערמיט, צו ווערן ניצל פון דער אייגענער פאַטאַליטעט... דאָרט, וואו נאָכאַנאַנדיקער אָנזיכט פון טויט ווערט, ווי אַ מין ל ע ב נ ס ־ ש ט יי ג ע ר ...;) יאָ, איז: נישט נאָר פון אָט דעם לעצטן וועכטער איז שטאַלצער מענטש דרייסטער, מיטדערמיט — וואָס ער קומט, אַריינצודרינגען, פרייוויליק, אין סאַמע לפני־ולפנים: זיך צו שטעלן פּנים אל פּנים פאַר דער העכסטער יוסטיץ, פאַר דעם האַרץ פון נעם געזעץ, — נייערט, אַז ער, דער מיסטעריעזער אומדערקלערלעכער מענטש, איז — וויכטיקער פאַר אַלץ!

ווייל: נישט נאָר דער דאָזיקער וועכטער איז באַרעכטיקט, אין זיין קיום, אין זיין לעבנס־באַרוף, אַלס וועכטער — אויסדריקלעך און אויסשליסלעך, בלויז צוליב אים, דעם מענטש, וועמען ער דינט, און צו וועמען ער איז משועבד מיט אַלץ, (און נישט — פאַרקערט), — נאָר, אַז אַלץ, (איר הערט,) ווירקלעך, אַלץ אין דעם זיין, זוכט זיין זכות־הקיום — אין דער אַלערהעכסטער איינציקער וויכטיקייט פון דער פאַטאַלער מיסטעריע — מענטש...; וועלכער האַלט אַלץ־אויף — מיט זיין קיום; אַרום וועמען אַלץ פאַרקערט, די גאַנצע יוסטיץ — צוליב זיין חטא; פון וועמען אַלץ דערוואַרט אַ תיקון, אַ אויסלייזונג — אין זיין דערהויבונג; און קעגן וועמען, אָ, אַלע געטער, יודעי טוב־ורע, פילן זיך שולדיק — טאָפּל; הן, צוליב דער אייגענער חטא־שולד, (ווייל: יודעי טוב ורע; און באַ די געטער — וויסן, מיינט — טאָט;) הן, איבער דעם, וואָס זיי האָבן גענומען און אַרויפגעוואָרפן אַף מענטשס זיין — די פּיין, דעם טויט־גזר: אַז ער זאָל קומען אָן, מיט זיין וויי, ווי אַ מעדיום, אויסלייזן די געטלעכע זינד... און עס לאָזט אים, דאַרום, נישט־צו, די העכערע יוסטיץ, פאַר זיך — אויס שרעק, אָ, פאַר מענטשס גערעכטן נאַקעטן מאָנענדן פירכטערלעכן בליק...

ווייל: מער, וויפל מענטש איז אָפּהענגיק פון זיין גורל, — איז זיין גורל אָפּהענגיק פון מענטש: ווייל, שטאַרבט דער מענטש, — פאַרגייט זיין גורל; ווערט אומזיניק זיין קיום.

איז, אויב די געטער. די העכסטע יוסטיץ, דאָס האַרץ פונעם אינטימסטן געזעץ, איז — דער גורל פון מענטש, — דאַן, איז דער מענטש, (אָן וועמעס זיין, זייער קיום בלייבט זינלאָז אינגאַנצן,) — די העכסטע און איינציקע פּאַטאַליטעט פון די געטער, פון דער געהיימסטער יוסטיץ, פונעם האַרץ פון דעם אינטימסטן געזעץ; יאָ, דער מענטש, דער איינציקער שופט־צדיק אינעם זיין; וועלכער, אָ, זאָל מען נישט מיינען, אַז ער האָט שוין געזאָגט זיין לעצט וואָרט, און פון אַ באַשולדיקטן אַ אָנגעקלאָגטן — אַף דעם פּראָצעס פון לעבן און וועלט; נייערט, אַז ער האָט ערשט צו לאָזן הערן — זיין פריי רעבעליש וואָרט פון אַ באַשולדיקער אַ אָנקלאָגער — קעגן אַלע זיינע גורלות, פון ביז אַצינד; ער, דער אייביק־אומגעדולדיק־פאַרבליבענער, ביז לעצט; ער, וועלכער האָט, קיינמאָל, נישט־אָפּגעטראָטן, נישט־פאַראַטן — זיין כאַראַקטער, זיך־אַליין; אָ, וועלכער האָט אייביק נאָכגעשטורעמט זיין טיפסטן איניקסטן דראַנג צו אייגענער נישט־פאַרניינונג; צו העכסט־מענטשלעכער זעלבסט־רעוועלאַציע; זיך־אויפצוברענגען, אין פולסטן העל־אומשרעקהאַפטסטן איך־שוואונג־אויסדרוק, ביז לעצט; ער, דער ענדלעך־באַפרייט־געוואָרענער; דער מיטיינמאָל־אויפדעקער וועגן זיך — פון זיין שרעקלעכער גרויזאַם־זיס־גערעכטער קראַפט; און בנוגע זיי — זיינע כלומרשטע באַשע־

פער: אַז זיי האָבן בלויז  ז י ך, אין אים באַשאַפן; גאָר נישט — א י ם; ווייל ער איז — העכער, ע ר ש ט ע ר  (פ ר י ע ר)  פאַר זיי...1) ווייל ער איז — דער אייביקער איינציקער העכסט קדמוניותדיקסטער בלי־ראשית־ובלי־אחרית־מענטש — איבער אַלץ; ער, דער אָנהויב פאַר אַלץ; דער באַשעפער־צעשטערער פון אַלץ, און דער באַזיגער פון אַלץ — אין דעם זיין; ער, דער — פון אַצינד, און אַף ווייטער צוקונפט־שוין — העכסט פרייער מענטש־גורל אין־זיך; וועלכער וועט וויסן נאָר: פון זיין משועבד — צום אייגענעם דראַנג צו דער פרייהייט; און צו אַ דראַנג אַ נאָך־טיפערן: זיך אויך פון אָט דעם לעצטן גורל שיעבוד צו באַפרייען...

יאָ, איז: קען מען זיך פאָרשטעלן — וואָס, דאַן, ערשט, פון מענטש וועט אויפקומען? — אָט, אין וואָס עס באַשטייט די פראַגע.

## עטוואָס, וועגן דעם אבסורד פון דער עספעראַנטאָ

פונקט ווי די באַזע פונעם זיין און פון דער אוניווערסאַלער אַנטוויקלונג איז די פיל־קאָלירנדע דיפערענציאַציע, אין קעגנגעזעצטער קאָנטראַסטן־באַקעמפונג, — אַקוראַט אַזוי, איז די ערבות פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור — די פיל־קאָלירטע קעגנגעזעצטע קעגנזייטיקע באַקעמפונג צווישן אומפאַרשטענדלעכקייטן; בתוכם אויך אַריינגערעכנט — צווישן די פאַרשיידענע שפּראַכן; יעדע איינע, אין עכטן אָנקלאַנג מיט יענע אייגנטימלעכקייטן פון נאַטור, וואו זי איז אַנטשטאַנען. ווייל, נישט אין צוזאַמענרעדן־זיך, און פּאַראַטן, יעדער צד — זיין נאַטור, איז צוגעזיכערט די ווייטערדיקע עקספּאַנסיע פון דער מענטשלעכער קולטור, — נאָר, אין פאַרטיידיקן איטלעכער טריי זיין נאַטור־פּאָזיציע; כדי אַז אין דער דיפערענצירטקייט און אין דעם אומויפהערלעכן שימער פון דער פיל־קאָלירנדיקייט, זאָל זיך יעדערער קענען אָנזעען, ווי אין אַ שפּיגל, ווי אַף אַ פאַן, אין דעם צד־שכנגד.

נאַכאַמאָל: די באַזע פון פּראָגרעס איז: דאָס בלייבן טריַי דער נאַטור, און דאָס לערנען זיך נאָכאַנאַנד באַ איר. דאַרף מען וויסן זיין: אַז נישט אומזיסט, און נישט צופעליק, האָט זי, אין יעדן סעקטאָר פון דער וועלט, באַנאַנד מיט אַנדערע לאָקאַלע קאָלאָריט־אייגנטימלעכקייטן, אויך אַרויסגערוקט — אַן אייגענע שפּראַך; וועלכע איז דער איינציקער טרייער זיך־שטייגערישער אויסדרוק־אינסטרומענט — פאַר דעם דאָרטיקן מענטש. איז, הגם עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער זעלבער מענטש זאָל דער־

1) דערפאַר, קאָן ער  ז י י  אומברענגען, צעשטערן, אויסראָטן פון זיך, און ערשט דאַן, בלייבן לעבן; אויפשלאָגן — צו דער פריי...

לערנען, דאָס הייסט, דעראָבערן — אויך אַנדערע שפּראַכן, אויסדרוק־מיטלען, — איז אָבער קלאָר: אַז אין קיין איינער פון זיי וועט ער גישט זיין אַזוי באַהעפט מיט זיין לעבעדיקן זין, (דאָס הייסט, אין פלוג, סובּיעקטיוו, און דאָך, דאַרום טאַקע, אָביעקטיוו,) עס מיינט, צום (זיין) אמת, — ווי אין זיין לעבעדיקער וואַרעמער אָטעם־שפּראַך: וועלכע רעדט צו אים — אַזוי מוטערלעך ליב און זיס, איינגעבאַקן אין האַרצן און צוגלייך אין מאַרך, אין פולן שפּיל־שימער פון זיין געמיט, פון זיין בלוט־צאַפּלדיקער בענקשאַפטלעכער לעכצנדער זעל — מיט איטלעכס וואָרט באַזונדער: וועגן די היימישע, אָ, פון־קינדהייט־אָן, איינגעזאַפּטע אין זיך בילדער פון לאַנקעס, פעלדער, וועלדער, טייכלעך, בערג, חיות, עופות, קאָלירן אַלערליי, (מיט וועלכע עס טיילט זיך אויס, אין דער וועלט, איין סעקטאָר, ווי דערמאָנט, אַפן פאַן פון אַ אַנדערן,) קלאַנגען, לידער; מיט איין וואָרט: אָט די פולע רייכפאַרביקע שטייגער־קאָלאָריט־גאַמע, פון וועלכער עס לייגט זיך צונויף, אומעטום — מענטשס אייגנטלעכער זין, וואָס מיינט, גלייכצייטיק — ז יי ן אמת...; בעת אין אַנדערע, פרעמדע, שפּראַכן, וועט זיין אייגן צאַפּלדיק לעבן ז יי ן , (און אַזוי, כמעט־תמיד, פאַרבלייבן) — טויט, אָפּוועזנד לגמרי; במילא, וועט אַלץ, וואָס ער וועט פרואוון אַרויסברענגען, אין יענע דעראָבערטע שפּראַכן, זיין — אָביעקטיווער, טויטער זין; אָבער, ריכטיקער — אומזין.

מיר האָבן געזאָגט אָקאָרשט — „ כ מ ע ט ־ תמיד, פאַרבלייבן“; ווייל, עס איז קלאָר: אַז, מיטן גאַנג פון דער צייט, וועט די ניי־דערלערנטע שפּראַך, (אַריבערגעפלאַנצט פון ערגעץ, אין אַ געוויסן ראַיאָן,) ווערן, סוף־כל־סוף, אין דעם נייעם מקום — אָנגענומען אַ ק ל י מ אַ־ט י ז י ר ט ; מיט אַלע געזונטע נאַטירלעכע קאָנסעקווענצן, וואָס קאָנען גאָר פאָלגן דערפון... אָבער, דאָס מיינט נאָר צו זאָגן: אַז זי וועט ווערן — אַזוי אייגן, לעבעדיק, באַהעפט צום אָטעם פון דער דאָרטיקער נאַטור און מענטש — אַלצייגנס, ווי די לאָקאַלע שפּראַך. נו, דאַרף מען אָבער וויסן־זיין: אַז דאָס וועט געשעען, דערפאַר: ווייל זי, די נייע שפּראַך, וועט ווערן, מיט אירע וואָרצלען, אַזוי טיף־פאַרפלאַנצט און צוזאַמענגעוואָקסן מיט דער אייגענער, — אַז עס וועט איר אַליין, דער נייער, שוין זיין — קוים צו דערקענען; און אַזוי־געענדערט (אַקלימאַטיזירט) וועט זי נעמען פאַרקומען, מיט איר גאַנצן אויסזען, — אַז עס וועט, א יי נ מ אָ ל , שוין ווערן, דאָ: כמעט־אוממעגלעך, זי אַליין אונטערצושיידן — פון דער אַלטער; בעת, אין איר אייגענער אַלטער היים, ערשט, פונוואַנען זי שטאַמט, דאָרט ווידער, זעט איר, וועט מען זי שוין — אינגאַנצן נישט־דערקענען; זי אָננעמען — לגמרי ווי אַ פרעמדע, אומפאַרשטענדלעכע, זיבלאָזע; וועלכע געהער זיך אַהין, דאָס הייסט, צו יענעם לאָקאַלן זין־שטייגער־לעבן, מער גאָרנישט אָן...

איז, אָט אין דעם, אייגנטלעך, שטעקט — דער אַבסורד פון דער עספּעראַנטאָ: איינמאָל, אין דעם אומנאַטירלעכן פאַרזוך — צו נעמען און צופירן אַלץ אין אונזער לעבן צו זינלאָזער בלינדער אייַנקאָלירנדיקייט; ווייל, עס איז דאָך קלאָר: אַז, וואָלט, ווירקלעך, פאַר אונזער זעחוש גענומען אויפקומען די סענסאַציע פון נאָר איין קאָליר־פענאָמען אין דעם זיין, — אַזוי וואָלטן מיר, בקרוב, (דאָס הייסט, נאָכדעם ווי עס וואָלט, ענדלעך, געווען אויסגעגלעט־אויסגעוועפּט פון אונזער דמיון־זכרון די וויזיאָנערישע אַנדערשקייט אַפילו פון קעגנגעזעצטע קאָלירן), — געוואָרן אַבסאָלוט זינלאָז־בלינד... נו, און אויב אין דעם פאַל פון דער עספּעראַנטאָ, (דאָס הייסט, זיך־פאָרשטעלנדיק איר גרעסטן נצחון איבער אַלע אַנדערע לשונות,) וואָלט דאָס נישט געווען פּאַסירט, — איז, ווייסט איר — פאַרוואָס? פשוט, דערפאַר: ווייל זי וואָלט זיך, צולעצט, אין לויף פון די טעג, געוועזט, אין יעדן וועלט־עק, אַזוי געהאַט אַקלימאַטיזירט־נאַטוראַליזירט־צוגעפּאַסט צום לאָקאַלן קאָלאָריט, — אַז, אויסער דאָרט, וואָלט מען זי, מער אינערגעץ־אַנדערש, נישט געווען דערקענט; דאָס הייסט, אַז עס וואָלט דאַמאָלס געוואָרן באַנייס, ווי געווען: אַזויפיל עספּעראַנטאָ־לשונות, וויפל קאָלאָריט־סעקטאָרן אין דער וועלט; הייַנט, פרעגט זיך: צוליב וואָס וואָלט עס געווען אינגאַנצן געלוינט?!

„— וואו, (וועט מען פרעגן,) קאָן מען דאָס אַלץ לערנען?“ איז דער ענטפער: — אפשר, באַם מגדל בבל; דאָס הייסט, אין די בראשית־דיקע פרע־קולטור־צייטן פון דער מענטשהייט. יאָ, איז, אָט איז דאָך דאַן געווען — שפה אחת ודברים אחדים: דער היינטיקער אַזוי־גערופענער עספּעראַנטאָ־אידעאַל פון באחרית הימים...; און די מענטשהייט, וועלכע האָט, אין יענע אָנפאַנג־טעג, אַפן קרייז־ראַנד פון אָנהויב און סוף, געאַנט אינעם ראשית דעם אחרית; און נישט געוואָלט דורכמאַכן דעם שווערן פיינפולן היסטאָרישן קרייז; נייערט, פאַרבלייבן איינגעקלאַמערט אין דעם ערב־וועלט־לעבן, אין דעם לויטערן הימלשן אידעאַל, — האָט אַנגסטלעך געשריגן: „— הבה נבנה לנו וכ״ו, ומגדל וראשו בשמים וכ״ו, כדי נישט צו ווערן פאַרשפּרייט — על פני כל האָרץ...“ אָבער דער גייסט, דער פאַטאַלער זין פון מענטשנס זייַן, אויפקום און גאַנג איבער דער וועלט, האָט געצייכנט פאַר אים — עפּעס אַנדערש. ער האָט געזאָגט: „— הן עם אחד ושפה אחת לכולם, וזה החילם וכ״ו, ועתה לא יבצר מהם וכ״ו;“ הייַנט, טאָ, וואָס וועט זיין — פון מענטשס לעבן?.. און ער האָט אים אָפּגעריסן, אַף כוח, דעם מענטש — פון זיין בראשית; אים צעשפּרייט איבער דער וועלט; אַז ער זאָל רעדן פיל לשונות; אַז איינער דעם אַנדערן זאָל נישט פאַרשטיין; אַז ווענט זאָלן זיך הויבן צווישן מענטש און מענטש; מיט איין וואָרט: אַז עס זאָל אויפקומען — די פיל־קאָלירטע מענטשלעכע קולטור; זיין גאַנג איבערן לעבן; און, במילא, דער טיפער

לעכצנדער באַנג — צו זיין בראשית; צו זיין היים־וויגעלע פון שפה אחת; וואָס וועט אַבער, (אין דעם טאָג, ווען ער וועט דאָס דערגרייכן, זיין העכסטן אידעאַל,) ווערן פאַר אים — זיין באַחרית הימים, דער סוף פון זיינע טעג; פון וועלט, מענטש, לעבן; פון אַלץ...

נו, איז דאָס דען, אייגנטלעך — דער ציל פון דער עספּעראַנטאָ?!.

---

# דער אייביקער געראַנגל צווישן דער ווערטיקאַלער ליניע און דער האָריזאָנטאַלער, אין דעם זיין

**א) דער געראַנגל אין אונז צווישן מענטש, און חיה, — דאָס איז — דער קאַמף צווישן דער ווערטיקאַלער רעבעלישער ליניע, פון אינטעלעקט,1) דעם איינס; און דער האָריזאָנטאַלער הכנעהדיקער ליניע, פון דער עמאָציע,2) דעם זעראָ.**

---

1) אַט די צוויי פּאַראַלעלע ליניעס, וואָס באַגעגענען זיך קיינמאָל נישט, ביז צו דער אומענדלעכקייט; און כאָטש דער זעלבער אינטעלעקט לערנט, אַז: איינס־פּלוס־איינס, ווערט — צוויי; וואָס קאָן מיינען, אין פלוג, אַ באַגעגעניש צווישן צוויי פּאַראַלעלע ליניעס, וועלכע באַהעפטן זיך אין אַ נייעם איינס, — דאַרף מען פאַרשטיין, אַז דאָס מיינט גאָר: די קאָנטינואירטע באַהעפטונג צווישן די קאָליר־טיילן (קאָלירט און געברוכיקט — דורכן לעבן) (און נישט — פּאַראַלעל, נאָר — אין דער לענג,) פון אַלץ איינער און דער זעלבער ווערטיקאַלער (קאָלירלאָזער אין־זיך,) ליניע; (נישטאָ פאַרן אינטעלעקט קיין אנדער פאָרם פון זיין...;) וועלכע איז — איינציק, אין איר קיום־לויף, אין דער אומענדלעכקייט; און די צווייטע (פּאַראַלעלע) ליניע פון דער אויבנדערמאָנטער אַקסיאָמע איז בלויז — אַ פּראָבלעמאַטישע; וואָס ווערט געבראַכט, נאָר כדי צו אילוסטרירן די העכסטע אַקסיאָמע וועגן דער ווערטיקאַליטעט.

2) וועלכע לערנט, פּונקט דאָס פאַרקערטע: אַז צוויי פּאַראַלעלע ליניעס באַגעגענען זיך יאָ; דאָס הייסט, אַז זיי בויגן זיך אויס און קרייצן זיך. און כאָטש די זעלבע עמאָציע לערנט, אַז: איינס־פּלוס־איינס — בלייבט אַזוי, אומבאַהעפט, — דאַרף מען עס פאַרשטיין, בלויז אין דעם זין: אַז אין דער אומענדלעכקייט לויפט: נישט — איינונייניציקע ווערטיקאַלע ליניע, וואָס אַלע פאַראַנענע אומציילקע (ווערטיקאַלע) איינסן זענען בלויז — אירע קאָליר־טיילן, וואָס טוען אַרויסוואַקסן, (אַליין, נאַטירלעך־מאַטעריעל, אָן וועלכער גייסטיקער אינטערוועניץ,) אין נאָכאַנאַנדיקער קאָנטינואיטעט, אין דער לענג, דאָס הייסט, אין שטענדיקן המשך, איינע אויס דער אַנדערער, — נייערט: אַז אין דער אומענדלעכקייט לויפן — צאָלרייכע (האָריזאָנטאַלע זעראָ־)־ליניעס; (ווייל, נישטאָ פאַר דער עמאָציע קיין אַנדער פאָרם פון זיין...) וועלכע זענען — נישט, קיין טיילן פון איין גאַנצעס, אין המשך, — פּשוט דערפאַר, ווייל אַזאַ כלומרשטער המשך איז לגמרי נישט בנמצאָ; נאָר, אַלע (האָריזאָנטאַלע זעראָ־)־ליניעס, (איטלעכע, פאַר זיך באַזונדער.

נישט אומזיסט לערנט פרויד: אַז דער קראַנקער דאַרף זיך אָוועק־לייגן, כדי זיך־אָפּצולאָזן, און לאָזן פליסן פאַרן אַרצט זיין ווידוי־פּיין; ווייל, נאָר ליגנדיק, אין דער זעלבער אַנימאַלישער האָריזאָנטאַלער ליניע פון שלאָף, פון ליבע, — ווערט דער מענטש עלול, (ווי אין דער שלאָף־אינוואַזיע, צי ווי אין דעם אָנגעבליטן ווידוי־ליבע־אויספלייץ,) זיך צו מתוודה־זיין, (אויספלייצן) פאַר דעם אַרצט, אין סימפּאַטיע־צוטרוי־אי־בערגעגעבנקייט, אינגאַנצן... דאַקעגן, אין דער ווערטיקאַלער ליניע פון אינטעלעקט, איז מענטש — צוריקגעצויגן, רעזערווירט, צווייפלענד, אומ־צוטרוילעך און קאַלט־שווייגזאַם.

ב) עטוואָס וועגן — מאַטעריע. איידער מע קומט ענטפערן אויף דער פראַגע: „— וואָס איז — מאַטעריע?“, דאַרף מען, אַפריער, פעסטשטעלן: ווער אין מענטש עס האָט די פראַגע געשטעלט: די האָריזאָנטאַלע עמאָציע, אָדער דער ווערטיקאַלער אינטעלעקט; און דער ענטפער דאַן וועט זיין — פאַרשיידן.

אויף דער פראַגע פון דער ס ו ב י ע ק ט י וו ־ סוביעקטיוו̇ער עמאָציע: „— וואָס איז מאַטעריע?“, איז איר ענטפער: „— נישט פאַ־ראַן אַזאַ מציאות. אַלץ, אַלע פענאָמענס פאַרבלענדן נאָר די סענסאַציעס פון די חושים און מאַכן זיי גלויבן (נאָר זיי אַליין, די חושים,) אין זייער (פון די פענאָמענס,) קיום. עס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער: אַז זיי, די פענאָמענס, עקזיסטירן נישט אין־זיך לגמרי; נאָר בלויז פאַר די בליב־דע חושים; ריכטיקער: זיי זענען — בלויז אַן אויסדאַכטונג אַזאַ פאַר די סוביעקטיווע חושים פון דער עמאָטיווער וועלט. וואָרום: וואָלטן זיי עקזיסטירט אין־זיך, ווי מאַטעריע, — דאַן מוז מען דאָך דערלאָזן די אידייע, אַז אויך די חושים זענען — מאַטעריע; היינט, וויאַזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז מאַטעריע זאָל קענען באַנעמען (און — נאָך עכט, דער־צו,) — מאַטעריע?! (אפילו, לאָז זיין, דורך די שאַרפסטע קעגנגעזעצסטע פענאָמען־סענסאַציאָנעלע קאָליר־דיסטאַנץ־קאָנטראַסטן; אָבער דאָך, אין סאַמע טיפסטן אינטימסטן תוך — אָן דער מינדסטער דיסטאַנץ;) דאָס הייסט — זיך אַליין?!. ערגאָ: אַז אַלץ איז — דיספּראַז־מאַטעריע; אי־לוזיע־מאַטעריע; אומרעאַלע אומעקזיסטירנדע אויסדאַכטעניש בלויז; הן — די אויפקומענדע פענאָמענס, אין זייער דערשיינען־גופא און, דערצו, אין זייער א ו מ ע כ ט ן אופן זיך־צייגן פאַר די חושים; הן, די חושים אַליין, אין זייער אומעכטן בלינד־סוביעקטיוון (הן, ווייל מ אַ ־

אַלס גאַנצעס,) זענען הערמעטיש איינגעשלאָסן אין זיך; ווירקלעך, ווי איזאָלירטע איינסן; און זיי שטראָמען אַלע, אין דעם מאַטעריעלן זיין — אויס איין אָנהויב, (גייסט): וועלכער איז — די איינציקע ערבות און שטויס־קראַפט, (די איינציקע א יי נ ס ־ באַוועריקונג — פאַר די זעראָס,) פאַר זייער אויפקום, געבורט, זיין און ווערן, אין אַנטוויקלונג...

ט ע ר י ע ל ן, אָן דיסטאַנץ; הן, ווייל מאַטעריעל־ק אָ כ י ק ז ) אופן — זיי אויפצונעמען. דאָס הייסט, קאָנקרעטער: אַז אַלץ איז — אומרעאַל; נישט־עקזיסטירנדיק לגמרי: נישט די חושים, אַלס אַזעלכע; נישט די פענאָמענס, אַלס אַזעלכע... אָבער, הינטער די פאַרבלענזעניש־פענאָמענס, שלאָגט אַ אַנדערע עכטע וואָר אין־זיך, אַן אוממאַטעריעלע, אַ גייסטיקע; און זי ווערט י אָ עכט אויפגענומען — דורך דער גע־פאַנגענער ג יי ס ט ־ אינטואיציע אין דער טיפער אומגעהויער־ווייטער תפיסה־דיסטאַנץ פון די אומוואָרע מאַטעריע־אילוזאָרישע חושים...״ אַזוי קומט דער ענטפער פון דער עמאָטיווער מאַטעפיזיק; וועלכער איז, ד אָ ך, נישט־אויסגעהאַלטן; וואָרום: וואָלט, ווירקלעך, עקזיסטירט — עטוואָס־גייסטיקס, אוממאַטעריעלס, הינטער די מאַטעריעלע (דיספראַז)־פענאָמענס, וואָס קומען־אויף, (ווערן אויפגענומען) טעותדיק, דורך די סענסאַציעס פון די ס ו ב י ע ק ט י ו ־ סוביעקטיווע (בלינד־קאָכיקע) חושים, — אַזוי, וואָלטן זיי דאָך, די חושים, (לאָז זיין — אומעכט, צוליב זייער בלינדן אומרו, אָבער דאָך, איבער זייער מאוימדיקער דיס־טאַנץ, אַלס דיספראַז ־ מ אַ ט ע ר י ע , ) באַדאַרפט זיין — די ערשטע, יענע אוממאַטעריעלע גייסטיקע וואָר צו אַנטדעקן; עס הייסט, צו דעראַנען גלייך איר קיום; אַזוי ווי אַלץ, וואָס לעכצט, אומווידערשטיילעך, עס הייסט, אַז עס טראָגט אין זיך די פּאָטענץ, די גאַרונג, די שטרעבונג, די צאַפּלעניש, דעם דראַנג, (וואָס דאָס מיינט באַלד — דעם געבער־קיום...,) אָ, צו אַלעם־פאַרקערטן פון זיך...

מיר װעלן, דאַרום, לאָזן די דאָזיקע דעקאַדענטישע פלאַפּלעריי פאַר אַלע מיני עבר־בטל׳ס; און מיר װעלן פּרואוון זוכן דעם ענטפער אַף דער זעלבער פראגע; נאָר איצט, געשטעלט — דורך דעם אָ ב י ע ק ט י ו ־ סוביעקטיוון אינטעלעקט: „— אַלזאָ: וואָס איז — מאַטעריע?״

איז, אין פלוג, וואָלט דער ענטפער געקאָנט קומען — אַ גאַנץ־קלאָרער: „אַלץ, וואָס אינטעלעקט אָנערקענט זיין אָביעקטיוון, אומאָפּ־הענגיקן קיום, מחוץ פון זיך — דורך דעדוקציע. עס הייסט: אַז, אַפילו ווען אינטעלעקט גיט צו: אַז — אַליין, אַלס סוביעקטיוו־בלינדע מאַ־טעריע, קאָן ער נישט באַנעמען, דערלאָזן, און ער שליסט אויס ד ע ם ק י ו ם אַ פ י ל ו (שוין אָפּגערעדט — באַנעמען ע כ ט, ראַיעל, ריכטיק, אומפּלערהאַפּט,) פון (ווייל — אָן דיסטאַנץ,) עטוואָס ענלעכס צו זיך, פון אַנדערער מאַטעריע, — איז ער אָבער, דערפאַר, געבענטשט מיט דער אייגנשאַפט: צו קענען מאַכן, ליכטיק, רואיק, אָביעקטיוו — די געהעריקע דעדוקציעס; דאָס הייסט, אידייאישע אומזיכטבאַרע אַבסטראַקטע אַסאָציאַציע־פאַרבינדונגען און, אַזוי אַרום, (אַדאַנק דער זעלבער אייגנשאַפט,) ציען געהעריקע שלוסן: הן, בנוגע דעם קיום־גופא פון, ענלעכער צו זיך און מחוץ פון זיך, מאַטעריע; הן, אויך אין דער

ספער פון זיך־טון־דערנעענטערן, אַף ווי־ווייט־מעגלעך און, וואָס אַמאָל, נעענטער, צו דער אַלץ־עכטערער באַנעמונג פון אָט דער נייער, אויפגעדעקטער אין קיום, מאַטעריע."

נאָכאַמאָל: אַזוי, אַז אינטעלעקט קאָן פאַר׳יכערן: אַז, ניש ט דאָס איז מאַטעריע, וואָס ער באַנעמט — בלינד־טוביעקטיוו־דירעקט, אָן־דיסטאַנץ: ווייל, אין אַזאַ פאַל, קאָן געמאָלט זיין, (וואָרום בלינדע מאַטעריע־מיט־זיך קאָן דאָך נישט באַנעמען דעם קיום אַפילו פון אַנדערער מאַטעריע, חוץ און מחוץ פון זיך,) אַז דאָס איז — זיינע אַן אויסדאַכטעניש בלויז. אַ אילוזיע, וועלכע, (אַפילו ווען ער אַליין איז נישט קיין אילוזיע, בייערט אַ וואָרע רעאַליטעט,) קומט־אויף מיט אים, און מיט אים, וועט זי פאַרגיין; נאָר, דאָס איז מאַטעריע, וועלכע ער האָט אַנטדעקט, אין דער רואיקער אָביעקטיווער דענקונגס־דיסטאַנץ פון דעדוקציע: אַז זי עקזיסטירט — מחוץ פון אים; אומאָפהענגיק פון זיין אַנטדעקונג; און אויך פולשטענדיק־אומאָפהענגיק אַפילו פון זיין אייגענעם, דעם אינטעלעקטס, איצטיקן קיום אַליין...

ווידער, פון דער אַנדערער זייט, אָנערקענט נישט דער מאַטעריעלער אינטעלעקט דעם קיום פון עטוואָס אַזוינס, (דער עיקר — אוממאַטעריעלעס, הן אַפילו מאַטעריעלעס,) וואָס עס קאָן נישט אַדורך בשלום — זיינעם, דעם מאַטעריעלן אינטעלעקטס, שטרענגן דעדוקציע־עקזאַמען. אין אַזאַ פאַל, ווערט עס גלייך דעמאַסקירט, אָפגעוואָרפן און פאַרטריבן, אַלס פאַלשע שעדלעכע עמאָציע־אילוזיע; וועלכע קאָן נאָר אַראָפפירן פון גלייכן וועג, און אין ערגעץ נישט דערפירן...

אין אייפער פון זיין (מאַטעריעלן) אמת, ווי באַוואוסט, דערגייט אינטעלעקט אַזוי ווייט, — אַז ער דערקלערט אַלע געזעצן פון דער פיזיק, דורך וועלכע עס ווערט געפירט דער אוניווערס, אַלס עקזיסטירנדע — בלויז אינערהאַלב אים־גופאַ, אינעם אינטעלעקט; ווי זיינע דערקלערונגען פאַר זיך אַליין — וועגן דער פירונג אין דעם אַלוועלט; אָבער, באַין־אופן נישט, אַלס עקזיסטירנדע מחוץ פון אים — אין דעם אוניווערס; ווייל, דאָס צו לאָזן, וואָלט גלייך געקאָנט מיינען: צו אָנערקענען דעם קיום פון אוממאַטעריעלע קרעפטן, (געזעצן, כוחות,) אַז זיי רעגירן מיט דער מאַטעריע; בעת ער, דער אינטעלעקט, קאָן דאָס נישט דערלאָזן — פשוט, דערפאַר, ווייל עס האַלט נישט אויס זיין דעדוקטיווע שטרענגע קריטיק: וועלכע זעט נישט איין, אינערגעץ אין דעם אוניווערס, קיין שום נויטווענדיקייט אין וואָסערע אוממאַטעריעלע כוחות, וואָס זאָלן האָבן גורם־געווען זיין געבורט, זיין קיום, זיין באַוועגונג. ניין; די אַלע געזעצן זענען נאָר — דער אופן־זיין פון דער מאַטעריע גופאָ; אירע אייגענע אינטימע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן; און זיי זענען, במילאָ, פונקט אַזוי מאַטעריעל, ווי זי אַליין; ווייל זי, די מאַטעריע, (אַלץ, אַדאַנק אירע זעלבע

אייגנשאַפטן,) איז — קדמוניותדיק, אייביק און אומענדלעך, אין איר עבר־הווה־עתיד׳דיקן באַוועגלעכן אופן־זיין; הייסט, צוואָס — אַן אומנויטיקע, אומרעאַלע, אוממאַטעריעלע אינטערוועניץ?..

נאָר, איצט, האָבנדיק צוגעקומען ביז אַהער; און אַזוי, זיך־באַוועגדיק, קדמוניותדיק־אַף־צוריק, העט, ביז צו די אור־פּרימיטיווסטע חומר־היולידיקסטע פאָרמלאָזסטע פאָרמירונגען פון דער אייביקער מאַטעריע, (פון דעם אַזוי־גערופענעם זיין־איך־זיך,) אין קאַמף; אין איר אומויפהערלעכן געראַנגל, (וואָס דאָס איז, אייגנטלעך, די טרייב־קראַפט פון איר נאָכאַנאַנדיקער אַנטוויקלונג, אין פאָרמען־טויש,) צווישן אירע אינטימסטע קעגנגעזעצטע אייגנשאַפט־טענדענצן (די דורכן־אינטעלעקט־גערופענע — געזעצן) פון אַטראַקציע און רעפּולסיע, צענטריפּעטישע און צענטריפוגישע קראַפט, סטאַטיק און דינאַמיק, גראַוויטאַציע און שוואונג, רוים און צייט, (אין דער אומאָרגאַנישער טויטער מאַטעריע; און דאַן, אין דער אָרגאַנישער, לעבעדיקער, אין דער ביאָלאָגיע, אין די פלאַנצן, אַנימאַלן, העט ביז צום מענטש, אין איר ווייטערדיקן, אַלץ אייגעם און דעם זעלבן געראַנגל — און אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין נאַטור־אָפּקליוב —) צווישן דער טענדענץ פון ירושה־רעפּראָדוקציע, און דער פון צופּאַסונג צו פרישער נאַטור־ספער, און באַנייונג, (און באַזונדערס, אין דעם מענטש, דער געראַנגל צווישן דער ספער־אַרטיקער הערמעטיש־געשלאָסענער תפיסה־פאַטאַלער האַריזאָנטאַלישער ליניע פון דער *בלינד*־סוביעקטיווער עמאָציע, און דער אָפענער פריי־רעבעלישער אומענדלעך־ווערטיקאַלער ליניע פון דעם *אָביעקטיוו*־סוביעקטיוון אינטעלעקט;) יאָ, איז, דורכמאַכנדיק אָט דעם דאָזיקן מהלך אַף פאָרויס, ביז היינט; און נאָכהער, (ווי דערמאָנט פריער,) אַף צוריק, העט, ביז צו דער קדמוניותדיקסטער פאָרמלאָזסטער געשטאַלטלאָזסטער באַנעמונג פונעם אידעאַלסטן זיין־איך־זיך, — גיט זיך נישט (און אפשר, נעמט ער זיך יאָ־געבן) דער מאַטעריעלער אינטעלעקט רעכענונג: אַז דאָ, אַף דער דאָזיקער קדמוניותדיקער הויך, הערט־אויף, בהדרגהדיק און דאַן מיטיינמאָל, די מאַטעריע — צו זיין *דאָס*, וואָס זי קומט אונז געוויינלעך פאָר, אין דער נידער — מאַטעריע; נייערט, זי איז, דאָ — פונקט אַזוי גוט *נישט*, ווי *יאָ*־מאַטעריע; זי פליסט איצט אַריבער אין דער איידלסטער ספער — פון דעם זייך־איך־זיך, אין זיין געראַנגל מיט דעם *נישט*־זיין; ריכטיקער: פון דעם נישט־זיין־*זיין*, (דינאַמישע צעשטערונג־טענדענץ, אַף פאָרויס, צוליב אויספאָרמירן נייס,) אין געראַנגל מיט דעם נישט־זיין־*אומזיין*... (סטאַטישע צעשטערונג־טענדענץ, אַף צוריק, צוליב אויפהערן זיין;) יאָ, אַף יענער אידעאַלער הויך, וואו ער, אינטעלעקט, דערהערט, פלוצים, אַזוי שרעקלעך־העל: אַז עס קאָן נישט געמאָלט זיין, אין דער ווייטסטער וויזיע אַפילו, קיין זיין — אָן אומזיין; פונקט, ווי

ווייס — אָן שוואַרץ; במילאָ: נישט — מאַטעריע, אָן גייסט; פּונקט ווי, נישט — גייסט, אָן מאַטעריע; און אַז, אייגנטלעך, אָט די טיפע אייגענע בענקשאַפט זיינע, דעם מאַטעריעלן אינטעלעקטס, צו דערגרייכן — דאָס פאַרקערטע פון זיך, (גייסט,) כדי זיך אַרויסצורייסן פון דער אייגענער תפיסה, (אַ תפיסה, ווייל — אייגן, אָן דיסטאַנץ...,) און אַריבער צום קעגנזאַץ, אַף דער פריי; (הגם, אין דער זעלבער צייט, איז קלאָר: אַז, מחמת דער זעלבער סיבה, לעכצט דער קעגנזאַץ — צו אים...;) יאָ, איז, אָט די בענקשאַפט זיינע צו גייסט האָט אים דערפירט, ענדלעך, צו יענער הויך: וואו אומזיין און זיין אין געראַנגל צייגן זיך — אַלס איינס...

איז, איבער דעם אַלעם, שטעלט זיך ערשט באַנייס די פראַגע; ריכטיקער, אין אַ נייער פאָרם: — וואָס־זשע איז פאָרט — מאַטעריע? אַזאַ מהות, וואָס שליסט אויס — גייסט, — אָדער, אַזאַ סובסטאַנץ, וועלכע זעט נישט, באין אופן, די מעגלעכקייט פון איר קיום, אָן דער פאָרשטעלונג פון איר צד־שכנגד; עליי, קעגנזייטיקע פאָן־און־בילד אַלציינס?..

ג) דער געראַנגל צווישן סטאַטיק און דינאַמיק, מאַטעריע און ענערגיע, טעזע און אַנטיטעזע, רוים און צייט, מיט איין וואָרט, צווישן גראַוויטאַציע און שוואונג, אין דעם טויטן אוניווערס, וועלכער האָט געבראַכט, ווי באַוואוסט, צום אויפקום פון דער ביאָלאָגיע, — קומט צום אויסדרוק אין דער ביאָלאָגיע גופאָ — דורך דעם געראַנגל, אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין נאַטור־אָפּקליב, צווישן ירושה, (רעפּראָדוצירונג,) און צופּאַסונג; דאָס הייסט, צווישן דער גראַוויטיר־טענדענץ צו אונטערגאַנג, צו אומקום, און דער טענדענץ — זיך צוצופּאַסן צו דער אַלעמאַלביי־אויפקומענדער ספער אין דער אַרומיקער נאַטור, און בלייבן לעבן; אין דער אַמאָליקער סאָציאַלער געזעלשאַפט — צווישן אָפּגייענדע שיכטן און דורות, און אויפגייענדע שיכטן און דורות; אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט, (אַקוראַט, ווי אין יעדן אינדיווידו,): צווישן דער בלינדער האָריזאָנטאַלער אינסטינקטן־וועלט, וואָס גראַוויטירט צו אומקום, און דעם ווערטיקאַלן מאַרך־אינטעלעקט, וואָס דרענגט צו דערהויבונג.1) אָבער,

---

1) עס הייסט: אַז די געשטאַלטונג פון דער מאָדערנער געזעלשאַפטלעכער פאָרעם — געטיילט אין אַ בורזשואַזן קלאַס, און אין אַ פּראָלעטאַרישן, אין באַקעמפונג — אַנטשפּרעכט דעם געראַנגל אין דער ביאָלאָגיע, אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין נאַטור־אָפּקליב, צווישן די טענדענצן פון ירושה־גראַוויטאַציע, (בורזשואַזיע,) און צופּאַסונג, (פּראָלעטאַריאַט —) זי איז נישט. דאַרום, די דאָזיקע פאָרם, קיין אידעאַל־פּערמאַנענטע, (ווי עס ווילן האָבן פילאָזאָפן און פּאָליטישע עקאָנאָמיסטן פון בורזשואַזער אידעאָלאָגיע;) אַלס ווי דאָס לעצטע וואָרט פון דער העכסטער געזעלשאַפטלעכער ציקל־אַרטיקער זעראָ־האָריזאָנטאַלער הערמעטישגעשלאָסענער אַנטוויקלונג, וועלכע ווידערהאָלט זיך, תמיד; וועלכע איז, אין אינטימסטן תוך פון אירע ביידע טענדענצן — אַ צוריק־גראַוויטירנדע:

איינס איז קלאָר: אַז נאָר דער ווידערשטאַנד, די טענדענץ פון סטאַטיק, טעזע, גראַוויטאַציע, ירושה, ברענגט צום דראַנג־אויפקום פון דער דינאַמיק, פון דער אַנטיטעזע, פון דעם אויפשוואונג, פון דער צופּאַסונג. די גראַוויטירונג — אַף צוריק, און אַף אַראָפּ, איז דער אויסגאַנג־פּונקט פון יעטוועדן דראַנג — אין פאָרויס, און אַף אַרויף. און, פּרעציזער געוערדט, בנוגע דעם מענטש: איז די גראַוויטירונג — דער יסוד פון זיין גאַנצער פיזישער און גייסטיקער עקזיסטענץ. אַזוי גוט, ווי אַף איר זענען באַזירט אַלע זיינע פ י ז י ש ע באַוועגונגען: אַף דעם ג ע וו ע כ ט פון זיינע גלידער און פון זיין בלוט; וואָס יעדע פיזישע באַוועגונג זיינע איז — קעגן דעם אַ ווידערשטאַנד; און אין אַ עווענטועלן פאַל פון

---

און, במילאַ, איצט, אַף איר העכסטן זעניט־שטאַפּל, בלייבט איר, דער היינטצייטיקער געזעלשאַפט, בלויז דער איינציקער פאַטאַלער אויסגאַנג: אַף דעם אַפּאַגיי־שפּיץ פון איר תפיסה־זיגל — צו נעמען פאַרקערן דעם וועג, צוריק צו בראשית...

ניין; ווי אין גאַנצן אוניווערס, (דעם אומאָרגאַנישן,) האַלט אָן די אַנטוויקלונג, (אין געראַנגל צווישן די טענדענצן — פון סטאַטיק און דינאַמיק א. אַ. וו.) — שטענדיק, סינטעטיש, א י ן פ אָ ר ו י ס, צ ו ד ע ר א ו מ ע נ ד ל ע כ ק יי ט , — אַקוראַט אַזוי, גייט אָן די אַנטוויקלונג — אין דער ביאָלאָגיע; און אין איר העכסטן אויסדרוק, אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; וועלכע, (ווי דערמאָנט פריער,) שפּיגלט אָפּ און געשטאַלטיקט אין זיך, אין איר סאָציאַלער פאָרם פון קלאַסן־קאַמף — דעם אייביקן ביאָלאָגיש־אוניווערסאַלן געראַנגל: צווישן די טענדענצן פון ירושה־גראַוויטאַציע, (בורזשואַזיע,) און צופּאַסונג צו דער אויפגייענדער נייער עקאָנאָמישער ספער, (פּראָלעטאַריאַט.) דאַרום, איז זי נישט, באַין־אופן, דער העכסטער אויכדרוק פון סאָציאַל־מענטשלעכער אַנטוויקלונג; נייערט, (ווי אין אַלץ, אין דער ביאָלאָגיע, אין איר אייביקן אוניווערסאַלן אומענדלעכן גאַנג אין פאָרויס,) אַ שטאַפּל בלויז, (ווי דערמאָנט, אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין נאַטירלעכן אָפּקלויב,) צו נאָך העכער: צו אַ נייער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער ק ל אַ ס נ ל אָ ז ע ר פאָרם; אין וועלכער די (אַלגעמיינע קאָלעקטיווע פון דער פאַרשוואונדענער קלאַסן־געזעלשאַפט) גראַוויטיר־און־שוואונג־טענדענצן וועלן ווערן דערזעצט־סובסטיטואירט — דורך דער אינסטינקטיווער האָריזאָנטאַלער ירושה־גראַוויטאַציע, און ווערטיקאַלן אינטעלעקט־שוואונג, אין יעדן אינדיוויד, (שפּעטער — געניער;) אין יעדן פרייען, עקאָנאָמיש־דערלייזטן מענטש פון דער נייער וועלט. וועלכער וועט, דאַן, אין זיין ניי קעניגרייך, פון פרייהייט, (נאָכן האָבן אַרויס, און איבערגעריסן פולשטענדיק, און אַף אייביק, מיט דעם אַנימאַלישן שטאַנד פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ,) זיך־שטעלן — אַ מאַיעסטעטיש־פרייער רעוואָלוציאָנערער אומאַנטשראָקענער קעמפער — פּנים־צו־פּנים מיטן אומבאַוואוסטן; אין דרייסטסטן ווערטיקאַלן פאַרמעסט: — אַרונטערצורייסן דעם שלייער פון אַלץ; און לאָזן אויפגיין, פון אַצינד און ווייטער, וו י ר ק ל ע ך ־ א ו מ ע נ ד ־ ל ע ך — ד ע ם. וועלכער איז דאָס אַזוי, באַנאַנד מיט דעם זיין, זינט אייביק: דעם מענטש!

אַ נ ג ו ל י ר ן די גראַוויטאַציע, (נישט — נייטראַליזירן, נאָר — זי באַזייטיקן פולשטענדיק: ווי, למשל, אים אַרויסהויבן אינגאַנצן אויסער־האַלב דער ערד־גראַוויטאַציע, און אים לאָזן הענגען אין אַ צווישן־פּלאַ־נעטאַרן גראַוויטירלאָזן צושטאַנד,) וואָלטן גלייך אין אים אויפגעהערט אַלע זיינע פיזישע פונקציעס; און ער וואָלט געמוזט דאָרט נעמען פּראָ־דוצירן, אומפאַרזאַמט, (דורכן פאַרקער אַרום זיך גופא,) אַ נייע קינסט־לעכע סובסטיטוט־גראַוויטאַציע, אַלס אויסגאַנג־פונקט פאַר דעם פאָרזעץ פון זיינע פיזישע פונקציעס, אין עקזיסטענץ, — אַקוראַט אַזוי, זענען זיי־נע ג ײ ס ט י ק ע פונקציעס — הויפּטזאַכלעך, די באַוועגונגען פון זיין מאַרך־אינטעלעקט, באַזירט: נישט נאָר אַף דער גראַוויטאַציע פוּ־נעם בלוט, נאָר אויך אַף דער גראַוויטירונג פון די קאָליר־פענאָמען־סענ־סאַציעס, וועלכע שטראָמען צו אים צו, נאָכאַנאַנד, אויס די חושים. אָן דעם געוועכט (דער דערנערונג) פון די קאָליר־פענאָמענס, פאַרלירט באַלד דער מאַרך־אינטעלעקט זיין יעטוועדן זין; און ער בלייבט — הויל, זיב־לאָז...

דאָס געשעט צו אים, ווען דער מענטש נעמט אַריבערוואַנדערן — פון אַלטע, צו נייע היימען. שוין בעת דער רייזע איבער ימים, אין פאַר־בייפאָר דורך פרעמדע לענדער, ווערט ער געשטעלט, גייסטיק, אין אַ בלינדער קאָלירלאָזער אויסער־גראַוויטיר־ספער — פון זיין (סאָציאַל־צווי־מענדער) היים; און דאָס נעמט אָפּ כמעט דעם זין, דעם געוועכט, דעם ערנסט פון זיין יעטוועדן געדאַנק. און זאָגאַר, ווען ער טוט נאָך, אין ווײ־טער וויזיע, אין דמיון, ד אָ ך אַרויסזעען, אין נעפּל, די קאָליר־ביל־דער־פענאָמענס פון זיין היים, — זענען דאָס אָבער — נאָר א י ל ו ז י ע ס פון גראַוויטאַציע; וועלכע זענען, באין־אופן, נישט אומשטאַנד צו דערזעצן — זי אַליין...; און ער, דער אומפאַראַנטוואָרטלעכער אויס־געוואָרצלטער מאַן, אונטערוועגנס, ווערט, דאַרום, מסוגל — אַף דעם זינלאָזסטן...

און ווען אַפילו, שפּעטער, ער גרייכט שוין אין ערגעץ, צו אַ נייער פעסטער סטאַבילער היים, צו אַ סאָציאַלן ישוב; וואו ער פאַרבלייבט; עס הערט־אויף זיין שווינדל־וואַנדער; ער זוכט זיך דאָרט איינצואוואָרצ־לען, — וועט נאָך אָבער מוזן אַריבער זייער־אַ לאַנגע צייט, (מעגלעך — אַ לעבן אַ גאַנץ; און באַ אַנדערע, געניגט אַפילו דאָס אויך נישט — באַ זיי אַליין; נייערט, אפשר, ערשט — באַ זייער נאָכוואוקס, —) ביז זיין וואָרצל וועט זיך דאָרט אָננעמען; דאָס הייסט, ביז זיין אויסגעליידיקט־געבליבענער און זינלאָז־געוואָרענער גייסט וועט זיך באַנייס נעמען אָנזאַפּן דערנערן מיט פרישן געוועכט פון נייע אייגן־געוואָרענע קאָליר־פענאָמען־סענסאַציעס; וואָס וועלן אים נעמען גראַוויטירן אַף אַראָפּ, — אום אַז ער, דער מאַרך־אינטעלעקט אין ווידערשטאַנד, זאָל ערשט נעמען דער־

שפירן: ווי ער טוט צוריקבאַקומען זיינע קרעפטן, זיין זין; און ער נעמט דרענגען באַנייס צו באַפרייונג, צו דערהויבונג, אין שוואונג־פלי צום העכסטן זיין...

ד) דער גערשנגל אין אונזער געמיט צווישן דער אינטעלעקטועלער ווערטיקאַלער ליניע, און דער עמאָטיוו־האָריזאָנטאַלער, האַלט אָן נאָכ־אַנאַנד; און ער פּרעזענטירט זיך אַף דער שוישפּיל־אַרענע פון אונזער לעבן — אין דער פאָרם פון טוישונגען פון די קעגנגעזעצטע סוביעקטן: ווי גישט־איינצומאַטערן עמיצן, אַ צושויער, (ווייאס קומט זיך פאַרווילן, באַם באַאָבאַכטן אונזער לעבנס־טראַגי־קאָמעדיע,) — מיט דער איינטאָ־ניקייט פון א יי ן אַספּעקט בלויז פון אָט דער דו־פּרצופּימדיקער מענטשלעכער טאָפּל־שפּיל. דאַרום, ווען עס נעמט איינמאַטערן צופיל, מיט זיין אילוזיע־שפּיל, דער ווערטיקאַלער אַרלעקין־זשאָנגליאָר, (וועל־כער קומט־אויף, געוויינלעך, באַ טאָג־ליכט, —) אַזוי נעמט ער גלייך, (ווי אַף עמיצנס, אָן אומגעזעענעם־דיריגענטס, באַפעל,) אָפּבלייכן, אָפּ־גיין אין ערגעץ, אין נאַכט־שאָטן; ווי אַף אָפּרו; און אויס דאָרט טאַקע, נעמט אויך באַלד אויפקומען אַף דער אַרענע — דער פאַרקיילעכטער האָ־ריזאָנטאַלער נאַכט־אַקטיאָר; וועלכער טרעט־צו, ערשט, (אַ פריש־אויסגערו־טער — אַ מחיה,) אויפצואוויקלען, מיט ברען, די פולע ראַשיקע פּראַכט־וויזיע פון זיין אומאָפּהאַלטלעכן כישוף־שוואונג, העט, צום סאַמע־אוממעג־לעכסטן... נאַטירלעך: אַז אַזוי נאָר — ביז טאָג; ווען עס טוישן זיך באַנייס די דעקאָראַציעס און, באַנאַנד מיטדערמיט, במילא, אויך די שפּילער... און אַזוי, אָן אויפהער; וחוזר חלילה... איינס אָבער איז קלאָר: אַז איטלעכער אַקטיאָר איז באַרופן: צו בלייבן אייביק טריי — אויסדריקלעך נאָר זיין ראָל: מיט וועלכער ער איז געבוירן; און מיט איר, זאָל ער פאַרגיין... קוים אָבער זוכן זיך אָפּ עקשנים, וואָס קומען: צו פּרואוון, אַף כוח, ברעכן דעם גדר, — אַזוי געשעט צו זיי — דאָס זעלבע, ווי...

...מיט יענעם יונגן הויפט פון אַ ווילדן שבט: ערגעץ, אין אַ פאַרוואָר־פענעם עק, אין אַזיע; וואוהין עס איז, אַמאָל, אַראָפּגעפאַלן, פון דער ווייַ־טער וועלט, אַן עקספּעדיציע: געבראַכט ליכט... דערווייל, האָט זיך אָנגע־בומען דערמיט — נאָר דער הויפט. אַף אַזוי ווייט, — אַז ווען עס איז גע־קומען די שעה: און יענע עקספּעדיציע־לייט האָבן זיך, ענדלעך, אויפגעהויבן — אַוועק פונדאַרט, צוריקקערן צו דער אייגענער היים, — האָט דער הויפט זיך־אַליין אָנגעגעבן: מיטצוקומען מיט זיי — אין דער וועלט: „...וואו ער וועט, צוערשט, זיך־גופאָ, ווי געהעריק, דורכנעמען מיט ליכט; בכדי אַז, נאָכ־הער, ווען ער וועט זיך שוין האָבן דערשפּירט מיט זיך אַליין — פולשטענ־דיק־זיכער, — וועט ער, גלייך אומפאַרזאָמט, צוריקקערן אַהיים; אָ, כדי צו ברענגען דאָס ליכט פון דער ציוויליזאַציע — פאַר אַלע זיינע אָרעמע ברוי־

דער־נעבעך; צוליב וועמען, אייגנטלעך, ער גייט דאָך אַנלייגן אָט דעם גאַנצינקן וועג...״

און אַזוי האָט ער געהאַנדלט, און געטון; און ער איז געפאָרן; און ער איז געקומען; און ער האָט זיך געזאָמט דאָרט, אין דער וועלט, אַזוי לאַנג, וויפל מע האָט באַדאַרפט; דאָס הייסט, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט און עס איז געווען נויטיק — פאַר זיין פולשטענדיקער באַלויכטונג; און דאַן, אַ גענצלעך־אויפגעקלערטער, (ווי ער, און אַלע, זיינע גלענצנדע לערער, האָבן געגלויבט, נישט־געצווייפלט אַ האָר דעריך, קיינס,) האָט ער, אַ באַלאָדענער מיט אַזויפיל ליכט, — אונטערגענומען זיין טריומפאַלע צוריקרייזע — אַהיים, צו די זייניקע; וועמען ער, נעבעך, (ווי דערמאָנט,) האָט געהאַט איבערגעלאָזן — אָ, אין אַזאַ שרעקלעכער פינצטערניש; אָבער איצט, האָפנטלעך, שוין מער נישט אַף לאַנג...

און עס איז געווען, ווען ער האָט זיך געהאלטן אין דערנעענטערן צו זיין קאַנט; ער האָט גענומען דערזען פאַר זיך — אָ, יענע אַלע היימישע טייערע און אַזוי־טיף־אין־האַרצן־איינגעבאקענע, העט, פון דער סאמע פריעסטער קינדהייט־אָן — קאָלירן, געשטאלטן, געגנטן, פעלדער, וועלדער, בערגלעך, טייכלעך, רוישן, ריזלען; חיות, בהמות, פייגל — רעווען, מרוקען זינגען; מיט איין וואָרט — די היים, — אזוי האָט ער דערשפּירט: „... ווי ער ווערט פאַרפלייצט, מיטיינמאָל, פאַרגאָסן אינגאנצן, אָ, פון קאָכיקע שטראָמען ליבשאַפט רחמנות אָן אַ ברעג — צו זיינע ברידער: וועמען ער קומט, איצט, ענדלעך, אויסלייזן פון אַלע פיינען, באַגליקן; יאָ, אויפריכטן דאָס גאַנצע לעבן זייערס — פונדאָסנ׳יי!...״

נאָר, ווען ער איז שוין געהאַט אָנגעקומען האַרט־נאָענט צום דאָרף פון זיין שבט, — האָט ער פאַרנומען פלוצים אַ פאַרדעכטיקן גערויש, וואָס האָט אים נישט באַדאַרפט זיין פרעמד...; און עס האָט דערלאַנגט מיט אים, דאַן, אַזאַ געפערלעכן טרייסל, — אַזש ער איז קוים געבליבן שטיין אַף זיינע צעוואַקלטע פיס; בלייך, ווי דער טויט: און די צעשראָקענע־צעדולטע בליקן זיינע געוואָרפן, ערשט, אין אַלע זייטן, און פאַר זיך אין פאָרויס; אָ, ווי אייגער, וואָס זעט שוין איין, פאַרצווייפלט: „...ווי קיין רעטונג פאַר אים מער איז אינערגעץ נישטאָ...״ ביז, עס האָט אים אַ ריס־אָפ־געטון פון זיין אָרט; אים דערלאַנגט אַ שליידער, ווי אַ הילפלאָז שפענדל, מיט זיך — ווייטער...; אָ, נעענטער אַלץ — צו יענעם שוידערהאַפטן פלאַץ; אויס וואַנען דער רעטזעלהאַפטער טומל, וועלכער האָט זיך, אין תחילת, צו אים געהאַט דערטראָגן — נישט מער, ווי אַ ווייטער דונער־אָפּהילך, אַלציינס, — האָט זיך, אַצינד, וויי, אַלצמער געשטאַרקט; געוואָרן ווילדער, באַטויבנדער; ווי מיט טויזנט האַמערס פאַראַמאָל געגידערט גענומען קראַכן איבער די צעבלוטיקטע צעשמעטערטע געהירן פון זיין אומגליקלעכן קאָפּ; ערשט, ווען ער איז שוין געהאַט אַרויסגעשמיסן געוואָרן, ענדלעך, צו יענעם אָפענעם קיילעכ־

דיקן אַלט־באַקאַנטן מקום: וואו דער גאַנצער שבט, איצט, איז געווען אויפ־געקליבן; געהאַט אָפּגעריכט גראַד — דעם העכסטן ווילדסטן ריטואַל; גע־האַלטן אין סאַמע־דעליִרישסטן ברען פון וואַנזין־עפּילעפּטישער עקזאַל־טאַציע; געווען גענצלעך־בלינד אַריינגעדרענגט אין זיך; און גאָרנישט מער אַרום נישט־געזען, נישט געשפּירט...

און, אַליין נישט־אָנהויבנדיק צו באַגרייפן, וואָס ער גייט דאָ טון, — האָט ער, (יענער, געווען־פאַרן־שבט־פאַרלאָרענער, און, אַצינד, אומ־געריכט־אָפּגעזוכטער, הויפּט,) גענומען, מיטאַמאָל, רייסן־אַראָפּפּליקן פון זיין לייב — די קליידער, וואָס ער האָט געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך, פון דער וועלט; ביז, ער האָט עס, ענדלעך, דערגרייכט; און, אַ האַלב־נאַקעטער, (ווי אַלע, דאָ,) אַ גענצלעך־באַרוישטער, אַ מטורפער, אָ, אַן אויסגעלעכצטער אויסגעבענקטער צו זיינס, ביז לעצט, און ערשט־פּלוצים, ווי אַ צעוועקטער פון אַ לעטאַרגישער עפּילעפּסיע־גלייך, — האָט ער — ווילדער, באַהעפטער צו דער בלינדער סטיכיע, ווי קיינ־מאָל, ביז איצט, אַריינגעטאַנצט אין דעם סאַמע האַרץ־געדיכטעניש פון דער אייביקער היים־אָרגיע; און ווידער, ווי דער אַלט־יונגער הויפּט פון דעם שבט, ווי זיין שטענדיקער האַר, — גענומען באַנייס ווערן פאַר אים — זיין וועגווייזער, ווי געווען...

ה) ווען אונזער געמיט ווערט מיד פון קלאָרקייט און אויפקלערונג, וואָס פירט אַרויס דאָס טיפסטע האָריזאָנטאַלע וואָרעם־עמאָטיווע אי־לוזיע־געהיימניש — צו דעם אינטעלעקטועל־ווערטיקאַלן אויבנויף פון דרויסן, — נעמען מיר זוכן: אַלץ, באַנייס, ווידער, דערפירן — אַהין, וואוהין מיר לעכצן: צו דער אינטימער סובטילער מיסטעריע.

ו) דער ציל פון דעם וויסן איז: נישט, צו באַווייזן, אַז די דערשיי־נונגען זענען קלאָר, — נאָר, אַז אַלץ איז אומקלאָר; נישט, צו ל יי ז ן די פּראָבלעמען, — נאָר — זיי אַרויסצורוקן, ערשטנס; זיי אויפדעקן; באַווייזן, אַז זיי עקזיסטירן; און דאַן, דערקלערן: אַז זיי זענען אומלייז־באַר; דערפאַר, ווייל — אַלץ, אין דער זיין, איז: אייביקער אומענדלעכער קאַמף — צווישן נישט זיין ־ א ו מ זיין, און נישט זיין־ ז יי ן ; סטאַ־טיק, און דינאַמיק; צענטריפּעטישער אַטראַקציע, און צענטריפוגישער רעפּולסיע; גראַוויטאַציע, און שוואונג; רוים, און צייט; טעזע, און אַנטי־טעזע; און אין דעם מענטש — צווישן דער עמאָטיווער געהאָרכזאַם־האָ־ריזאָנטאַלער ס ו ב י ע ק ט י ו ־ סוביעקטיווער איך־וועלט־ליניע, און דער אינטעלעקטועלער רעבעליש־ווערטיקאַלער אָ ב י ע ק ט י ו ־ סוביעקטיווער איך־וועלט־ליניע; מיט איין וואָרט: צווישן דער גראַווי־טאַציע־טענדענץ פון ירושה־רעפּראָדוקציע און אומקום, און דער שוואונג־טענדענץ צו צופאַסונג און אייביקער באַנייונג.

ז) אין דער טויטער נאַטור זענען פאַקטיש נישטאָ קיין מ י ס־

ט ע ר י ע ן ־ א י ן ־ ז י ך . אַלץ פון דעם אומבאַוואוסטן, וואָס מע האָט נאָר באַוויזן אויפצודעקן, (מאָג דער אַנטדעקער אַליין האָבן געוועזן דער טיפּסטער זשעני, —) ווערט, עס, באַלד דערנאָך, באַקאַנט און אויפגע־קלערט פולשטענדיק — (פאַר יעדן, סאַמע־אָרדינערן, אַבי נאָר גוט־צוגע־גרייטן, מאַן פון קולטור.) דאַקעגן, דער מענטש איז — אַ מ י ס ט ע ר י ע־א י ן ־ ז י ך , לויט זיין גאַנצן מהות פון זיין; און, דורכדעם, וואָס מע דעקט־אויף אין אים אייגע, אָדער אַ אַנדערע אייגנשאַפט, הערט ער אַלץ נישט־אויף צו זיין — דאָס, וואָס ער איז, בעצם, אַלס גאַנצעס: אַ מיס־טעריע־אין־זיך; ווייל, אַזוי איז ער; במילא, וועט ער שוין אַזוי פאַר־בלייבן; און אַלע עווענטועלע אויפדעקונגען אין אים זענען, אַזוי־צו־זאָגן — אויפדעקונגען אין דער מיסטעריע: וואָס, נישט נאָר — זיי וועלן נישט־פאַרמינערן, צי ענדערן איר נאַטור־אייגנשאַפט, אַף קיין האָר, — נייערט, זיי וועלן זי גאָר, מיטדערמיט, נאָכמער פאַרשטאַרקערן און פאַר־שענערן.

עס איז, בדרך־משל, פונקט דאָס אייגענע: ווי מע וואָלט לאָקאַלי־זירט, אַ שטייגער, אין אַ געוויסן באָדן — גאָלד; און נאָכהער, עס אויס־געגראָבן; נו, וועט עס, איצט, נאַטירלעך, נאָך דער אויסגראָבונג — עס מיינט, אויפדעקונג — אַלץ פאַרבלייבן ג אָ ל ד , ווי געוועזן...

און גענוי דאָס זעלבע געשעט צום מענטש; וועלכער טראָגט די מיסטעריע אין דעם אינטימסטן מהות פון זיין זיין; און ער טוט זי אויסשטראַלן פון זיך — אומעטום, וואו ער שטעלט נאָר אָן זיין בליק, אַזוי, צום ביישפּיל, וועט ער דערבליקן אין דער אומקלאָרער ווייטקייט — דעם האָריזאָנטאַלן מיראַזש; איז, הגם, ווי נאָר ער וועט האָבן ביי־געקומען דעם שטח, וואָס האָט אים געהאַט אָפּגעטיילט פון יענעם פונקט, און די ווייטקייט צו נאָענטקייט באַקערט — וועט דער כישופדיקער האָ־ריזאָנטאַלער מיראַזש, די זעונג, די אילוזיע, גלייך ווערן פון דאָרט אָפּ־געטון, פאַרשוואונדן, — נאָר, צי מיינט דאָס דען, אַז ער האָט פריער געמאַכט אַ טעות? ניין, בשום־אופן נישט; וואָרום, איצט, וועט זיין גע־נוג, אַז ער זאָל אָנשטעלן דעם בליק — אויס דאָרט, צו אַ נייער ווייט־קייט, א י ן פ אָ ר ו י ס , אָדער — צוריק אַ ה י נ צ ו , דאָס הייסט, צום פונקט, וואו ער האָט זיך, צוערשט, באַלד פונעם אָנהויב, גע־האַט געפונען, (נאָענט, און דאָרט גאָרנישט געזען) און איצט, מיט דעם, וואָס ער איז פון דאָרט אַוועק, אים גענומען, (דעם פונקט,) און באַקערט צו ווייט, — אַזוי, וועט ער גלייך, (אין ביידע פאַלן,) אַצינד, דאָרט דערזעען, ווידער, אויפטויכן, אין רייצנדן אומווידערשטייליכן צויבער — אָ, די געהאַט־פאַרשוואונדענע האָריזאָנטאַלע אילוזיע; ווי אָנזאָגנדיק: — אַז זי עקזיסטירט; זי האָט, איין רגע אפילו, נישט־אויפגעהערט זיין; נאָר, דאָס האָט זי זיך בלויז אַריבערגעטראָגן — פון איין פונקט, צו אַ

צווייטן; אום ווייטער צו רופן, מאַגיען צו זיך, אָן אויפהער, ווייל זי, אַלס מיסטעריע־אילוזיע, קאָן נאָר ווערן דערבליקט פון מענטש — אין דער אומקלאָרער ווייט; דאָרט, וואו עס איז נישט שולט, עס שטערט גישט — א י ם, (און עס צעשטערט נישט איר,) — זיין וואַכער קלאָרער זעען פון ווערטיקאַלן געדאַנק; ווייל, זי, די האָריזאָנטאַלע מיס־טעריע, שלאָגט — אויס אַ טיפערע־ספער, א י ן א י ם ג ו פ אָ, אין דעם מענטש; זי איז — זיינע אָן אויסשטראַלונג; ווייל זי איז — ע ר אַ ל יי ן, אין זיין אינטימסטן זיין. זי הויבט אָן — דאָרט, וואו עס הערט־אויף — ווערטיקאַלער געדאַנק, ווייל ער, קלאָרער אינטעלעקט, וועלכער קאָן איר נישט באַנעמען, — נעגירט אינגאַנצן איר קיום־זיין... אַזוי לאַנג, — ביז ער נעמט, ענדלעך, ווערן מיד — פון אייגענער קלאָר־קייט; אַליין, לעכצן צו אילוזיע... דאַן, טרעט ער אָפּ דעם אויבנאָן — צום געפיל־צאַפּל, אין אונזער געמיט; וועלכעס נעמט, ערשט, אויפדעקן־רע־ווערן — איין מיראַזש־צויבער, נאָכן אַנדערן — אין אונזערע אומענד־לעך־ווייטע טיפעניש; פּרעזענטירנדיק, אין דעם, די מענטש־מיסטעריע — אַזוי איבעראַשנד־רייצנד־אויפגעלויכטן, ווי קיינמאָל, ביז איצט, אין דעם זיין...

ח) עטוואָס — וועגן דער אָביעקטיוויטעט: זי, די אינטעלעקטועלע אָביעקטיוויטעט, איז געבונדן, משועבד — צו זיך אַליין, צו דער אייגע־נער אייגנשאַפט, תכונה; זי, מ ו ז זיין — אָביעקטיוו; זי קאָן נישט — אַנדערש; זי איז נישט — פריי; זי האָט נישט, אויס וואָס אויס־צואוויילן; במילא, איז זי — בלינד, סוביעקטיוו; וואָס מיינט: אַז זי איז — נישטאָ...

אַלציינס, ווי די גאָטהייט: וועלכע איז משועבד — צו דער אייגענער פולקאָמענהייט; זי מ ו ז זיין — אייביק; זי מ ו ז זיין — פולקאָם; ווייל, באַ איר, דער גאָטהייט — ק ע נ ע ן נישט־זיין, מיינט, אין העכערן פילאָזאָפישן זין — נ י ש ט ־ ז יי ן ... נו, און ווי־באַלד — מ ו ז, — איז זי נישט — פריי; איז זי נישט — פולקאָם; וואָס מיינט: אַז זי איז אינגאַנצן, אַלס אַזעלכע — נישטאָ...

און ווי עס וויל האָבן וו., מיט זיין באַרימטן פילאָזאָפישן שטיין: אויב די איינציקע גאָטהייט איז ביכולת צו טון אַלץ, (ווייל, אינקעגנטייל, איז זי דאָך נישט — פולקאָם, געטלעך, אַלמעגלעך,) — איז דאָך קלאָר דערפון: אַז זי קאָן באַשאַפן, לעבן זיך — נאָך אַזאַ, ווי זי. אָבער, אין אַזאַ פאַל, איז זי דאָך שוין מער נישט — איינציק; במילא, נישט־מער — געטלעך.

ט) דער מענטש; וועלכער דענקט אָביעקטיוו, מיט זיין ווערטיקאַלן אינטעלעקט, און ער פילט סוביעקטיוו, מיט זיין האָריזאָנטאַלער עמאָציע, — הערט, ענדלעך, אויף צו באַנעמען: ווער ער אַליין איז — דער

כלומרשט־דריטער נייטראַלער פ ר יי ע ר צד, נישט־אָביעקטיוו, נישט־סוביעקטיוו, וואָס האָט אויסצואוויילן צווישן ביידן?! ווייל, עס איז דאָך קלאָר: אַז פונקט ווי די עמאָציע אין דעם מענטש איז נישט פריי, ווייל זי איז משועבד — צ ו ם ס ו ב י ע ק ט י ו ו, — אַקוראַט אַזוי, איז דער אינטעלעקט אין דעם מענטש — אויך נישט־פריי, ווייל ער איז משועבד (ער קאָן נישט אַנדערש, ער מוז נ אָ ר א ז ו י זעען.) צ ו ם אָ ב י ע ק ט י ו ו ; פריי קאָן נאָר זיין — דער מענטש גופא, דער דריטער צד, די אַזויגערופענע נייטראַלע דריטע פאָזיציע, וועלכע איז — נישט־אָביעקטיוו, נישט־סוביעקטיוו, נייערט — לגמרי עפּעס אַנדערש... איז, ערשטנס: ווי קען מען זיך גאָר אַזאַ (דריטע) פּאָזיציע פאָרשטעלן? צווייטנס: וואו געפינט זיך, קאָנקרעט, איר אוביקאַציע אינעם מענטש? און דריטנס: ווער איז עס ד ע ר אין דעם מענטש, וואָס טראַכט דאָס אַלץ?.. און אויב דאָס איז — דער אָביעקטיווער געדאַנק, — אַזוי טוט ער דאָך צעשטערן אָפּפרעגן — דעם ווערט פון זיין אייגענעם באַרוף: צו קענען זאַכן באַנעמען ראַיעל? איז, ערשט, אין אַזאַ פאַל, טאָ, באַ וואָס פאַרבלייבט ער אינגאַנצן?!.

און מע מוז, דאַרום, קומען צום שלוס, (ווידעראַמאָל — ו ע ר ?!.):
אַז דער מענטש גופאַ איז בלויז — אַזאַ דאָפּלטער (סוביעקטיווער, און אָביעקטיווער) באַאָבאַכט־אינסטרומענט, (טעלעסקאָפּ); וואָס ווערט אַריינגעשליידערט אין דעם זיין — דורך עמיצן; וועלכער אָבסערווירט, דורך דעם אינסטרומענט — דאָס, וואָס ער באַדאַרף, און ער האַלט פאַר נויטיק — פאַר זיך... אָט, וואָס עס איז דער עיקר. דאַקעגן, דער מענטש אַליין, אַן־און־פאַר־זיך, מיט זיין כלומרשט ־ א יי ג ן בלוטיק לעבן, קאַמף פאַר צילן, אומאָפּהענגיקייט און פיין, — איז גאַרנישט ווערט; איז נישט בנמצאָ אַפילו; איז — אויסדאַכטעניש בלויז; ריינע אילוזיע... עס איז זיין לעבן — נישט מער, ווי אַ מעדיום־פּראָבע, פאַר יענעם אומבאַוואוסטן באָאָבאַכטער... ער עקזיסטירט, דאַרום, דער מענטש־אינסטרומענט, אַזוי לאַנג, — כל־זמן ער דינט — י ע נ ע ם , צו זיין העכערן עקספּערימענטאַלן ציל... ביז, דער אינסטרומענט נעמט ווערן, פריער צי שפּעטער, אָפּגענוצט, זיך־ברעכן אין זיין ענגראַנאַזש, פאַרלירן ציין, פּרעציזיקייט; מיט איין וואָרט: ער הערט־אויף צו דינען, — און מע ציט אים גלייך צוריק, אומפאַרזאַמט, אין ברוכוואַרג...

נו, און דער מענטש אַליין, דער לעבעדיקער, בלוט־צאַפּלענדער, קומט פאַר: ווי אַ פאַרמשפּטער צום טויט, פון געבוירנשאַפט־אָן; וועלכער קומט־אָפּ, צוערשט, די לעבנסלענגלעכע תפיסה; וואו ער אַרבעט־אָפּ קאַטאָרגע — פאַר דעם אומבאַקאַנטן האַר; ביז, עס שלאָגט, ענדלעך, די דערלייזערישע שעה פון זיין היגריכטונג...

ווי מע זעט: טיפער, געטלעכער (און, דער עיקרשט — ג ע ר ע כ ט ע ר ) זין...

יאָ, און אַזוי גוט, ווי עס איז דער גורל פון איינצלנעם מענטש, — איז ער נישט מחויב צו זיין אַנדערש — באַ גאַנצע פעלקער, צי דורות אַפילו, פון דער מענטשהייט. אָט ווערט אַרויפגעבראַכט אַף דער היסטאָרישער וועלט־אַרענע — אַ פאָלק, (און דאָס אייגענע געשעט, אין פאַל פון אַ דור;): עס זאָל נעמען שפילן (פאַר עמיצן, אַ אומגעזעענעם, וועלכער אָבסערווירט אָבער, עקספּערימענטירט, אָן אויפהער, אויפמערקזאַם,) אַ געוויסע ראָל; איז, מאָג עס אָפּגיין, דערביי, (עליי, ווי אין אַ וויסנשאַפטלעכער לאַבאָראַטאָריע, אַלציינס,) אין בלוט, אין שוידערהאַפטער פיין, — איז דאָס אַלץ מינדערוויכטיק, אומבאַדייטנד; עליי, ווי עס וואָלט גאָר נישט־פאָרגעקומען אינגאַנצן. — דער עקספּערימענט, און זיין אויסגאַנג, (דאָס מיינט: אויסגעפינען עטוואָס־נייס, אָריגינעלעס, רעוועלאַציע־איבערראַשנדיקס, שוואונג־רעוואָלוציאָנערעס — אין דעם תוך פון זיין, און עס באַווייזן אַרויסצוהויבן צו פאָרם, —) אָט, וואָס עס איז — דער איינציקער עיקר... אַזוי לאַנג, — ביז דער עקספּערימענט ווערט, (אַזוי, צי אַנדערש, דאָס הייסט — מיט, אָדער אָן דערפאָלג,) פאַרענדיקט; און יענץ פאָלק — אַלט, דערשעפּט, אָפּגעלעבט, אָפּגענוצט, — מוז אַראָפּ פון דער סצענע, גיין אין ניוועץ, פאַרשווינדן, ((פון אויבנאָן; פון דעם געפּעכט־פּלאַץ, אין דעם לעבן; וואָס מיינט פאַר ד ע ם פאָלק — אַפילו מיט זיין ווי ט ע ר ד י ק ן , (אומאָריגינעלן, באַנאַלן, זיךבלויז־ווידערהאָלנדן,) ק י ו ם — דאָס זעלבע, ווי דער טויט.)) פאַרפאַלן. אַזוי, איז דער גזר פון די געטער. עס דאַרף לאָזן, איצט, פריי די אַרענע — פאַר דעם אויפמאַרש פון אַנדערע...1) טאָ, זאָל זיך עס אונטערגעבן. ווייל, קיין שום אָדלער, דער מעכטיקסטער אַפילו, קאָן קיינ־

---

1) פונקט ווי עס געשעט אַמאָל אויך, אַז די אַרענע בלייבט אַפילו, אַ צייט לאַנג דערנאָך, אינגאַנצן ליידיק: אָט די אַזויגערופענע היסטאָרישע נאַכט־פּעריאָדן; ווען דער מענטשהייטלעכער גייסט, מיד־דערשעפּט, נאָך ריזיקע אָנשטרענגונגען, פאַלט אַריין אין אַ לאַנגן לעטאַרגיע־שלאָף, וואָס דאַרף ווערן פאַר אים — אויסרוענד דערפרישנד — פאַר נייע פאַרשטייענדע גראַנדיעזע ספּעקטאַקלען...

בדרך כלל אָבער, איז די סצענע תמיד באַזעצט: ווייל עס טוישן זיך אַף איר די פעלקער־ספּעקטאַקלען פון אינטעלעקטועלע, צי עמאָציאָנעלע כאַראַקטער־ראָלן; אַזוי, אַז בעת עמאָציאָנעלע אויפפירונגען, (סיי פון אַלטע אָפּגעלעבטע דעקאַדענטישע פעלקער, סיי פון כאַראַקטער־עמאָציאָנעלע פעלקער־בעצם,) ווערט געשטאַרקט, אין אָפּרו, און דערפרישט — דער אינטעלעקטועלער שטראָם אין מענטשהייטלעכן גייסט; באַרייט, ווידער, צו באַנייטן אָריגינעלן רעוואָלוציאָנערן שוואונג, (נאַטירלעך, אין געשטאַלטונג פון נייע פעלקער,) אַף דער היסטאָרישער וועלט־סצענע פון לעבן.

מאָל נישט־דערלאַנגגען העכער פון דער קראַפט פון זיינע אייגענע פליגל; (דאָס הייסט, אָנגעמאָסטן — לויט זיינע כוחות נאָך;) פון ז יי ן א יי־ג ע נ ע ם מ ע ג ל ע כ ן אַפּאָגיי; וועלכן, (אָט דעם אייגענעם אַפּאָ־גיי,) ד אָ ס פאָלק, אַ וודאַי, האָט שוין דערגרייכט; הייגט, טאָ: וואָס נאָך קאָן זיך עס ווינטשן? וויבאַלד אַז, ווי באַוואוסט, אַ פויגל פליט, בכלל, נאָר אַזוי לאַנג, — כל־זמן עס טוט אים בריען אונטער די פליגל; און דאָ, באַ ד ע ם פאַל, האָט שוין דאָס לאַנג אויפגעהערט?..

דאַרום, איצט, ווידער, קוים וועט יענץ פאָלק, דאָס אַלט־געוואָרענע, דאָס אָפּגעדינטע, און אויסגעשפּילטע, וואָס האָט שוין לאַנג באַדאַרפט פון דער סצענע אַראָפּ, — וועט זיך נעמען מאַכן לעכערלעך; נישט־פאַר־נעמען דעם רוף פון זיין גורל; און פרוואון: אָדער — פאַרבלייבן; אָדער, (אויב עס איז שוין געוועזן אַראָפּ,) באַנייס, (א ו ן נ י ש ט א י ן צ יי ט, א ו מ ג ע ר ו פ ן ,) אַרויפקריכן פאַיאַצעווען אַף דער וועלט־אַרענע פון דער געשיכטע, — דאַן, נאַטירלעך, וועט, זייער־שנעל, פאַר יעדן ווערן קלאָר: אַז נישט קיין נייס־רעוואָלוציאָנערעס וועט, איצט, דאָס מת־פאָלק וועלן ברענגען מיט זיך, — נייערט — טויט־עקל און שימל; די גראַוויטיר־לערע פון אומקום; און אַ וודאַי, מיט דעם איינציקן (פאַר ד ע ם אַליין, געהיימען ציל,): אום, נאָך־שטאַרקער, קרעפטיקער, באַ־לעבן, דערמוטיקן — די שוואונג־פּאָטענץ פון נייעם מעכטיקן יונגן אָ ד ל ע ר ־ פ אָ ל ק אין אויפגאַנג, אין איבערראַשנדן שטוינענד־רע־וואָלוציאָנערן אויפשוואונג, אַף דער היסטאָריש־אוניווערסאַלער גורל־אַרענע; אָ, וואו, (מע מאָג זיין זיכער דערין,) דער פאַטאַלער צוזאַמענ־טרעף מיטן אַלטן אָפּפאַל וועט, איצט, אויספאַלן — קורץ און אַנטשיידנד; אום, גאָר אינגיכן, זאָל די פולע אָרענע בלייבן פריי — פאַר דעם, וואָס איז, ערשט, ווירקלעך, פריי און ניי — אין זיין גורל־גאַנג אין דעם זיין...

י) דאָס וויסן פאַר דער בעסטיאַליש־הכנעהדיק־האָריזאָנטאַלער מאַ־סע דאַרף קומען געאָרדנט, ווי אין אַ פאַמיליע־בונד: אָנשטענדיק; אייך חברטע — פאַר דעם גאַנצן לעבן; אינקעגנטייל: הייגט — איינע, מאָרגן — אַ אַנדערע, — ווערט — אַ וואַקכאַנאַליע, אַזוי אויך, דאַרף קומען: א יי ן א י ד יי ע, פאַר אַ דור אַ גאַנצן — צום פאַרדייעז און דעגע־נערירן, דאַקעגן, דאָס פיל־וויסן איז פאַר דער מאַסע — אוממאָראַליש; איר דורשט צו דעם שלאָגט — אויס דעם זעלבן מקור, פונוואַנען עס טרייבט איר היידנישער האָריזאָנטאַלער פיר־פיסיקער דראַנג — צו פיל־

---

עס דאַרף דאָ אָבער ווערן באַמערקט: אַז פרעציזער וואָלט געווען, (אין אַנקלאַנג מיט דער היינטצייטיקער היסטאָרישער א י ב ע ר ש י כ ט־ל ע כ ע ר באַלויכטונג,) צו פאַרטוישן דעם פאַרעלטערטן טערמין — פ ע ל ק ע ר — אַף — ד ו ר ו ת, ש י כ ט ן, צי גאָר — ק ל אַ ס ן...

ווייבערייִ, פיל־בעסטיע־געטער; און עס האָט געמוזט קומען פאַר איר — די צוים פון דער מאָדערנער רעליגיע פון — איין ווייב, איין גאָט; עס מיינט, פון איין וויסן...; ווייל, מע דאַרף צוגיבן: אַז, הגם די רעליגיע קאָן זיך זיין — יאָ־ציִ־נישט־אמת — אָביעקטיוו, — איז זי אָבער — דער אייביקער ס ו ב י ע ק ט י וו ע ר אמת, פאַר דער עמאָציאָנעלער מאַסע; וועלכע נעמט־אויף אַזוי־אויף — דאָס וויסן: וידע אָדם וכ"ו...

דאַקעגן, זיי, די אויסדערוויילטע פון גייסט, די באַצייכנטע פאַר דעם — דורך דער פאַטאַליטעט, — מוזן אַ ל ץ פאָרשן־דערגיין, אַ ל ץ וויסן־געניסן. נאַטירלעך, אין דער העכערער לויטערער ספער פון אינ־דיווידועלן (רעבעליש־אינטעלעקטועל־ווערטיקאַלן) גייסט־שוואונג. דער־פאַר אָבער, אין דער איינפאַכער מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר קאָנדיציע פון סאָציאַלן מיטלעבן אין דער עדה, מוזן זיי גילטן פאַר דער מאַסע — אַלס ווי דער מוסטער פון מאָראַל.

יא) געוויינלעך, כאַפּן־זיך צו ענטפערן יענע, וועלכע האָבן נישט — וואָס. דאַקעגן, די, וואָס קענען יאָ ענטפערן, — שווייגן, געוויינלעך, אָפּ: ווייל, עס לוינט נישט; עס איז — אומזיסט, אַרויסגעוואָרפן... און דאָס איז — זייער ענטפער.

בכלל, רעדן מיט ווערטער — די יעניקע, (די מאַסע,) וועלכע האָבן נישט, וואָס צו זאָגן. דאַקעגן, די, וואָס ווייסן, — רעדן, מיט זייער שווייגן: — אָ, צוליב־וואָס — די רייד? צו וועמען?!.

יב) די מאַמע־ערד, (די האָריזאָנטאַל־עמאָטיווע מאַסע,) פאַרהאַלט זיך גלייכגילטיק־אומדיפערענט, אָדער, ריכטיקער, זי איז — אַבסאָלוט־אָפּוועזנד — פון אַלע אונזערע איידעלע אידעאַלע אינטעלעקטועל־ווער־טיקאַלע שפּעקולאַציעס־זאָרגן. וועגן ערע, מאָראַל, א. אַ. וו.; און זי בלייבט, במילא, אייז־קאַלט, להלוטין־פרעמד צו יענער גאַנצער שוידער־לעכער פּיין, וואָס דאָס אַלץ טוט גורם־זיין פאַר אונזער געמיט.

זי, די מאַמע־ערד, די מאַסע, די פרוי, דאָס לייב פון דער וועלט, איז, מיט איר נאַטור — עכט־פּערפעקט־פּערווערז־פּראָסטיטואירט. זי גיט זיך, גערן, (אומגעפרעגט, אומגערעכנט מיט אונזער מענטשלעכער זעל, מיט אונזער נאָבל ערנהאַפטע מאָראַליש געמיט,) אַנטקעגן, מיט לוסט, פרייד, גליק, ליבשאַפט, יובל, שיכרות, עקסטאַז — דעם פּאָטענטן אויס־וואורף, וואָס קומט איר פאַרגוואַלטיקן, פאַרשוועכן, שענדן, מגלה־ערוותה־זיין, און, אין זיין ווילדער ברוטאַל־צעיושעטער תאווה, זיך־באָדן אין איר בלוט, איר צעשטערן, פאַרטיליקן; ניין, אין איר טיפער אינטימער צאַפּ־לענדער טראַכט, לעכצט זי אַלץ פרענעטיש־בלינד צו אים; זי גייט אויס נאָך זיין פּיין־לאַסקע; און זי בענטשט אים פאַר אַלץ, וואָס ער טוט אין איר... דאַקעגן, ווערט זי, מיט דער ווילדסטער אַכזריות און גרויזאַמסטער שפּאָט־פאַראַכטונג, אָפּשטויסן פון איר יונג קאָכיק האָניק־לייב — דעם

הייליקן, — אויב ער האָט נאָר דאָס אומפאַרציילעכע מאָנסטעריעז־פאַר־ברעכערישע אומגליק — צו זיין צו איר אַ ב ש יי ל ע ד ־ א י מ פ אָ־ט ע נ ט ...

יאָ, איז, אויך דאָס, (מאָג מען וויסן) — דער טיפער אינערלעכער גאַנג, דער אינטימער זין פון די געשעענישן; די פאַטאַליטעט; מיט איין וואָרט — די אייביקייט...

יג) איר הערט? עס איז ווייט נישט־אויסגעשלאָסן: אַז דער (האַרי־זאָנטאַל־עמאָציאָנעלער) מענטש האָט צוגעשטימט צו שאַפן די (אינטע־לעקטועלע) פאָרם פון אַ געזעלשאַפט, כדי אַז, אונטער דער דעק־שוץ פון — איר כלומרשט צו פאַרטיידיקן, — זאָל ער קענען נאָכקומען, אומגע־שטערט, דאָס הייסט, לעגאַליזירט — זיין געהיימען אייביקן אומפאַרענ־דערלעכן חיהשן דראַנג — צו מאָרד...

יד) דער מענטש האָט נישט אַזוי מורא — פאַר דעם טויט דירעקט, ווי — פאַר ד ע ר ש ר ע ק פאַרן (דאָס ט ר אַ כ ט ן, דאָס זעען, דאָס פאָרשטעלן־זיך, און דאָס פילן) טויט. דערפון — דער זעלבסטמאָרד: כדי אַ סוף־מאַכן צו דער שרעק; און דערפאַר איז די יוגנט, (וועלכע פילט, בכלל, מערער, איידער זי טראַכט, אָבער זי זיצט נאָך פעסט אינעם לעבן, פילט נאָך נישט דעם טויט; ווי אויך די אייביק־יונגע עמאָטיוו־האָריזאָנטאַלע מאַסע, וועלכע טראַכט בכלל נישט,) גרייט, אַזוי־פאַרשי־כורט, אָן שרעק — גיין אַליין דעם טויט אַנטקעגן; ווי אויך שיקן אַנ־דערע — אַף קרייציקונג, דאָס הייסט, צו ו ע ר ן דערמאָרדעט; אָדער טאָקע — צו מאָרד...

טו) די מוטלאָזע פחדנותדיקע מיטלמעסיקע קריכערישע האָריזאָנ־טאַלע עדה האָט תמיד מורא — פאַר דאָס אומגעצוימטע, דאָס אומבאַ־גרעניצטע, דאָס ברייט־און־גרויס־צוגיקע; סיי, ווען עס איז — פאַרברע־כעריש, אָדער אַפילו ווען עס איז — הייליק ;אַלציינס, יאָגט עס אָן אַף איר אַ שרעק, מיטדערמיט — וואָס עס דראָעט אויפצורייצן אין איר גע־מיט: אָדער — די בעסטיע, אָדער — די גאָט־בעסטיע; (די א יי נ ־צ י ק ע — אין סתירה צו דער מאַסאָווער היידנישער, חיהשער סטיכיע פון פ י ל ־ ב ע ס ט י ע ס ־ ג ע ט ע ר ...) וואָס איז, אין ביידע פאַלן — צעשטערעריש פאַר איר רו. זי האָט, דאָרום, געקרייציקט יעזוסן; ווייל, מיט זיין לעבן, האָט ער געדינט פאַר איר, אַלס געפערלעכער משל: אַז יעדער איינער, דער סאַמע־געוויינלעכער מענטש, ווען ער וויל נאָר, איז ער אומשטאַנד זיך־צו־דערהויבן צו גאָט.

טז) יעזוס איז געוואָרן געקרייציקט דורך דער געזעלשאַפט — נישט אַזוי דערפאַר, ווייל ער איז געווען (דאָס זאָגן מ י ר,) העכער, אָדער, (ווי זי האָט געהאַלטן,) נידעריקער פון איר, — נאָר, ווייל ער איז פאָרגעקומען — אַ נ ד ע ר ש פון דער געזעלשאַפט; זיין מוסטער האָט

געמינעוועט איר איינגעשטעלטן לעבנס־סדר; און אַלץ, וואָס אַטענטירט אַף דעם וואולגאַרן שטייגער פון דער (האָריזאָנטאַלער) מיטלמעסיקייט, ווערט דורך אי־ר באַצייכנט, ווי אַ פאַרברעכן.

דאַרום, איז קיינער נישט אַזוי נאָענט (אין פאָטענץ) צו יעזוסן, ווי גראָד דער פאַרברעכער: מיטדערמיט, וואָס ער האָט געהאַט מוט, ער האָט זיך דערוועגט אַרויס פון דער מיטלמעסיקייטס שטייגער־שפּאַן, און נעמען שניידן (לאָז זיין — קרום,) זיין גאַנג — אַנדערש... אַ, נישט־אומזיסט, איז יעזוס געוואָרן געקרייציקט — אינדערמיט, צווישן צוויי פאַרברעכער׳... דאָס איז געווען — די אומזיכטבאַרע האַנט, וואָס האָט אַזוי געטון; דער באַפעל צו אונז — פון דער פאָטאַליטעט: אַז מיר זאָלן (לאָז־זיין — אומבאַוואוסטזיניק; און מיינענדיק אַליין: אַז מיר האַנדלען פריי, און אין אַנקלאַנג מיט א ו נ ז ע ר לאָגישער איבערצייגונג; אָבער, פאַקטיש,) דערפילן — א י ר ווילן; אין אַנקלאַנג — מיט דעם א י נ ע ר ל ע כ ן זין פון די געשעענישן...

יז) אָבער׳, אין דער זעלבער צייט, קאָן עס אויך הייסן: אַז זי, די מענטשלעכע עדה, (הגם פאַר דעם געשעען־פּלוס פון איר דרויסנ־דיקן פלאַכן וואולגאַרן שטייגערישן עמאָציע־באַוואוסטזיין — אומבאַקאַנט; נאַר, דערפאַר, זייער־גוט־געאַנט — אין דער טיפער אינטימיטעט פון איר געמיט; דאָרט, וואו עס פליסט דער א י נ ע ר ל ע כ ע ר פאָטאַלער און, פאַרוואָר, אפשר ־ א יי נ צ י ק ע ר זין פון דעם געשעען,) האָט געקרייציקט יעזוסן — נישט דערפאַר, ווייל זי האָט נ י ש ט ־ ג ע ג ל ו י ב ט אין זיין געטלעכקייט, — נייערט, פאַרקערט — ווייל זי האָט י אָ ־ אין־אים־געגלויבט; און זיך־געשראָקן: אַז דאָס וואולגאַרע מענטשלעכע לעבן וועט אים — אין זיין ב אַ ג ר ע־ניצט מענטשלעך געשטאַלט — אויפפרעסן, צעשטערן; זי האָט אים, דאַ־רום, אומגעבראַכט — מענטשלעך, — כדי אים צו ראַטעווען פאַר זיך — פריי־אומענדלעך־געטלעך, אין דער אייביקייט...

יח) פּרוטה לפּרוטה מצטרפת לחשבון גדול: פון דער גרויסער צאָל אומ־באַדייטנדיקייטן, (איטלעכע מינדערווערטיקייט — באַזונדער,) אין דעם לעבן, לייגט זיך צונויף — דאָס גרויסע, סאַמע־ערנסטע וואָגיקע לעבן אַליין.

יט) „אַ געדאַנק, אַרויסגעבראַכט מיט ווערטער, איז אַ ליגן.״ (וו.): ווייל יעדע אַרויסגעבראַכטע אידייע נעמט גלייך וועלקן. נו, און אַט די אידייע גופאַ, (אַז „אַ געדאַנק א. אַ. וו.״?...)

כ) „אַ געדאַנק, אַרויסגעבראַכט מיט ווערטער, איז — אַ ליגן.״ יאָ, אָבער: פונוואַנען נעמט זיך אין אונז — אַט די נויגונג צו ליגן? געוויס, באַזירט זי זיך — אַף עפּעס אין אונז, וואָס עקזיסטירט. דאָס הייסט: אַז דער ליגן עקזיסטירט, נישט־ווינציקער ווי דער אמת. היינט,

כאַ, פונוואַנען־זשע איז געדרונגען, אַז, אַלס ליגן, איז ער מינדערוויכ־טיקער פונעם אמת? ווער קען עס באַווייזן, בכלל: וואָס עס איז חשובער? בעת יעדער איינער פון זייביידן — דער ווערטיקאַלער אמת, צי דער האָריזאָנטאַלער ליגן — ווייזט אָן אינגאַנצן אַף זיך...

כא) „אַ געדאַנק, אַרויסגעבראַכט מיט ווערטער, איז — אַ ליגן.‟ ווייל, בעת דער פּערפעקטער אינטואיטיוו־אויפגעשלאָגענער ווערטיקאַלער געדאַנק, ווי אַ בליץ, איז — פריי־אָביעקטיוו־קאָלירלאָז־איינציק־אוני־ווערסאַל, — איז דאָס מענטשלעכע עמאָטיוו־האָריזאָנטאַלע וואָרט פון שבעים פאַרשיידנפאַרביקע לשונות — אומפּערפעקט, סוביעקטיוו־קאָ־לירט־געבונדן צו אָרט און שטייגער... אַפילו נישט די עספּעראַנטאָ וואָלט דאָ געקאָנט עפּעס אויפטון: ווייל אַ שפּראַך אַ איינציקע איז — טויט־אַבסטראַקט־קאָלירלאָז; זי אַנטשפּרעכט נישט דער לעבעדיקער מענטש־לעכער קאָנדיציע פון אָרט און שטייגער; במילא, קאָן זי נישט זיין קיין אינטערפּרעטיר־אינסטרומענט־אויסדרוק פונעם געדאַנק, פון דעם אמת — צו ווערן באַנומען דורך דעם מענטש פון לעבן...

איז, גיכער פון אַלץ, שוין גלייכער — אַ קאָמבינירטער אינסטרו־מענט פון אַלע שבעים לשונות פּאַראַמאַל; אַ מין פאַנטאַסטישער קאָנ־צענטראַציע־געפּעכט פון אַלע קעגנגעזעצטע (סוביעקטיווע) קאָלירן; וועל־כע טוען זיך, אין וואונדערלעכן פּרעכטיקן שימער־געריייץ פאַרבן־צע־שפּיל, ניוועלירן; אום עס זאָל קענען אויפשלאָגן, (לאָז זיין — אַף איין רגע כאָטש,) פאַר דעם שטוינענד־אַנגסטלעך־צום־אמת ־ ד אָ ך ־ באַ־גערנדן געמיט פון מענטש — אַ, דער פריי־אָביעקטיווער קאָלירלאָזער איינציק־אוניווערסאַלער געדאַנק...

כב) קיינער שטאַרבט נישט — אין דעם לעבן, איידער ער גייט נישט אונטער, פריער, אין אונזער געמיט; עס הייסט, איידער עס רייפט נישט אָן זיין אומקום, אָט די מעגלעכקייט, דערלאָזבאַרקייט דערצו — אין אונזער זעלישן זיין... קוים ווידער, האָט שוין י אַ אָנגערייפט אין אונזער געמיט זיין טויט, עס הייסט, די מעגלעכקייט און גיהאַדיקייט פון זיין פאַרגיין, — אַזוי, מאָג ער פאַרקומען, אין דעם לעבן, אויגנ־שיינלעך, אין פלוג — אַזוי גלענצנד־שטאַרק, ווי קיינמאָל, — איז זיין אומפאַרמיידלעכער צוזאַמענבראָך און ליקווידירונג — שוין בלויז אַ פראַגע פון צייט; ווייל, פאַר דער וויסנשאַפט, דער קונסט איז ער — באַכדעם ווי זיי האָבן אַף אים אַרויסגעטראָגן זייער גרויזאַמען אומבויג־לעכן אורטייל — טויט.

כג) דאָס גרעסטע ווערק פונעם קינסטלער איז ד אָ ס , צו וועלכן ער האָט געשטרעבט, דאָס גאַנצע לעבן, און דאָך, עס נישט באַוויזן צו שאַפן; אָדער — דאָס לעצטע און נישט ־ געלונגענע ווערק זיינס: אין וועלכן ער נעמט שוין, אין זיין ווערטיקאַל־שוואונגישן מענטשלעכן

דראנג, אַריבער אין האָריזאָנטאַלן אומקרייז־צאַפּל, גיין באַרג־אַראָפּ, נידערן; נישט גאָר — נישט־קענען גרייכן העכער, — גאָר אַפילו זיך נישט קענען דערהאַלטן אויף דער זעלבער הייך, ווי ביז אַצינד, און פּאַלן; דאָס הייסט — ווי דער אָדלער, מיט די מיד־געוואָרענע, צי גאָר איבער־געבראָכענע פליגל, נעמען ווערן — מענטשלעך. פּאַטאַל־טראַגיש; נישט־קענען, צוערשט, (ווי געזאָגט,) פליען העכער פון די אייגענע פליגל; דערלאַנגען העכער פון די אייגענע כוחות; האָבן דערגאַנגען צום מאַקסימום, צום זעניט; און, אַצינד, שוין נישט קענען שטייגן מער; נייערט, זיך נעמען ווידערהאָלן; און נאָכהער, (ווי דערמאָנט,) אַפילו נעמען נידערן... יאָ, איז, אָט די דאָזיקע טראַגיש־מענטשלעכע פּאָזיציע — אַז דו ווילסט האָבן: ווען אַפילו, קינסטלעריש, באַטייט זי, געוויס, אַ ירידה, — איז זי אָבער, ריין־טראַגיש־מענטשלעך־גענומען, אפשר גאָר — די העכסטע!

כד) דער מענטש, די פּרוכט פון אַ שיכורן האָריזאָנטאַלן אילוזיע־טרוים, — קאָן זיך בלויז באַטראַכטן, ווי דאָס טרוים־קינד פון דעם פּאָטער־טרוים; אַ טרוים פון אַ טרוים; אַ טרוים וועגן אַ טרוים; און אַזוי אויך, במילא, בלייבט טרוים, אילוזיע — דאָס אַלץ, וואָס מיט אים פּאַסירט: הן, ווען ער וואַכט; הן, ווען שלאָפט און חלומט. זיין וואָר איז — וואָרע טרוים־אילוזיע פון דער ביאָלאָגיע; וועגן איר אייגענעם טרוים־קיום; וועלכער איז, איינצייטיק, דער אַלץ־קיום אין טרוים.

כה) פּונקט ווי די ראַיעלע געשיכטע פון דער מענטשהייט האָט זיך אָנגעהויבן, פּאַקטיש — ערשט, נאָכן מבול; ווען זי, די מענטש־הייט, האָט, אַזוי צי אנדערש, דאָך באַזיגט די פּאַרעטערישע בעסטיע־געטער, ((וועלכע האָבן, (כלומרשט, אונטערן מאַנטל פון מאָראַל, גאָר, אין דערווירקלעכקייט — אין טויט־שרעק פאַר די אַרויס־גערופענע גייסטער, וועמען זיי קענען מער נישט־באַהערשן; דאָס הייסט, אין פירכטערלעכער אַנגסט פאַר דער אייגענער מיסטעריעזער און פאַר־זיי־אליין־אומפאַרשטענדלעכער ווערטיקאַל־רעבעלישער באַשאַפונג וואָס האָט געבראָכן די הכנעה,) געזוכט — איר צו צעשטערן אויסראָטן, ביז לעצט; דאָס, דאָך נישט־געקענט; געוואָרן באַזיגט; און זי, די פּאַטאַל זיגרייכע מענטשהייט, איז, זינט דאן, זינט יענעם טראַגישן געטער־דעמער,)) אַ ל יי ן אַוועק, ניי־בראשיתדיק פאָרויס — לויט איר אייגענעם שטייגער־זיין, דעם מענטשהייטלעכן, — אַקוראַט אַזוי, פאַנגט זיך אָן די ראַיעלע געשיכטע פון יעדן מענטש — ערשט, נאָך זיין מבול; (די ערשטע בראשיתדיקע כאָאָס־עפּאָכע פון זיין נידעריקסט אימפּולס־לעבן; ווען ער איז, איבער די ברעגן, פאַרפלייצט פון די טונ־קלסטע בלינד־צעבושעוועטע ימים, אין זייער צעיושעטסטן עלעמענטן־

צעשפילטסטן דרענג צו אומקום; יאָ, נאָך זיין מבול;) פונוואַנען ער, דער רעבעליש־ווערטיקאַלער מענטש, האָט זיך ראש אַרויסגעהויבן; געשלאָגן אַף אייביק די הכנעה; ד אָ ך , באַזיגט זיינע בעטטיע־געטער־גורלות; און, נאָך זייער ענדלעכן דעמער־פאַרגיין אין זיין געמיט, — טוט ער אַליין אַוועק, ביי־בראשיתדיק פּאַרויס — לויט זיין אייגענעם שטייגער־זיין, דעם פאַטאַל־פריי־מענטשלעכן.

כו) טאָמאַס מאַן דערקלערט אין זיין „י ו ס ף , א י ן מ צ ר י ם ":

אַז דער בראשית פון דער ביבל איז — דער פאַר־אָנהויב פון יעדער ציוויליזאַציע: אין תחילת, קומען די נאָמענלאָזע אימפּולס־פאַרברעכנס; נאָך וועלכע, דער מבול־אויסברוך און אויספליייץ, דערגרייכנדיק זיין אַפּאָגיי, בלייבט איבערגעמאַטערט, נעמט אָפּפליסן, צוריקטרעטן, אַריין אין די ברעגן; און דאַן, נעמט אויפשלאָגן — די חרטה און אַזוי ווייטער; מיט איין וואָרט — די ציוויליזאַציע.

נאָך־ריכטיקער איז אָבער: אַז דאָס איז אויך — די לעבנס־געשיכטע פון יעדן מענטש. צוערשט, שלאָגט אין אים אויף — דער יוגנט־פּעריאָד פון פאַרברעכנס; אימפּולס־אויספלוסן; מבול־אָנפליייץ; פאַרשקלאַפונג. ביז — שפּעטער: נעמט אין אים אויפקומען, אין רייפקייט — דער פּעריאָד פון באַפרייונג, אינטעלעקט־אויפשוואונג, ציוויליזאַציע: ווען מושה דער מחוקק נעמט זיך אין אים פאַרטראַכטן, און שאַפן פאַר אים געזעצן... אָבער, זאָל מען נישט־מיינען: אַז די אימפּולסן אין אים זענען אונטערגעגאַנגען. ניין; דאָס פינצטערע „ערב־רב (די בלינדע צעשטער־אינסטינקטן,) פאָלגן אים נאָך — איבעראַל; לויערן, אָן־אויפהער; קוקן־אויס — אַף זייער שעת־הכושר... און ווען מושה־אינטעלעקט אַב־סטראַירט־זיך צו־לאַנג, אין די בערג־הויכקייטן פון זיין איינזאַמען דענקען, — הויבן זיי, דאָס ערב־רב, דערווייל אויף, אונטן, אין מדבר־טאָל פון לעבן — זייער פינצטערן בונט־דרענג — אַף צוריק, צו נבזהדיקער שקלאַפעריי: — נ ת נ ה ר א ש ו נ ש ו ב ה . . .

און נאָך־טראַגישער גייט דאָס־צו — מיט דעם שעפערישן מענטש, פון אַלע צייטן: בעת ער איז זיך־מתבודד מיט זיין אידעאַל; און ער קריצט די לעבנס־געזעצן, כדי אַריינצובלאָזן אַ נייע נשמה אין דער מאַסע, — איז, געווי, פונקט אין דער זעלביקער שעה, איז זי, די פינצ־טערע אימפּולס־מאַסע, פאַרטון — דאָרט, אונטן, אין איר נידעריק קעלער־לעבן: אין צוגרייטן קעגן אים, איר רעטער — דעם שענדלעכסטן פּאַראַט, דעם סאַמע־נידערטרעכטיקסטן...

כז) ווען דו באַגעגנסט אַ באַקאַנטן, באַגריפּסטו: ווי ער איז „שוין געוואָרן, ערגעץ אין דיין גייסט, פאַרהוילן, פונפריער; און ערשט, בא דער באַגעגעניש, האָט ער זיך בלויז געמאַכט פלאַץ און דורכגע־לייגט אַ וועג — צום פאָדערגרונט.

געגוי אזוי פאסירט מיט אונדז, מסתמא, באַם אַנגיין אַף א ווערק, אָדער אַ געשעעניש, וואָס מיר האָבן געלייענט, צי בייגעוואוינט, מיט אַ צייט צוריק, און אין אַלץ פאַרגעסן: ווייל די שטאַרקסטע ווירקונג לאָזט אין אונדז יענץ ווערק, אָדער געשעעניש, וואָס מיר האָבן, ווירקלעך, אינגאַנצן פאַרגעסן; אַזוי טיף האָבן מיר עס אַנגעאייגנט, איז עס געוואָרן פאַרדייעט און אויפגעלייזט אין אונדזער געמיט.

איז, אָט דער זעלבער פּראָצעס, ווי באַם דערקענען דאָס שוין־געקענטע פון פריער, — שפּיגלט זיך אָפּ אין אונדזער גייסט — אויך באַ דער כלומרשט־ערשטער באַקאַנונג; צי, בכלל, דערקענטעניש. ווייל, אַלץ איז פאַראַן אַנטהאַלטן אין אונזער גייסט, אין פּאָטענץ; עס מיינט — שוין דורך דער מעגלעכקייט גופא אונזערער און באַרופנקייט צו זיין־אומשטאַנד און מסוגל צו ק ע נ ע ן ־ דערקענען; און דאָס שפּעטער־דיקע דערקענען איז בלויז אַ עטאַפּן־אויפבלי, אין אויסוויקלונגען. וואָרום, אַנישט, אָן דער פּאָטענציעלקייט, וואָלט בכלל, געווען אומ־מעגלעך פאַר אונז יעטוועדע דערקענטעניש.

ערגאָ: ווייל, אַלץ איז באַוואוסט אונזער אייביקן גייסט — זינט קדמוניות־אָן; און אַלע רעוועלאַציעס דורך דעם מענטש — כלומרשט, בלויז אין דעם דרויסנדיקן (רעלאַטיוון, עוואָלוציאָנירנדן אין צייט און רוים) אָרום, — זענען, אין דער ווירקלעכקייט, און פאַר אַלעמען — עיקרדיקע רעוועלאַציעס, אינערהאַלב און וועגן דעם מענטש־גופא.

---

ווען איינער איז פאַרליבט אין אַ פרוי, ד ע ר ק אָ נ ט ער איר: ווי ער האָט איר, אַמאָל, ערגעץ־וואו געזען... זי איז, די גאַנצע צייט, געווען אין זיין געמיט, ווי אַ טייל פון אים; און איצט, באַ דער באַגעגע־ניש, טוט דער זכרון בלויז א ר ו י ס ר ו ק ן דאָס קענען איר — אין פאָדערגרונט. ווייל, דאָס האָט ער ד ע ר ק אָ נ ט — זיין אורשטאַם, דעם כאַאָס; אויס וואַנען ער קומט, און וואוהין ער דרענגט, תמיד; און דאָס פאַרליבן זיך אין דער דאַזיקער פרוי, און דאָס ד ע ר ק ע נ ע ן איר איז: בלויז אַ פאַרשטאַרקונג פון אָט דעם אייביקן דרענג — צו אויפלייז אין כאַאָס... דאָס איז בנוגע — דער ע מ אָ צ י אָ נ ע ל ע ר דערקענטעניש.

און דאָס זעלבע קאָן חל־זיין — אויך בנוגע דער א י נ טע־ל ע ק ט ו ע ל ע ר דערקענטעניש. באַנעמען אַ אידייע, זי דערלערנען, זי וויסן, מיינט — זיך אין איר ב ל ו י ז ד ע ר מ אָ נ ע ן. ווייל, זי איז פאַראַן, אין פּאָטענץ, אין מענטשנס געמיט, תמיד — א ו י ך, ווי אַ טייל פון אים; און איצט, באַ דער באַגרייפונג, טוט דער זכרון בלויז־אַ ר ו י ס ר ו ק ן דאָס קענען זי — אין פאָדערגרונט. אויך דאָ,

האָט מענטש דערקאַנט — זיין אורשטאָם; וועלכער איז נישט בלויז — כאָאָס, נ י ש ט־זיין, נישט־ווערן, — נאָר אויך — זיין, ווערן; אויס וואַנען ער קומט, און וואוהין ער דרענגט, תמיד; אמת, אין תוך — אַף צוריק; אָבער — דורכן גאנג א י ן פ אָ ר ו י ס , דורכן ווערן.
(געגוויער׳ — אין דעם עסיי „אַ סכעמע פון מענטש״.)

און ווען געדאַנק און געפיל הערן אויף אויפנעמען די חענסאַציעס פון די אויסערלעכע (קעגנגעזעצט־קאַלירפולע, צוליב דערקענטעניש, אין געראַנגל,) פענאָמענס — פון דעם א ר ו מ י ק ן ד ר ו י ס נ ד י ק ן א י ד יי ע־ז י ן, — דאַן, נעמט אויפגיין אין זיי — די קאַלירלאָזע אי־בערלעכע אידייע־אין־זיך; דער אינטימער זין פונעם זיין; די דערמאָנונג...

---

אַלץ פון דעם זיין איז — צום ווייסן, באַגרייפבאַר, צו ווערן נתפס דורכן אינטעלעקט. (לאָמיר זאָגן, אַפילו — א ז ו י , ווי דער אינטעג־לעקט איז עס מסוגל צו באַנעמען.) במילא, איז עס פאַראַן — אינער־האַלב דעם אינטעלעקט; אין זיין תפיסה; אין זיינע ראַמען; אין זיין פּאַטענץ. און אַפילו, ווען ער בלייבט — רוי, פרימיטיוו, אומאַנטוויקלט, — איז עס דאָך אין אים פאַראַן: געגוי, (אַלע משלים הינקען אונטער,) ווי באַהאַלטענע אוצרות ליגן — דאָרט, וואו זיי זענען פאַראַנען — אין ערגעץ אין דער טיף פון דער ערד, זאָגאר ווען עס געלינגט נישט קיינמאָל קיינעם: אַפילו פעסטצושטעלן זייער קיום; נישט, זיי צו לאָקאַליזירן און אויס דאָרט אַפערצוברענגען אַף דער ליכטיקער שיין.

פונדאַנען דרינגט — איין שפּאַן ווייטער: אויב אַלדאָס פּאַטענציעלע (צום באַנעמען) אין דעם אינטעלעקט טוט באַדינגען — דעם ק י ו ם דערפון, — ווערט פון דעם, במילא, קלאָר: אַז אַלדאָס קיומדיקע, איז — דורכונדורך אינטעלעקטועל. נישט נאָר, הויערט א י ב ע ר ד ע ם, (ווי דער פּאַרטראַכטער דערפון) — אינטעלעקט, — נייערט, עס איז — זיין דמות־צלמדיקער מהות. עס אָטעמט, ממש, מיט אינטעלעקט.

אַזוי, אַז ווען מיר נעמען אָן: אַז אַלץ איז — איינער־און דער־זעלבער אומצעטיילבארער (אין עצם־כאַראַקטער) זיין: אַזוי — איב־טעלעקט; אַזוי — אַלדאָס צום ווערן באַנומען, — איז קלאָר: אַז אַלץ טראַכט; אַז אַלדאָס חומרדיקע, וואָס איז נאָר צ ו ם וו ע ר ן ב א־נ ו מ ע ן , טוט באַדינגען, אין זיין עצם פאַקט פון קיום — אינטעלעקט; געגוי, ווי אינטעלעקט טוט באַדינגען, אין דעם עצם־מהות פון זיין כאַ־ראַקטער צ ו ט ו ן ת ו פ ס־זיין — דעם קיום פון אַלץ, צ ו ם וו ע ר ן ב אַ נ ו מ ע ן... ווי מע זעט: איז איינס געגעבן — פאַר דעם אַנדערן; איז איינס — די דערגאַנצונג פון דעם אַנדערן; איז איינס —

דער זין, די באַזינונג פון דעם אַנדערן; זענען זיי, באַנאַנד — איין גאַנץ זיניק דורכגעטראַכט זיין.

און ווי עס האָט געלערנט דער רמב״ם: „הוא המדע, (ער איז — דער אומענדלעכער סכום וויסן־זיין;) הוא היודע, (ער איז — דער באַ־גרייפער פון דעם זיין;) והוא הידוע, (ער איז — דאָס באַגרייפבארע זיין.)״

כח) מען קען נישט זאָגן: ווי טיף (ווייט) אַ פּראָבלעם זאָל נישט זיין. — איז מעגלעך עס צו דערגרינטעווען, מאַכן נאָענט: ווייל, אויב איינער נעמט זיך נאָר פאַר צו גראָבן טיף, — דאַן, ווערט, מיט דער צייט, פאַר אים — די טיפקייט אַליין, דער עיקר און דער ציל; במילא, וואָס טיפער ער גרינטעוועט, ער איבט זיך איין — אין דער טיפקייט פון אַלץ. — אַלצמער נעענטער קומט ער אָן צו דעם זיך־פאַרגענומענעם ציל...

---

דאָס פּראָבלעם פון — ווייט, און נאָענט; פרעמד, און אייגן, איז — דאָס פּראָבלעם פון רעלאַטיווקייט. דאָס ווייטע, און דאָס פרעמדע, אַליין, פאַר זיך, איז נישט: נישט — ווייט, נישט — פרעמד; נייערט — פאַרקערט: זיך אַליין, איז עס, אייביק: אי — נאָענט, אי — אייגן; ריכטיקער: עס איז נישט: ווייט, צי פרעמד — א י ן ז י ך ; נייערט, פאַרקערט, איז עס: אי נאָענט, אי אייגן — א י ן ז י ך .

ווייט, צי פרעמד איז עס — פ א ר א ו נ ז ; ווייל מ י ר זענען פון דאָרט — ווייט, צי פרעמד. עס מיינט: אַז די ווייטקייט, צי די פרעמדקייט שטעקט — א י ן א ו נ ז

אָבער — מ י ר , קענען זיך דאָך ד ע ר נ ע נ ט ע ר ן , און ווערן א יי ג ן . . . עס מיינט: אַז אויך די נ אָ ע נ ט ק יי ט און דאָס א יי ג ן־ז יי ן — שטעקט א י ן א ו נ ז . . .

ווייל: אַ ל ץ , מיינע הערן, איז — א י ן א ו נ ז .

אָבער, ווען מע נעמט דאָס פּראָבלעם נאָך־טיפער, אַזוי קומט גאָר פאַר, (נאַטירלעך, אין א ל ג ע מ יי נ ע שטריכן געצייכנט, און נישט־אָפּוועגנדיק דאָס געבראַכטע פריער,): אַז גרינטלעך־אייגן איז אונז — נאָר דאָס ווייטע, דאָס פרעמדע, דאָס אומבאַקאַנטע, ווייל — דאָס לאַקנדע; ווייל — דאָס פאַרקערטע פון אונז: (אי — מחמת דער אומבאַ־קאַנטקייט אַליין; און, אוודאי, ווען עס איז נאָך, דערצו, עקסטרעם־קעגנגעזעצט אין כאַראַקטער; דאָס הייסט: פרעמד צו אונז — בעצם, אין תוך, אין זיך; איז דאַן, אַפילו ווען מיר דערנענטערן זיך צו דעם, — פאַלט אַוועק — די אומבאַקאַנטקייט, מחמת דער ג ע וו ע ז ע נ ע ר ווייטקייט; עס בלייבט אָבער דאָך — די פרעמדקייט אין עצם, מחמת דעם קעגנגעזעצטן צו אונז כאַראַקטער! במילא, בלייבט עס פון אונז אַלץ —

ו יי ט , נאָכדעם אַפילו ווי מיר זענען צוגעקומען נאָענט, און דאדורך צעשטערט די אומבאַקאַנטקייט; יאָ, עס בלייבט אָבער אונז — א יי ג ן , מחמת דער נישט־אויפגעהערטער לאָקונג, אַפילו, נאָך דער דערנענטערונג,) צום פאַר־אונז־פרעמדן אין כאראקטער... דאקעגן, אָ, מיר, אין אונז ; איז, ווער און וויאזוי מיר זאָלן נישט זיין, — איז, מחמת אונזער א יי ג ן ־ ז יי ן צו זיך, ווייל, קומען מיר זיך פאַר — אַזוי (נישט — צוציענד־לאָקנד, נייערט — אַזוי פ ו ס ט־אָפּשטויסנד)־פרעמד, ממש, ווידערווייליק צו זיך אליין...

נו, איז עס נישט, אַמאָל, דער בעסטער באַווייז: אַז מיר זענען געגעבן — פ אַ ר י ע נ ע ם , פאַרן עקסטרעם: וואו, אי מ י ר אַ ל יי ן זענען זיך אָן; לעבן זיך אויס — טיפער; ברענגען זיך רעליעפער צום אויסדרוק, אפן פאָן פונעם צד־שכנגד; (געגנוי, ווי יענער, דער פרעמדער, — לגבי אונז, אלציינס;) נאָר, קיינמאָל אין דער וועלט, אינעם לעבן נישט — פאַר זיך אליין?...

כט) אַלץ אין אונז איז — טאַט, באַוועגונג; אַזוי — אין פיזישן, ווי אין גייסטיקן זין.

און פונקט געגנוי אזוי, איז יעדער איינער — פארנומען: ווער, אין אָנשטרענגען זיך — עפּעס (אויסערלעך) צו טון; און ווער, אין באַמיען זיך — גאָרנישט (אויסערלעך) צו טון.

דאָך, איז קלאָר: אַז אויפלאָדן פרישע אַרבעט איז באַדייטנד לייכטער — אַף דעם, וואָס מאַכט אָנשטרענגונגען — צום טון; דאָס הייסט, צו שאַפן פלאַץ אין־זיך פאַר (אויסערלעכער צוגאָב־)טעטיקייט, בכלל, — איידער, ווי אַף דעם ליידיקגייער, וועלכער איז, דורכויס און אינגאנצן, פארנומען מיט דער פיבערהאַפט־רעפּולסיווער טואונג — פון (אויסערלעך) גאָרנישט־טון... איינמאָל — ניין; און טו אים עפּעס...

ל) „אין די פאַרצייטישע הויפן פון די טיראנען — ווערט דערציילט — האָבן זיך שטענדיק געפונען אַזעלכע ספּעציעלע שקלאַפן, וועמען מען פלעגט באַשטראָפן — פאַר יעדן חטא, וואָס דער הערשער איז באַגאַנגען...״ מיינען מיר: אַז דאָס געשעט אַזוי, זינט וועלט איז וועלט, איבעראַל, ביז היינט־צו־טאָג; אַלס ווי אַ אידעאל אָפּבילד פון דער פירעכץ פון די געטער: פאַר וועמען מענטש איז בלויז — דער אָפּקומענדער מעדיום, פאַר זייערע, (פון די אומפעלערהאַפטע געטער,) באַגאַנגענע, (אוודאי, פערפעקטע) זינד...

לא) אמת, אַלץ אין מענטשנס געמיט, (אַזוי — אין די רעגיאָנען פון אינטעלעקט, אַזוי — אין דער וועלט פון די געפילן, עמאָציעס, אינסטינקטן,) איז — טאַט. אָבער די טבע פון דער אינטעלעקטועלער טאַט, איר אינטימע תכונה, איר מהות, עס מיינט, איר עקסטרעמסטע ווייט־גרייכונג, איז בלויז — דאָס דענקען אליין; דאָס הייסט, די פאָרשטעלונג,

און נישט מער; מיט דעם, דערגרייכט אינטעלעקט זיין שאַרפּסטע אַמבי־ציע... עס קאָן, דארום, נישט געמאָלט זיין: אַז געדאנק זאָל אָפּגעבן באַ־פעלן: פאַר דורכפירן זיינע פאַרשטעלונגען — אין דעם לעבען... דארום, אויב עס גייט צו פּ אַ ר ט אַזוי, — געשעט עס, דערפאַר: ווייל אינטע־לעקטס באַאָבאכטונג און נאָכדענקונג — שפּיגלט זיך אָפּ, פון זיך אליין, אין דער וועלט פון געפילן, עמאָציעס, אינסטינקטן; נו, און דאָרט, ווי באַוואוסט, זענען די השגות פאַר טאַט — אינגאַנצן אַנדערע... עס געשעט דאָ, אַלציינס, ווי אין דעם פאַל: איוואַן קאַראַמאַזאָוו, (אינטעלעקט,) און סמערדיאַקאָוו, (די טאַט.)

לב) יעדע שטיק מענטש־ביאָלאָגיע איז — אַן עדות, (ווייל — די פּרוכט) פון עמיצנס פאַרברעכן, אין דער פינצטער. און די איינציקע אויסלייזונג, דער אויסקויף, איז — די שטראָף־פּיין פון דער ליבע: כי את אשר יאהב השם, יוכיח.

לג) דעם מענטשנס פאַטאַלע טראַגיק איז, אין פלוג — זיין מענטשלעכע אימפּאָטענץ, זיין אוממעכטיקייט. אין אַלע זיינע האָריזאָנטאַל־ווערטיקאַלע שוואונג־אונטערנעמונגען, אַמביציעס פון ליבע, רום, וויסן, קונסט פון וואָרט בילד און שטיין, שטרעבט ער דורכברעכן זיין פאַטאַלע מענטשלעכע תפיסה; ווערן פריי אַלמעכטיק, ווי די געטער. ביז ער דער־גייט צו ז יי ן, מ ע נ ט ש ל ע כ ן, אַפּאָגיי; ווי דער מעכטיקסטער אָדלער, וואָס קען העכער פון זיינע אייגענע פליגל נישט דערלאַנגען; וואָס קאָן העכער פון זיין אומבאַהאָלפענער מענטשלעכער קאָנדיציע נישט שטייגן. און ער פאַרנעמט דאַן, פּלוצים, מיט גרויל: ווי די געטער, צו וועמען ער איז זיך געקומען גלייכן, לאַכן פון אים; אַז דאָס האָבן זיי זיך געשפּילט מיט אים, (מיט אָט דער לעכערלעכער זינלאָזער שטיק ביאָלאָ־גיע — אַ פּראָדוקט פון אַ צופעליקן בלינדן אינסטינקט־צאַפּל,) ווי מיט אַ מעדיום; אַז ער — מיט אַלץ, וואָס האָט געברענט און געזאָדן אין אים, זיין גאַנץ לעבן, ביז עס האָט אים, ענדלעך, פאַרצערט, — איז דאָס געווען — אַ שטורקאַץ, אַ פאַקל — פ אַ ר ז יי ; זייערער, (פון די געטער,) אַ קאַפּריז — מ י ט אים, און אין אים; אַ קאַפּריז, וועלכער האָט זיך ביי זיי, ביי די געטער אין אים, שוין איבערגענומען; און זיי פאַרלאָזן אים, דארום, אַ אויסגעברענטן, ביז לעצט, אַ נוצלאָזן מער — פאַר זיי; און אליין, גייען זיי, אַצינד, זיך־שפּילן וייטער — מיט לעבנס אַנדערע, אינגערע — ביז אַ צייט...

אָבער, פונקט ווי דאָס אויפדעקן דורכן מענטש זיין פאַטאַלע טראַגיק איז — זיין טיפסטע פאַרצווייפלטסטע פּיין, — אַקוראַט אַזוי, און נישט אַנדערש, איז זיין דערגריין צו זיין העכסטן פאַטאַל־טראַגישסטן דורכפאַל און צוזאַמענברוך — זיין לויטערסטע העכסטע דערגרייכונג: וואו ער

דערשפּירט איבער זיך, אמת — דעם שפּאָט־דעך פון די געטער, זייער הויך, זייער אָטעם; אָבער, מע קאָן נאָכנישט וויסן, אַף ריכטיק: ווער עס איז, מיט אַן אמת, ערשט, העכער: ער, דער מענטש, אין זיין געבראָכענער, געבראַנדמאַרקטער פּיין, — צי זיי, די איבער־אַלמעכטיקע געטער, מיט זייער אומטענטשלעכן צו־אַלץ און צו אַלעמען, געפּילדאָזן שפּאָט?...

איז — אָט, וואו ווערטיקאַלער מענטש־רעבעל דאַרף זוכן זיין אומ־באַזיגבארע קראַפט — איבער זיינע געטער־גורלות: אין זיין סוף; אין זיין כלומרשט־האָריזאָנטאַלער לעצטער דעמער־הכנעה צו די בעסטיע־געטער; וועלכע ער טוט אָבער באַקערן, איצט, אַזוי דרייסט ווי קיינמאָל — צום אייגן־פּאָטאָלסטן דעמער־אויפגאַנג פון מענטש!

לד) אין „פאַרברעכן און שטראָף”, ערשטע טייל, קאַפּיטל זעקס, זאָגט דאָסטאָיעווסקי, מיטן מויל פון ראַסקאָלניקאָוו: אַז אַלע פאַרברעכנס ווערן אויפגעקלערט דערפאַר, ווייל, אין סאַמע מאָמענט פון באַגיין דאָס פאַרברעכן, באַפרייט דעם פאַרברעכער אַן אָפּגעשוואַכטקייט פון ווילן און געדאַנק, און ער גייט אַריבער אין אַ טראַנס פון געגצלעכער צעדולטקייט, בעת וועלכער ער באַגייט, אויס אומפאָרזיכט, פעלערן, וואָס געבן אים, לסוף, אויס.

דאָס איז אָבער, פּסיכאָלאָגיש־גענומען, אַ טעות. ווייל די סאָציאַלע אויספאָרשונג, ווי באַוואוסט, אָפּערירט נאָר מיט דער (ווערטיקאַלער) פאַרנופט, כדי אויפצודעקן דאָס מיסטעריעזע פאַרברעכן. סאָציאַלע פאַר־נונפט, (איז קלאָר), ווערט נישט פאַרטראָגן פון דער טונקעלער דולער אַנטי־סאָציאַלער (האָריזאָנטאַלער) וועלט, אין יעדן איינעמס געמיט, אויס וואַנען, (אויסשליסלעך,) עס שלאָגט דער בלינדער אינסטינקט צום פאַר־ברעכן. איז, דאַרום: וואָלט, ווירקלעך, דאָס פאַרברעכן געוואָרן באַגאַנגען דורכויס דורך דעם אימפּולס־אַנדרוק אַליין, — דאַן, וואָלט סאָציאַלע פאַרנופט עס, קיינמאָל, נישט געווען געקאָנט אויפקלערן: ווייל, פאַר דעם וואָלט שוין געווען געזאָרגט דער בלוטיקער שונא, דער אַנטי־סאָציאַלער אימפּולס — נישט צו קומען און פאַראַטן זיך זעלבסט. נאָר, אויב אַ פאַר־ברעכן ווערט יאָ אויפגעקלערט, איז עס בלויז דערפאַר: ווייל, בעת דעם סאַמע קולמינאַציע־מאָמענט פון דער אַנטי־סאָציאַלער איך־אימפּולסיווער עקסהיביציע, (באַגיין דאָס פאַרברעכן,) ווען דער פאַרבלענדעטער איך־פאַרברעכער מיינט, אַז ער אַקטוירט — אַליין, און אַז דער געדאַנק איז בלויז — באַ אים אין די הענט אַ ווערקצייג, — יאָ, איז דאַן, איך־סאָציאַ־לער געדאַנק, דער שונא פון אימפּולס, און דער פריינט פון דער וועלט, פון דעם לעבן, פון דער עדה, פון דער מענטשהייט — יענער, וועלכער שטויסט דעם בלינדן אימפּולס — צו באַגיין אַ פעלער; כדי ער זאָל זיין, נאָכהער — דער ערשטער, צו איילן און אים פאַראַטן, דעם פאַרברעכער, דאַדורך, וואָס ער וועט קומען און העלפן זיין פריינט, — דעם סאָציאַלן פאַרנופּ־

טיקן אויספאַרשער — זיך אַנצושטויסן אף דעם באַגאַנגענעם דורכן פאַר־ברעכער פעלער; אויס וואָגען עס שפּאַרט אַרויס דאָס מענטשלעכע מאָראַלישע ליכט, דער רוף, דער ווײ־געשרײ — פאַר דער אויפקלערונג...

לה) אויב דאָס וויסן איז — אַ אינטעלעקטועל־אָביעקטיווע (ווערטיקאַלע) וואָר, — דאַן איז די מענטשהייט — איין גאַנצעס; און יעדער איי־נער טראָגט ביי — פאַר דעם אַלגעמיינעם אוצר, פאַר דער צוקונפט, פאַר איטלעכנס געניס. ווייל, עס איז — פאַר יעדן, וואָס איז פאַרבאַרייט, אָנבאַרייט; פאַר אים געוואָרן אויפגעדעקט, דעראָבערט. ווייל, עס איז נישט בלויז — אייגן; נייערט, תחילת — אייגן; נאָכהער, באַנייס — כלליש; כדי, ווידער צו ווערען — אייגן, (אָנגעייגנט פאַר יעדן מסוגל;) במילא, איז עס אַ ז ו י , אין אַלע דריי פאַזן — באַלד אין אָנפאַנג, אין תוכן, אין זיך.

דאַקעגן, אויב דאָס וויסן איז — מענטשלעך־עמאָציאָנעל (האָריזאָנ־טאַל)־סוביעקטיוו; דורכויס, אייגן־אויסגעהאַרעוועט; תמיד — מיינס, און מער־קיינעמס; פונקט, ווי יענעמס איז דורכויס — זיינס, און מער קיי־נעמס; און אַפילו, ווען איך דעראָבער עס באַ וועמען, אַף אַ געוויסן אופן, בלייבט עס אַלץ פאַר מיר — פרעמד, — טוט אַט די דאָזיקע אידייע נע־גירן אַלע כלומרשטע בענדער צווישן מענטש און מענטש; פאַרזיכערן: אַז איטלעכער איז — אַליין; אין זיין טראַגישן זיך־געפינען פּנים־אל־פּנים פאַר דעם אומבאַוואוסטן; אין זוכן דעם זין פון זיין קיום... במילא, איז אויך זיין טיף־איניגסט טראַגיש־אויסגעהאַרעוועט וויסן בלויז זין, אי־דעאַל — פ אַ ר א י ם; דאַקעגן, ווי נאָר אָפּגעייענד פון אים, — אַזוי בלייבט עס גליין — זינלאָז, אָין...

לו) אָ, איז, ווירקלעך, אונזער געמיט קיינמאָל אַזוי נישט ווייט פון גאָט, פון דעם אמת, פון דעם אידעאַל, ווי אין דעם צושטאַנד, ווען מיר דערגרייכן אים? און אויב עס איז יאָ אַזוי, איז עס נישט דערפאַר, ווייל גאָט, דער אמת, דער אידעאַל זענען אונז נאָענט נאָר דאַן, ווען מיר זענען הונגעריק צו זיי? דערפון, אונזער שטרעבן, אונזער לעכצן, אונזער דרענגען צו זיי; אין ד ע ם טראַנס (עס מיינט, כל זמן ער האַלט אָן, אין אונזער געמיט,) זענען זיי פאַר אונז — אונזער גאָט, אונ־זער אמת, אונזער אידעאַל. אַזוי לאַנג, ביז אונזער שטרעבונג, לעכצע־ניש, דאָס דרענגען ווערט באַפרידיקט, געשטילט און — עס הערט אין אונז, במילא, אויף; און מיר ווערן גלייך — אומדיפערענט צו גאָט, אמת, אידעאַל; עליי, ווי זיי וואָלטן מער נישט געוועזן פאַר אונז — דאָס; עליי, ווי זיי הערן־אויף פאַר אונז צו עקזיסטירן — אַלס אַזעלכע... איז עס אַזוי?

צי אפשר גאָר, געשעט מיט אונזער געמיט — אינגאַנצן עפּעס אַנ־דערש; נעמלעך: מיר זענען פול מ י ט (און אַזוי נאָענט צ ו) גאָט,

דעם אידעאַל, דעם אמת, — כל זמן ער שטורעמט אין אונז, ער גייט אום, ער רייפט, ער שטייגט אין וואוקס, ער רויבט אונזער רו, ער מאַכט אונז ענג; און אונזער גערדרענג איז, אייגנטלעך — דער אַנגסטלעכער באַגער: אים צו זעען, ענדלעך, אָנגערייפט פולשטענדיק; און אויסגעטיילט, אָפּגעפּאַלן, מחוץ פון אונז — אין דעם חלל. יאָ, איז דאַן, אין יענעם העכסטן מאָמענט פון דער גליק־פּיין־עקזאַלטאַציע, — קומט די אַנטבינדונג; און מיר דערפילן נישט־נאָר — די באַפרייונג די רו; נאָר, צוגלייך — די דערוויטערונג, די אָפּקילונג — די אויסליידיקונג, אויס אונזער געמיט — פון גאָט, פון אמת, פון אידעאַל; וועלכע ווערן היימלאָז, קיומלאָז, זינלאָז, געפּיללאָז, גלייך ווי נאָר זיי פאַרלירן זייער משכן, זייער אַנשפּאַר, זייער געפּאָדערטקייט — אין אונז; גענוי, ווי מיר פאַרלירן דעם זין, אַפילו פון עצם־קיום, פאַר זיך־גופא, — באַלד נאָכדעם, ווי מיר דערשפּירן זיך אויסגעליידיקט — פון זיי...

לז) עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז נאָר פּאַרצייטנס האָט מען געגלויבט:

אַז די ערד, אַלס צענטר, שטייט, און די זון דרייט זיך אַרום איר... אָ, ביז־היינט־צו־טאָג, (און זינט וועלט איז וועלט — אַזוי,) איז יעדער גראָ־ערדישער אומבאַוועגלעכער באַלוואַן באַ זיך איינגעגלויבט: אַז ער איז — דער צענטר פונעם אוניווערס, און אַרום אים ערשט, דרייט זיך די זון, אַלץ...

לח) וואו נאָך אַזוי קלאָר, ווי באַ די ציפערן, זעט מען אָן — אָט דעם

אייביקן פאַטאַלן געראַנגל צווישן די ליניעס, די האָריזאָנטאַלע, און די ווערטיקאַלע?

מאָגסט אָנזאַמלען אומצייליקע (האָריזאָנטאַלע) מאַסן זעראָס, — וועלן זיי אַלץ פאַרבלייבן — ווערטלאָז, נישטיק, גאָרנישט. אַזוי לאַנג, ביז עס וועט קומען — דער (ווערטיקאַלער) איינס, און זיך־שטעלן אין זייער פראָנט; איז, זע־צו מיטיינמאָל: ווי ביי־געבוירן זיי ווערן, באַוווערטיקט, דערהויבן... אָבער דאָך, מוז מען אָנערקענען: אַז אויך דער איינס, אין זיין באַהעפטונג מיט (זעראָס) מאַסן, ווערט אומגעהויער דערהויבן, אין זיין ווערט, ווי ווען ער איז געווען גענצלעך־איינזאַם, אַליין.

לט) אין דער נאַטור דאַרף נישט געזוכט ווערן — דאָס אויסנאַמלעכע וואונדער, וואָס זאָל זיין געריכטעט קעגן דער נאַטור זעלבסט, — נייערט דאָס וואונדערלעכע, דאָס גריילעכע, וואָס שטעקט — איינגערהאַלב דער נאַטור־גופא; דאָס הייסט, אין דעם סאַמע־עצם־נאַטירלעכן; אין דעם סאַמע־געוויינלעכן אַלטעגלעכן נאַטור־שטראָם פון דעם זיין.

און גענוי דאָס זעלבע געשעט מיט דער ליטעראַטור: וואו דער קינסטלער דאַרף זוכן: נישט — די עקסטע, אויסנאַמלעכע, אויסטערלי־

שע פּאַסירונג, — נייערט, דאָס אויסטערלישע, וואָס עס אַנטהאַלט — יעטוועדע אָן־אויסנאַם פּאַסירונג אין דעם זיין.

מ) די שטיק ביאָלאָגיע — מענטש, זינט איר אַנטשטיין, — האָט איין דראַנג: דורך פּיין, דורך לוסט, זיך אויסברענען, אויסלעבן, און אַריבער — צו רו, טויט. אַלע פּאַסירונגען, איבערלעבונגען פון מענטש — פּריידיקע, צי אַנגסטלעכע, — זענען, בלויז אין זייער אויסערן, פאַר־שיידן; בעת אין אינערן, זענען זיי אַלע — איינע און די זעלבע פּאַסי־רונג, איבערלעבונג: וועלכע איז — דער דרענג צו אויפלייז. אָט די איינהייטלעכע פּאַסירונג איז, באמת, מענטשס איינציקער פריינט; לעבנסלענגלעכער אייביק־טרייער באַגלייטער; וועלכער פאַרלאָזט אים, קיינמאָל; דינט אים, אומפאַרענדערלעך, איבערגעגעבן — פון וויגל, ביז צום קבר.

מא) פּונקט ווי די קונסט איז די וואָר־אָפּשפּיגלונג (אַ ווייטערער עטאַפּ) פון דעם לעבן, — אַקוראַט אַזוי, איז דאָס לעבן — די קונסט־וואָר־אָפּשפּיגלונג (אַ ווייטערער עטאַפּ) פון דעם זיין...

מב) דער באַגריף ש יי נ ק יי ט: הגם זי איז, אין פלוג — אַן אַטריבוט, אַן אייגנשאַפט פון דעם, וואָס באַזיצט זי, — איז זי אָבער, פאַר אַלעמען — אַ פענאָמען, וואָס ווערט אויפגענומען דורך די סענסאַציעס פון מענטשנס אויסגעיידלטע און דורכן־אינטעלעקט־דער־הויבענע חושים, אָף וועלכע ער, דער פענאָמען, מאַכט אַ אַנגענעמען איינדרוק, וואָס באַוועגט, ערשט דאַן, דעם אינטעלעקט צו באַצייכענען אָט דעם איינדרוק, אַלס (דאָס הייסט, צו באַשאַפן, דערפינדן דעם) באַ־גריף — שיינקייט.

ערגאָ: דער באַגריף אַנטשטייט ערשט, (ווערט באַשאַפן, דערפונדן,) האָט זיין אָנהויב, במילא, זיין אויסשליסלעכע עקזיסטענץ — נאָר אי־נערהאַלב דער מענטשלעכער אינטעליגענץ, אין זיין דערקענטעניש, אין זיין געמיט. דאַקעגן, אומאָפּהענגיק פון (און אויסערהאַלב דעם) מענטשס אינטעליגענטער קאָנסטאַטירונג; לאָמיר זאָגן, אָן דעם עווענטועלן קיום פון אינטעליגענטן מענטש אינגאַנצן; עס מיינט — שיינקייט־אין־זיך, (אָן צו האָבן געוואָרן עמיצנס אימפּרעסיע און, דאַדורך, באַגריף,) איז קלאָר, אַז זי עקזיסטירט נישט.

און געענוי דאָסזעלבע איז חל בנוגע די אַטריבוטן — גוטסקייט, קראַפט, חכמה, און אַלע אַנדערע.

דאַרום, איז, אויב עמיצער וויל האָבן: אַז גאָט, דאָס איז — די פּערפעקטע וואָר פון אַלע אַטריבוטן, (אידעאַלן,) — איז אָבער נישט־ווינציקער באַשיינבאַרלעך: אַז דער קיום פון דער דאָזיקער וואָר איז אויסשליסלעך באַדינגט, דאָס הייסט, רעדוצירט — נאָר צו דער אימ־פּרעסיע, צו דער אָנווענדונג; דאָס מיינט, צו דער ווייטערער קאָנסטאַטי־

רונג דורך (און, במילא, אויסשליסלעך, א י נ ע ר ה אַ ל ב,) דעם מענטשס אינטעליגענץ; וואו די וואָר אַנשטייט, באַגריפלעך, אַלס אַזעל־כע; זי פאַנגט אָן איר קיום; ז י א י ז; פ אַ ר אַ נ ע ן... דאַקעגן, אויסערהאַלב; אָן דעם קיום פון (דאָס הייסט, אָן דער אימפּרעסיע אַף) מענטשס אינטעליגענץ; אומאָפּהענגיק, אַליין אין־זיך; איז קלאָר: אַז אַט די „וואָר...״

מג) פונקט ווי גלויבן אין זיך מיינט, גלייכצייטיק, גלויבן — אין יע־נעם, אין מענטש, בכלל, — אַקוראַט אַזוי — נישט־גלויבן אין יע־נעם מיינט, גלייכצייטיק — דאָס פאַרלירן דעם גלויבן א י ן ־ ז י ך ־ ג ו פ אַ.

מד) ווער עס איז, מיט זיין טבע, נישט־גאַנץ, אַ טייל פון עמיצן. — יענער ל יי ד ט פון איינזאַמקייט; ער שטרעבט צו זיין דערגאַנ־צונג; און מיט דער בענקשאַפט גופא זאָגט ער עדות: אַז ער איז נישט קיין פולער איינס; נייערט, אַ ברוך־טייל בלויז; ווידער: אַז ערגעץ אין דעם לעבן איז אַנבאַרייט פאַר אים זיין צווייטע ברוך־טייל; וועלכע גראַ־וויטירט צו אים נישט־ווינציקער, איידער ווי ער צו איר; און ערשט, ווען זיי וועלן זיך אויפקומען און באַהעפטן, וועלן זיי האָבן דערגרייכט די שלימות, דעם פולן גאַנצן איינס.

דאַקעגן, די גאַנצע פולע טבע, דער איינס־מיט־זיך, שטרעבט, אין דעם לעבן, צו דערגיין צו דער עכטער איינזאַמקייט, אַ ל ס ש כ ר; כדי צו איבערלעבן מיט זיך אַליין — די איינזאַמקייט אין דעם זיין איך־זיך; די פיין אין־זיך; דעם איך־אוניווערסאַלן צער־אין־זיך.

מה) פונקט ווי אַ שטראַל, אַן עקסהיביציע פון זייער־אַ וויטן שטערן אין דעם אוניווערס, דערגייט אָפּט צו אונז, מיט זיין ווירקונג — ערשט דאַן, ווען דער שטערן גופא איז שוין אַוועק פיל ווייטער, אין בייע פריש־ראַשיקע עקסהיביצעס, 1) — אַקוראַט אַזוי, דערגייט אָפּט צו אונז אַ געטלעכע עקסהיביציע אין דעם אַל־זיין און זי נעמט ווירקן אין אונ־זער געמיט — ערשט דאַן, ווען אין דעם געטלעך־אַקטיאַרישן אומענד־לעכן זיין גופא, איז אָט די סטאַדיע־ראַל, די ראַשיקע זעלבסט־רעוועלאַ־ציע שוין לאַנג פאַריבער, צוליב דעם אומויפהערלעכן אַנשטורעם פון נייע אַקטיאַרישע ראַלן־עקסהיביציעס אין דעם אייביקן דינאַמיש־זיך־באַנייענדן זיין; און ערשט בלויז צו אונז, די פאַטאַל־געפאַנגענע אין די־

---

1) און ווי מע טרעפט דאָס זעלבע — אינעם לעבן גופא: וואו מיר ווערן באַגייסטערט פון אַ ווערק, פון אַ אידייע, פון אַ קונסט־ראַל, וועלכע גרייכט צו אונז, (דורך טויט זינלאַז פאַפּיר פון אַ בוך, אָדער טויטער זינלאָזער קאָמבינירונג פון אַ פילם־טאַשמע א. א. וו.), ערשט דאַן, ווען דער אויטאָר, דער שעפער, דער טעאַטער־קינסטלער זעלבסט איז שוין ווייט אַוועק דערפון, נאָך דער צעשטערונג, אין דעם באַשאַף פון נייס...

תפיסות (רעלאַטיוויטעט) פון צייט און אָרט, גרייכט דאָס זיך־רעוועלירנדע אַל־זיין, אין אַזאַ שפּעטער שעה, אין אונזער קיום... היינט, איז אַ רבותאַ: הלמאַי, מיט אונזער גאַנצן פּיבערהאַפט־לעכצנדן דורשט צו השגות, צו אָניאָגן, בלייבן מיר אַלץ, אייביק — אַזוי ווייט פון גאָט, ווי קיינמאָל?...

און דאָך, זענען מיר, צוגלייך — אַזוי נאָענט צו אים, (צו גאָט; און אין דעם פאַל פון לעבן — צום קונסט־שעפער,) ווי קיינמאָל. ווייל, אַזוי אין גאָט, ווי אין מענטש־שעפער, איז אַלדאָס־דינאַמישע — אומענדלעכער המשך פון בראשית; איז, וואו דו זאָלסט זיך נישט־אַנקלאַמערן אין דיין גאָט־מענטש־באַשעפער, — ביסטו מיט אים באַגאַנד, זינט אייביק.

מו) דער פאַרברעכער, וואָס פאַלט אַריין, קלערט באַ זיך: „...אָבער, וואָס האָט מיך דער רוח אָנגעטראָגן — צו קריכן, ג ר א ד א צ י נ ד?..." און ער ווייסט נישט: אַז דווקאַ דערפאַר, ווייל דאָרט איז אומגעגאַנגען ד ע ר ה י ט ע ר, — האָט א י ם, דער פאַרברעכער, אַף בלינד, אַ ה י ן געצויגן: צ ו ם ה י ט ע ר; גענוי, ווי דעם היטער — צ ו א י ם... ווייל די עקסטרעמען באַגעגענען זיך: גראַוויטירן זיך איינאַנדער; זוכן זיך אַרום; געבערן זיך קעגנזייטיק; דערגאַנצן זיך, ווי איינס.

מז) מע דאַרף זיין גאָר אַ גרויסער חכם, כדי צו קענען איינזעען אַף זיך אַליין: אַז מע איז נאָך־אַ גרעסערער שוטה... און דאָס איז, מסתמאַ, אויך דערפאַר: ווייל די עקסטרעמען באַדינגען זיך.

מח) נוח לו לאָדם, שלא נברא, משנברא: עס וואָלט גלייכער געווען פאַר דעם מענטש, ווען ער וואָלט נ י ש ט באַשאַפן געוואָרן, איידער ווי י אָ... קאָן מען מיינען: אַז ע ר ג ע ץ איז ער פּ אַ ר אַ ן — נאָך פ אַ ר דער בריאה; און אַז עס וואָלט גלייכער געווען פאַר אים — נישט צו־האָבן־אַדורכגעמאַכט — דעם פּראָצעס פון געוואָרן באַשאַפן... איז עס — אַזוי? — יאָ. די א י ד י י ע־מ ע נ ט ש איז אייביק, אין דעם אייביקן קוואַל פון אידייען. בלויז דער ב יאָ ל אַ גישער מענטש איז פאַרגענגלעך, אין פיין; און אין דעם כף־הקלע פון דער מענטש־ב י אָ ל אָ ג י ע, צווישן דעם בלינדן קאַמף פ אַ ר א ו י פ ה אַ ל ט, און דעם אינערלעכן גורלדיקן כאַראַקטער־דרענג צ ו א ו י פ ל יי ז, ב אַ פ ר יי ו נ ג, — ווערט נאָכמערער געפּייניקט — די געפאַנגענע מענטש־א י ד ייע.

יאָ; עס זענען פאַראַנען — צוויי אָדמס: איינער — שלא נברא. די אידייע; און איינער — אַ ניצוץ פון אים, זאָל זיין — שנברא. און בעת דער ניצוץ לעכצט צ ו ם פ ל אַ ם, — איז אויך די אידייע, דער אָ ד ם ה ק ד מ ו ן, נישט־גאַנץ — אַ נפגם. בלויז ווען דעם ניצוץ

געלינגט צו צעשטערן אַלע ביאָלאָגישע שטערונגען, (מענטשס טויבער פאַ־טאַלער דראַנג צו אומקום,) און צוריקקערן צום פלאַם, — ווערט ערשט־דאַן דער אָדם־העליון — מ ת ו ק ן: דער אָדם השלם.

מט) אַלע געטער, שדים, רוחות און אַנדערע שלעק, וואָס ווערן אַזוי ברייט געשילדערט, (און דער עיקרשט — אַלס אומאָפּהענגיק־עק־זיסטירנדע, זעלבסטשטענדיקע ישׁ'ן,) אין דער גאַנצער אוניווערסאַלער ליטעראַטור, פון אַלטערטום, ווי פון מיטלאַלטער; אַריינגערעכנט, אין די קלאַסישע נגלה־און־נסתר־ווערק באַ אידן, — זענען, באין אופן, נישט דורך אַלע מחברים פון יענע ווערק, געהאַלטן געוואָרן, באמת, אַלס עק־זיסטירנדע — אין דעם זיין. ניין; די שילעדרונגען זענען בלויז — אַ צינזש־אַפּצאַל, צום אַלגעמיינעם קלאַסיש־ליטעראַרישן נוסח פון יענע צייטן: ווען מע האָט איטלעכע מידה פון מענטשס געמיט, סיי די מידה טובה, סיי די מידה מגונה, געמאָלן געצייגט און פאַרגעשטעלט, אַלס אומאָפּהענגיקן מהות, סוביעקט, וועלכער גייט אַן מיט זיין אייגענעם קיום — אויסערהאַלב דעם מענטשס גייסט.

ביז וואַנען עס האָט זיך דורכגעלייגט אַ וועג צום שאַפן — דער סטיל פון היינט; און ער האָט די אַלע געטער און דעמאָנס — אַלס מי־דות טובות און מידות מגונות, געבראַכט צוריק — צו זייער שורש: צום מענטשס געמיט; וואו זיי פירן־אַן, זינט אור־צייטן, זייער אייביקן פאַ־טאַלן שטרייט, צווישן גוטס און שלעכטס.

אָבער, אויב איינער מיינט: אַז די געטער און דעמאָנס האָבן, דאַ־דורך, פ אַ ר ל אָ ר ן — כאָטש אַף אַזויפיל, פון זייער פריערדיקן ראַ־שיקן פאַרנעם, — מאַכט ער, באַנייס — אַ גריילעכן טעות. גראַד פאַר־קערט: זיי האָבן — אינגאַנצן געוואונען. ווייל, בעת פריער — האָבן זיי בלויז ע ק ז י ס ט י ר ט, (לאָז זיין — אומאָפּהענגיק, אין דעם זיין;) און ווען זיי האָבן געדאַרפן נעמען גילטן, אַלס ווי ד י מ ע נ ט ש־ל ע כ ע ג ו ר ל ו ת, דאָס הייסט — אַריינדרינגען א י ן ד ע ם ל ע ב ן, — איז אוממעגלעך־לחלוטין געוואָרן פאַר זיי דורכצוברעכן אָט די, לכל־הדיעות, אומדורכקרייצבאַרע באַריערע; ווייל, זאָגט, אַדרבה: וואָס געהער זיך אָן — ע ק ז י ס ט י ר ן, מ י ט ל ע ב ן? 1) ז יי, האָבן ע ק ז י ס ט י ר ט, אַלס אויסערהאַלב־פון־לעבן־זייענדע מהותן; יאָ, אָבער — זיי, האָבן דאָך — נ י ש ט ־ ג ע ל ע ב ט?...; היינט, טאָ: וואָס געהערן זיי זיך אָן — מיט מענטשלעך ל ע ב ן, און פיין? און, במילאָ: ווי קענען זיי גראַוויטירן אין מענטשס לעבן, אַ ל ס ז יי־נ ע ג ו ר ל ו ת?!.; מיט איין וואָרט: אויב פריער האָבן זיי געהאַט

---

1) דער פילאָזאָפישער גאָט ע ק ז י ס ט י ר ט נאָר; אָבער נישט ע ר ל ע ב ט . . .

בייצוקומען אַזעלכע, פּאַקטיש־אומבאַזיגבאַרע שטערונגען, — זענען, דאַקעגן, איצט, מיטיינמאָל, ווי דורך אַ כישוף, געוואָרן אָפּגעטון אַלע שטערונגען — אין אַ זייט: דאַדורך, וואָס מע איז געקומען; אָפּגענומען באַ זיי — די איבער־מענטשלעכע (טויטע) עקזיסטענץ, אמת; אָבער, דערפאַר, זיי אַריינגעבראַכט — אינערהאַלב דעם מענטשס געמיט; זיי באַשאָנקען באַזעלט — מיט נשמה, האַרץ, אָטעם, לעבן; מיט איין וואָרט: זיי גענומען — און אויפגעלעבט, פאַרמענטשלעכט; אַז זיי זאָלן, ערשט־אַצינד, קאָנען, מיט רעכט, אויסאיבן זייער שליחות — אַלס ווי די מענטשלעכע לעבעדיקע גורלות; וועלכע פירן, אייביק, דעם גריילעכן געראַנגל — איבער דער באַהערשונג פון זיין געמיט; דאָס מיינט: אים, דעם לעבעדיקן מענטש, פירן, צי טרייבן — צו גאָט, אָדער צום טייוול; צו דערלייזונג, אָדער אין שאול־תחתיה־אַריין גלייך...

נו׳, און איצט, ווידער: ווען מענטש האָט צו־טון — מיט זיינס גלייכן; דאָס הייסט — מיט זיך אַליין, — היינט, טאָ, זאָגט: ווער, אַדרבה, קאָן, אַצינד, זיין אַ שטער פאַר אים — צו ווערן האַר, איבער זיך אַליין; און דאַדורך, במילא — פרייסטער אומבאַזיגבאַרער הערשער, איבער אַלע וועלטן?...

ג) אויב מיר דענקען — דעדוקטיוו, פון כלל צום פרט, — אַזוי זעען מיר איין, אין פלוג: אַז מענטשס געשעען, אין דעם לעבן, איז בלויז: אַ מולטיפּליקירטע פּילקאָלירטע, (אַקטיאָריש־פאַרשיידן־דיספּראַזירטע) מעדיום־אָפּשפּיגלונג, — פון דעם אָריגינעלן איינציקן קאָלירלאָזן נאַקעטן געשעען־אין־זיך, אין דעם זיין. במילא, ווערט קלאָר: אַז דער קינסטלער, וועמען עס איז געגעבן, אינטואיטיוו, צו זיין — דער העלזער פון דעם איינציקן טון־פּאַסירן־אין־זיך, — ווערט, דאַדורך, גלייכצייטיק, (ווייל עס איז דאָך, אין פלוג, אין דער אונטערשטער שורה — היינו־הך,) — דער פאָרויסזעער פון דעם פּיל־אַלטערנאַטיוון קאָלירפולן געשעען — אין דעם לעבן...

אָבער, אין פאַל פון אַזאַ הנחה, פאַרלירט דאָס האָבן־באַשאַפן דעם מענטש, (וועלכער לעבט נישט, אין קיום, פאַר זיך,) יעטוועדן זין — פאַר דעם מענטש גופא. במילא, פאַלט אויך אַוועק דאָס הימלשע רעכט: אים, דעם מענטש, עווענטועל, צו באַשטראָפן — פאַר טון בייז, (פונקט, ווי עס דאַרף אים נישט־קומען קיין שום באַלוינונג — פאַר טון גוטס,): וויבאַלד, אַז ער איז דאָך, אין ביידע פאַלן — נישט־פריי; און ער טוט — אַזוי, צי אַנדערש: אויסשליסלעך בלויז נאָר — אַלס מוז־אָפּשפּיגלונג פון דעם איינציק־פולקאָמען 1) טון־אין־זיך — אין דעם זיין...

1) און נישט — פרייען: ווייל, אפשר איז פרייהייט — אינערגעץ נישטאָ; און אַפילו דאָס עכט־פולקאָמע אין פאַ־

נאָר, דער עיקר, פאַלט אָפּ דאָס רעכט פון די געטער: צו האָבן פאַר־טראַכט, אַ פּ ר י אָ ר י — אָט דעם גאַנצן פול־געצייכנטן הימלשן קאָ־דעקס פון שכר ועונש — פאַר דעם מענטש; עס מיינט: אָט דאָס אָנגעבן, אין פאָרויס, די פולע אויסשעפּלעכע צאָל פּאָטענציעלע עווענטועלקייטן, וואָס זיי, די געטער — כלומרשט, אין זייער אומענדלעכער אַל־העלזעוו־דיקייט, עד סוף כל הדורות, — טוען עס אָבער, פּאַקטיש, ווי אַרויפ־לאָדן־אַרויפצווינגען אָף דעם מענטשן... ווייל, כאַטש, אין פלוג, קומט עס פאַר: אַז, פונקט, ווי זיי, די געטער, מיט ז יי ע ר פּאָטענציעל־קייט, שפּיגלען־זיך, צוערשט — אין דעם מענטשן; אַקוראַט אַזוי, טוט זיך, גלייך־דאַרויף, דער מענטש, מיט ז יי ן פּאָטענציעלקייט, דאָס הייסט, מיט אַלע ז יי נ ע, א יי ג ע נ ע, עווענטועלקייטן פון לעבן, אָפּשפּיגלען־אָף־צוריק — אין די הימלען; יאָ, איז, אָט די דאָזיקע צו־ריקאָפּשפּיגלונג טוען עס זיי, די פאָרויסזעענדיקע געטער, באַלד אויפ־נעמען אין זיך, און עס פאַרייביקן גלייך — אין דעם הימלשן קאָדעקס: כלומרשט, ווי אַן אָפּשפּיגלונג — פון זייגער, דעם מענטשס, פולשטענ־דיק־אומאָפּהענגיקער טאַט..., — דאָך אָבער, אין גרונט, איז עס דאָך — פאַלש; היינט, מיט וואָס פאַר אַ רעכט — ווערט דאָס אַלץ געטון?!.

איז, דאַרום: אָ, ווי דערלייזט פון אָט דעם גאַנצן אומגליקלעכן קאָשמאַר דערפילט זיך דער דעמער־מענטש — אין זיין אויפגאַנג און צוריקקער — צום א י נ ד ו ק ט י ו ו ן אַרט דענקען: פון פּרט, צום כלל. ווען ער ווערט, מיטיינמאָל, פּטור פון דער פאַרפלוכטער מעדיום־פּאַטאַליטעט און זיין־משועבד — צו איבערנאַטירלעכע געטער; און ער ווערט אומגעקערט, באַנייס — צו זיין מענטש־קאָנדיציע; דאָס הייסט: צו זיין — ד אָ ס, וואָס ער איז — נ אַ ט ו ר!... אמת: דערוויילע, אויך משועבד — צו נאַטור; אָבער: נישט — צו העכערס פון זיך, — גייערט, צו זיינס גלייכן! נו, און וויבאַלד אַזוי, — מוז דען אַלץ, אין דער נאַטור, זיין — גלייך? איז דען אַלץ — גלייך?... אמת — ניין?... איז, ערשט, זאָגט, אדרבה: — ווער־זשע איז עס אומשטאַנד, אַצינד, אָפּצוהאַלטן דעם דערלייזט־באַגליקטן בן־אדם פון העכסטן פרייסטן אָד־לער־שוואונג — אָ, אין דעמער־אויפגאַנג פון מענטש?!.

---

טאַל־משועבד צו האַנדלען — נאָר פולקאָם, און נישט אַנדערש; במילא, איז עס אפילו נישט — פולקאָם... נאָר — אַזוי, צי אַנדערש, — פאַלט די איינציקע ערבות פאַר דעם בייז־און־גוטס־טון פון מענטש — אָף דעם טון־געשעען־אין־זיך, אין דעם זיין; במילא, איז די איינציקע שולד, וואָס עקזיסטירט, — בלויז — די שולד־אין־זיך; (און דאָס זעלבע, ווי דערמאָנט, איז חל אָפן גוטס;) נו, און אויב די געטער קומען־אָפּ זייער שטראָף, פאַרן בייזן, (פונקט, ווי זיי געניסן זייער לוין, פאַרן גוטן) — אַנגעלאָדן אָף דעם פּאַטאַל־געבונדענעם מעדיום, דעם מענטש, — פרעגט זיך: איז דאָס — רעכט?!

אָ, אין זיין אויפבלי, און אין העלסטן צוזאַמענשפּיל — מיט דעם גאַנצן אומענדלעכן זיין, אין דער נאַטור.

ווייל: פּונקט, ווי די שטערן, אין ז יי ע ר מאָוימדיקער ווייט, לויכטן טוען־אויסשטראַלן ז יי ע ר שיין — פ אַ ר א ו נ ז, און אָפּשלאָגן־זיך־שפּיגלען אין די אומרואיקע שעפערישע קוואַלן פון א ו נ־ ז ע ר געמיט, — אַקוראַט אַזוי — מיר, אין א ו נ ז ע ר מאָוימדי־ קער ווייט, לויכטן טוען־אויסשטראַלן א ו נ ז ע ר שיין — פ אַ ר ז יי, און אָפּשלאָגן־זיך־שפּיגלען אין די אומרואיקע שעפערישע קוואלן פון ז יי ע ר זיין...

און אויב די שיין איז נישט — שיין־אין־זיך; נייערט — אָפּשיין; און זי ווערט אויפגענומען, אין אומויפהערלעכן אויסשטראַל־אָנשטראָם, אויס דעם פירכטערלעך־ווייטן אַל־מיסטעריעזן נאַטור־זיין־אין־זיך — צו אַלע מאָוימדיקע אומצייליק־רעוועלירטע פּרטים־ווייטקייטן, (אַזוי — שטערן, אַזוי — מיר,) אין דער אומענדלעכער נאַטור, — טאָ: ווער (זאָגט, אַדרבה,) איז — אַזוי אומצוטריטלעך־הויך־און־ווייט, (במילא, אַזוי כישופדיק־רעגנד־אומווידערשטייליך־גאָענט־אייגן,) פ אַ ר דעם אַל־אוניווערסאַלן, צו־אים־לעכצנדן, כל־היקום — ווי דער ניי־דערוואַכ־ טער; אין זיין אייביקער פּיין, אַזויווי קיינמאָל ביז איצט, צעברענט־צע־ שטראַלטער — בן־אָדם; אָ, אין זיין טראַגישסטן דעמער־אויפגאַנג פון מענטש?!

# לידער צו גאָט, מענטש, און טייוול.

## גאָט, מענטש, נאַטור.

די נאַטור האָט נאָך אַלץ, וואָס צו זאָגן דעם מענטשן —
מיט אירע בערג און די טאָלן, די ימים, די קוואַלן;
און אָנשטאָט זיצן אין פּאַטעלן, אָנגעשפּאַרט אָן פּאָרענטשן,
און באַוואונדערן איר פּראַכט — אין טעמפּלען, אין זאַלן.

וואָס דו אַליין, מיט אַזויפיל מי און טאַלאַנט, האָסט געשאַפן,
און אומגערן פאַר זיך אויפגעשטעלט — די אומדורכדרינגלעכע
ווענט, —
אָ, הויב־אויף דעם אַנקער פון דיינע שיפן, אין דעם האַפן,
און לאָז זיי פ ר יי ווערן געטראָגן — פון דעם צעשפּילטן
עלעמענט.

און דו אַליין: אַ ל ץ, וואָס דו האָסט געלערנט — פאַרגעס:
אָ, לאָז אויפגיין, אין דיינע אויפגעוואַכטע
חושים אַלע — די פּיין;
און דו וועסט זוכה־זיין, אַצינדערט — צו דערהערן דעם נס:
אָט דאָס אייביקע קול דממה־דקה — אין דעם זיין...

אָ, די נאַטור האָט נאָך אַלץ דעם מענטש, וואָס צו זאָגן —
מיטן לשון פון אירע וועלדער, די בערג מיט די טאָלן;
און אויב ער בלאָנזשעט, ער טרעפט נישט דעם שליאַך צו
פאַרטאָגן,
און ער וואַקלט צווישן זיין און נישט־זיין, אַף צוויי שאָלן, —

טאָ, גיב־אויף, בייזער מורד, דעם בלינדן דורשט צו וויסן;
פונוואַנען דו קומסט, און וואוהין דו גייסט — אין דעם רוים;
אָ, קער־צוריק, מיט הכנעה, צום שטאַם — אָפּגעריסן;
און נעם־אַנקוועלן באַנייס מיט פרישן גלויבן, ווי דער בוים.

און ווי די צווייגן, שטרעק־אויסביידע הענט — אַף אַרויף:
„...אָ, גאָט, גיב רעגן — פאַר דיין זון אומגעקערט...“
און דו מאָגסט בלייבן זיכער — אַז דיין געבעט איז דערהערט;
און עס נידערט אַף דיין קאָפּ — דער גשם־ברכה פון אין־סוף.

דאָס בענטשט דיך — דער טאַטע; און ער וויינט אַליין,
פאַר פרייד:
וואָס זיין קינד, נאָך לאַנגן בלאָנזשען, האָט זיך ד אָ ך
אָפּגעזוכט;
היינט, גיי־ וו יי ס דעם באַטייט, גיי־ ט ר ע ף דעם
באַשייד:
פון דיין וואַנדער — דעם באַנג; די אַנגסט — און די פרוכט...

---

## די מידע ביאַלאַגיע.

די ביאַלאַגיע איז מיד — פון זיין בלינד און פאַרשטעלט;
צו בלייבן פאַרשניטן — פון דעם הייליקן שטאַם;
צו שפּילן די ראָל — פון אַ גאַטלאָזער וועלט;
און זי לעכצט, זי גייט אויס — צו איר אייביקן פלאַם.

די ביאַלאַגיע איז מיד — פון אַזויפיל פ אַ ר ש ט אַ נ ד ;
פון אויפקלערן־אַנטבלויזן — די שכינה־מיסטעריע;
און טון מיט איר פּראָווען — די אָרגיע פון שאַנד,
אַף אַלע געמארקן פון פּעבלס היסטעריע.

די ביאַלאַגיע איז מיד — פון איר אייגענעם זיין;
פון זייען אין ווינט — איר באַנג צו דעם קוואַל;
און אַחרי ככלות הכול — ווי דער העסלעכער שוויין,
אויפגעלייזט ווערן — אין עיפּוש פון שטאַל.

אָ, די ביאַלאַגיע איז מיד פון אַזויפיל ליבע — און האַס;
פון זינלאָזן דראַנג צו באַשאַף — און צעשטער;
— איז — פרעגט זי — צוואָוואָס אָט דער בלוטיקער שפּאַס, —
ווען אַלץ ז׳אַזוי לויטער — ווי די וואַרעמע טרער?

פאַר וועלכער עס שטומען — אַלע וועלטן, שיקזאַלן;
און גאָט אַליין נידערט — אויסקושן איר וויי;
איז, זע־ צ ו דאָס וואונדער: פון דער טרער ווערן — קוואַלן,
וואָס ק ו מ ע ן אַנצוטרינקען אין הערצער — דעם פּאַרזיי.

אַז אויפבליען אין אַלע זאַל — איין פלאַמיקער באַגער:
— אויסלייזן גיין — די פּיין פון דער טרער;

**איז, ברודער, געשטאַרקט זיי, ביז לעצט, אין דיין טראָט;**
**אַ, אין גאַנג פון עלנטן מענטש — צו זיין גאָט.**

---

## דער אייביקער מענטש.

**אָפט, ווייס איך אַליין נישט — וואָס איך לעב אָף דער וועלט;**
**איך מיין — וואָס עס האַלט מיך נאָך־אויף אָף די פיס;**
**וויבאַלד אַז נישט דאָס, און נישט יענץ, וואָס באַזעלט**
**אונזער לעבן און באַ׳טעמ׳ט עס — אי ביטער, אי זיס, —**

**טאָ, וואָס פאַר אַ זין האָט — זיך־מאַטערן, אין פיין,**
**בלויז דערפאַר, ווייל — בעל כרחך אתה נולד, אתה חי;**
**אָפּפינצטערן די יאָרן — אָן גלויבן, אָן שיין;**
**און נישט־מאַכן אַ סוף; ווערן פּטור, ווערן פריי?!**

**ווייל, אין טאָג פון מיין טויט, וועט אַזוי גרויס־זיין די פרייד —**
**באַ אַלע, וואָס טוען שעלטן — מיין שעה פון געבוירן;**
**און עס וועט הויך זיך־צעשאַלן — די מוזיק פון אינגעווייד —**
**אין דער וועלט פון שאַקאַלן, פון וואַנצן, פון טכוירן.**

**„— דערלעבט אַ נקמה! — וועט מען זיך פּאַטשן אין די בייכער —**
**אַ, ענדלעך, געקומען דער טאָג, וואָס מיר האָבן באַגערט;**
**און פון איצטער, זאָל יעדער — ווער אָרעם, צי רייכער —**
**טון פּרעכטיק־באַ׳אַווירן אונזער וועלט, אומגעשטערט!"**

**און מע וועט מיר פּראַווען, דאַרום — אַ גרויסאַרטיקע לוויה;**
**מיט טענץ, מיך־באַגלייטן — צו דער אייביקער רו;**
**און הערצלדן וועלן ווינטשן, האַרציק־געטריייַ:**
**„— אַז ס׳זאָל שוין, קיינמאָל, אַזאַ אויסוואורף נישט־אויפשטיין מער — טפו!**

**„— נאָר, אויפגיין אַ וועלט זאָל פון עיפּוש, אין יעדן לאַנד;**
**פון יערנדער פּאַסקודע — פאַר אַלע ווערים אין כאַריין;**
**(און דאָ, וועלן זיך אַ גאָרגל־טון יענע הערצלדן פון שאַנד:)**
**און איצט, קינדערלעך — איניינעם: ונאמר אָמן!..."**

גאָר, אַזויווי דאָס גליק וועט נאָך אַלץ נישט־האָבן געקומען —
גישט־געקוקט אַף דעם איבעראַל־זיך־טון־דעמפנדן
פ אַ ר פ ו ם, —
וועט זיך שוין אָפזוכן א יי נ ע ר — וואָס וועט גיין פלאַנצן
ב ל ו מ ע ן;
און איבער נאַכט, וועט ער איינזאַמלען — א ו מ ש ט ע ר ב־
ל ע כ ן ר ו ם!

און עס וועט צוגיין — אָ ט ־ וויאַזוי, יענער מערקווירדיקער
פראָצעס:
צוערשט — וועט מען אים קרייצן, זיין בלוט קאַלט־פאַרגיסן;
נאָר דאַן, אומגעריכט — וועט געשעען ד ע ר נ ס:
און ער וועט נעמען א ו י פ ג יי ן, ווי אָ ב ל ו ם —
אין איטלעכנס געוויסן.

און ער וועט שוין איינרוען נישט־לאָזן קיינעמען מער,
ביז מע וועט נישט ק ו מ ע ן — א ו י ס ק ו י פ ן די
שווערע ז י ג ד;
און לאָזן פ אַ ל ן אַף מיין קבר — אַ קאָכיקע טרער...
איז — וואָס נאָך קאָן זיך ווינטשן דאָס מענטשלעכע קינד?

און די טרער וועט אַדורכגליען מיין פאַרשמאַכטן געביין:
„...אָ, זיי וו י ס ן — נישט־אומזיסט געווען איז די פיין;
און שלאָג־אויף, ווי די בלום — דורכן מאָכיקן שטיין;
אייביק, ו י א י ד, ביסט געווען, און דו וועסט זיין...“

יאָ, איז — אָ פ ט, ווען ס׳באַפאַלט מיך די שוידערלעכע קעלט;
אַזש כ׳ווייס מער אַליין נישט — וואָס עס האַלט מיך אַף די
פיס, —
פאַרנעם איך ד אָ ס ק ו ל, ווי עס רופט און באַהעלט;
און באַ׳טעמ׳ט אונזער לעבן — אי ביטער אי זיס.

---

# דער קינסטלעכער מענטש.

דער קינסטלעכער מאַן פון היינטיקער צייט,
האָט אַליין זיך גענומען, רעדוצירט — אַווטאָמאַט;
אַריינגעשטעלט ציין — ער פרעסט און ער קייט;
און קומט בעטן מחילה, — אַ לעפל סולפאַט.

אַזוי אויך זיין טראַכטן, זיין דענקען — קלישע;
געטוי־גראַמאַטיקאַליש — אַ קאַמאַ, טירע;
און ק ו י ם דאַרף ער ווייזן — איז, אָנגעשטעלט מאַשין, —
און עס נעמען גלייך קאַפּען — טראָפּנס גליצעריך.

און אויב ד אָ ך עס רירט אים ווען — אַ וואַרעם געפיל;
אַ צאַפּל אַ לעצטער פון זיין גלאָריע פון אַמאָל;
אַ מענטש פון בלוט און פלייש — נישט פון אייזן, פון שטאָל, —
איז, ב אַ ל ד דעם דערלאַנגט, מיט אַ דראַנג איבערן קאָפּ!
ווילסט קוואַטשן — גרייף אָן דעם געהעריקן קנאָפּ, —
און ווערט־גלייך טון־פאַרפלייצן — פון רעדער, די מיל...

איז, אַזאַ ט ע ם, באַ דעם מאַן פון היינטיקער צייט,
ה אָ ט אויך — זיין גלויבן, זיין אידעאַל, זיין קריג;
ער פילדערט, פּראָוועט אָנשטעל: ער שווערט, און ער שרייט!
נאָר, געשליפן זענען מיר אַלע געוואָרן, אוי — קליג;
זעסט איין: ס'איז אַ קאַמף — פון דער שפּין מיט דער פליג;
היינט, וואָס איז דער חילוק — מיט וועמען דער זיג?

איז, איין טייוול אַליין ווייסט — וואָס קאָן ווערן דערפון;
וואוהין עס פירט אָט דער וועג — דער מענטש האָט פאַרטראַכט;
פאַרטיליקט פון זיין געמיט דאָס ליכט פון דער זון;
זיך ־ א י ב ע ר געענטפערט דעם גורל פון נאַכט.

---

## די אייביקע וועלט.

די אַלטע וו ע ל ט גראַוויטירט — צו איר אייביקער רו;
און ק יי ן כ ו ח איז אומשטאַנד — אין דעם, איר צו שטערן;
ווי עס דרענגען צום פייער — דער שעפּס, צי די קו:
עס זאָלן די פלאַמען זיי־אומאַרמען, פאַרצערן.

אָ, ניין, די אַלטע וו ע ל ט וויל מער ניט ־ אָ נ ה ו י ב ן
צו וויסן —
פון דעם אַ ל ע ם, וואָס איז אַזוי ־ ג ו ט — פאַר איר דויער,
פאַר איר וואויל;
זי פאַרשטיקט דאָס צעפּייניקטע געשריי פון איר געוויסן,
וואָס הילכט אָפּ אין איר צעבלוטיקטער זעל — אַזוי הויל;

און זי איילט, זיך־באַגראָבן אין שויס, צו גענידן —
פון דעם טונקעלן קעניגרייך, וואָס איז רייצנד אַזוי פּויל;
די געציילטע מינוטן, פאַר דעם סוף, צו פאַרזיסן;
איר קראַנקן ק אָ פּ צו פאַרדולן, פאַרטויבן דעם גרויל;

און אַזוי אָ פּ ג יי ן, אין פאַרגעסן, אין שיכור־לעצטן באַל —
מיט דער זונה אויסגעראַיעט, אין דער אָרגיע פון שאַנד;
פאַרקראָכן אַף אַלע פיר, ווי די בעסטיע, אין דעם שטאַל,
אויך ווי אַ דבר־אַחר, ווערן־געקיילט, מיט דער אָפקערערן באַנאַנד;
גאָר, נישט ־ ד אַ ר פ ן ־ ד ע ר ז ע ע ן — יענעם גזר, דעם באַפעל;
אָ, די האַנט, ווי זי צייכנט: מ נ א, מ נ א — ת ק ל...

איז, ווער ווייסט, וואָס דו האָסט זיך ־ א ו י ס ג ע ר י כ ט,
אַלטע וועלט פון זינד;
אָ, שטרעק שוין א ו י ס דעם האַלז; לאָז נישט וואַרטן דעם ח ל ף...
אפשר פ אָ ר ט וועט די ווערט־זיין — דער ק ר ב ן, ד י ר י נ ד;
אַז, נאָכן לעצטן תיו, וועט באַנייס קומען — דער אַלף.

און אויפגיין אַ וועלט וועט — ג ר אָ ד, ווערטיקאַל;
מיט מ ע נ ט ש ל ע כ ע הענט און פיס — אַנשטאָט בהמהשע קלאָ;
איי, ב י ז וועסט ווערן מ י ד — ו ח ו ז ר ה ג ל ג ל?
טאָ, וואָס קאָן מען טון? איז גוט — חיי שעה.

---

# דער קראַנקער מענטש.

דער מענטש ווערט געבוירן — אומהיילבאַר־קראַנק;
און זיין איינציקע גענעזונג איז — דער טויט.
דאָך, ג ע מ ט ט אָפּ די ערד — זיין פעטן געשטאַנק, —
בליט זי־אויף, מאָרגן — מיט שמעקעדיק ברויט.

ס'איז — אַ זוכן, צו טרעפן ד ע ם וו ע ג אַ ף צ ו ר י ק —
זיין שטענדיקער באַנג, זיין צאַפּל, זיין צוויק;
אָט דאָס אייביקע בלאָנזשען אין דעם פינצטערן בוש;

און באַפאַלט אים ד י פ ל אָ ג, צי ד אָ ס ג ל י ק
אים באַשערט, —
עס ברענט אויס זיין זאַפט — א יי ן פ ל אָ ם און פאַרצערט;
און לייזט אויס זיין חיות — מיט אַ פיינפולן קוש.

אַזוי פיבערט דער עלנטער מענטש און ער אַנט:
אַז אַלץ, וואָס ער הערט און ער זעט, איז — אַ טרוים;
אַ בלינדע אילוזיע, אין זיין קראַנק ל יי ב אָנגעשפּאַנט,
שלאָגט אין אים־אויף, מיט געל־בראַנדיקן שוים.

און ער רופט, אויס דער טיף פון זיין תפיסה, צום האַר:
— צעוועק, אָ, דיין קנעכט — פון דעם בייזן קאָשמאַר!
און כאָטש איך ווי יי ס: אַז — כי לא יראַני האָדם וחי, —
איז מיר זיס אָט דער טויט — מיט דיר, אין דער פריי...

## ז ע ל ב ס ט ־ א ו ר ט יי ל.

נישטאָ קיין ר ע כ ט צו ל ע ב ן אַף דער וו ע ל ט —
פאַר אַזוינע,
ווי א י ך, וואָס זעען אַ ל ץ — אַזוי שוואַרץ, אַזוי העל!
און פּרואוון ־ ש ט י ק ן אין זיך ד י וו אָ ר — ווי דיין
בלוטיקן שונא,
און אַנטלויפן פאַרן אמת — ווי דער אַלטער נביא יונה, —
וועט דען א ו י פ ה ע ר ן ערשט ־ ג ר י ז ש ע ן דער
וואָרעם — די זעל?...

ער נאָגט מיר דאָס חיות — אָן אויפהער, אומדערמידלעך:
„...קוק זיך אָ ן אינעם שפּיגל; און ענטפער — זיך אַליין;
צי מיינסטו עס ערנסט: מיט דיינע פ י נ צ ט ע ר ע לידלעך
ברענגסטו געגעזונג — פאַר מענטשלעך געביין?

„...אָט די טראַגישע דראַמע פון ערדישן זיין —
וואָס האָט נישט קיין זין, קיין טאַלק, קיין באַשייד...
און ווען אַ פ י ל ו ס׳זאָל געראָטן — אויסראָטן די פּיין;
אָנזעטן דאָס לעבן — מיט גליק און מיט פרייד;

„...פאַרטיליקן דאָס בייז, די רויבער, די וועלף;
אויסברענען פון גרונט — די שענדלעכע גויט;

אויפהערן, אַף אייביק, דאָס בעטלען — אָ, העלף!..., —
וועט זיין ל יי כ ט ע ר דאָס־קרייצן — ד י ב ר י ק צ ו
ד ע ם ט ו י ט?...

„...און צי וועסט נ ע מ ע ן דעם וועג — פון י אָ, צי
פון נ יי ן;
נ אָ כ קומען, צי ווערגן — אַלע צאַפּלען, אַלע גלוסטן, —
וו ע ס ט ו, אַלציינס — נאָר אַ ה י ן טון־דערגיין —
אָ, דאַן, ווען ס'וועט ש ל אָ ג ן דיין שעה — צום
אומבאַוואוסטן...

„...היינט: וו אָ ס פאַר אַ זין־האָט — דער דראַנג, פאַר אַ
וואָרט;
געבלוטעט, געקעמפט; אַלץ ־ א ו י פ ג ע ש ט ע ל ט —
פּערפעקט. —
אַז — פריער, צי שפּעטער — זאָל עס ווערן פאַרקערט,
פאַרטראָגן פון שטורעם, פאַרוויסט און געעקט?...

„...און ווען ע ל נ ט ע ר מענטש זוכט שוץ — אין דעם
שטייגער;
אין טומל פון עדה — פאַרגעסונג געפינען, —
קומסט ד ו: אים־צעוועקן — מיט געשפּענסט פון זיין פגר;
כדי אים אינגאַנצן צו ברענגען פון זינען?...‟

און כ'וועל בלייבן פאַרשטומט; בלויז צוקוקן, דערשלאָגן,
אין אַ זייט פונעם לעבן, באַם פאַרמישפּטן צוקאָפּנס:
ווי ער זוכט, פאַר דער ענד; אָ, א יי ד ע ר ע ס נ ע ם ט
ט אָ ג ן..., —
צו דערטרינקען די טויט־אַנגסט — אין דעם ביטערן טראָפּן...

נאָר, נישט ד ע ר פ אַ ר, וועט מיך צ ו ר ו ל אָ ז ן —
דער גריזשענדער וואָרעם;
זיך, איינמאָל, אין מיר ב אַ ז ע צ ט; צום דעם אַלעם
דערטראַכט;
פאַרקוילט־האָט — מיין תוכן; פאַרוויסטעט — די פאָרם;
אתאָ בוקר וגם לילה — די בייז־פינצטערע נאַכט...

# די גאָטלאָזע שטאָט

כ׳האָב ליב די גרויסע שטאָט, און איר רויש, צו יעדער שעה;
כאָטש איך ווייס: אַלץ, וואָס כ׳ ל י ב, איז דער טויט
דאָרט — דער האַר;
און אַז גאָט איז דאָ אינערגעץ נישט פאַראַן, ער איז נישטאָ;
דאָך, ליב איך זי, די גרויסע שטאָט; און אפשר — דווקאָ
דערפאַר.

ווייל, כ׳ליב אַלץ, וואָס דער מענטש נעמט אונטער — אוז
פאַרשפּילט:
אין זיין אייביקן ש ט ו ר מ י ש ־ טיטאַנישן פאַרמעסט —
צו דערגרייכן העכסטן שפּיץ; וואו ער טראַגיש־דערפילט,
מיטיינמאָל, אין דער שרעקלעכער איינזאַמקייט־פאַרשטילט:
...אָ, דעם א ו מ ז י ן דעם גאַנצן פון זיין א ו מ ־ מעכטיקן
זשעסט...

...וואו ער ל אָ ד ט ־ אויס, פאַרברענט — די יוגנט, דעם
שוואונג;
און בלייבט שטיין, פאַרלאָרן — פאַר זיין ריזיקן געבוי
פון טויטן פעלז, וואָס אָטעמט מיט שטאָלענער לונג;
און לאַכט אויס־זיין שעפער — ער ש ט ע ל ט ־ אים אַרויס
אַ צונג...
אם השם לא יבנה בית — שווא עמלו בוניו בו...

און ער פאַרנעמט, דאַן, אַרום — אַ אַ נ ד ע ר ר ו י ש ־ אַ
געשריי;
און ער דערהערט אינעם בלוט — דעם רוף צו אים:
... — שטיי!...
דאָס בין א י ך צו דיר — דאָס ע ר ש ט ע און דאָס
לעצטע געבאָט;
דאָ, אַף דעם ראַנד: וואו עס הערט־אויף — מ ע נ ט ש, און
עס הויבט־אָן — גאָט...

אָ, כ׳האָב ליב די גרויסע שטאָט, מיטן ווילדן רעוו און געברויל
פון אירע אַלע עלעמענטן — אירע סירענעס, מאַשינען;
ווי אַ גיגאַנטישער מאָנסטער, אין בלינד־צערייצטן צעשפּיל,
טאַפּט אין דער פינצטער, אַ געוּוירטער פון זינען:
דעם וועג — צוריק אַהיים; נאָר ער קען נישט געפינען...

און ער וואַיעט־אויס, פאַרצווייפלט, זיין יאָמער־געקלאָג —
אין חלל פון וועלט — מיט פעך־שוואַרצן זאַט;
מיט קנוילן־רויך און דאַמף, און וואַנזיניקן פלאַם;
דאָס טוט ער פאַרשעלטן — יענעם פינצטערן טאָג:
ווען ע מ י ץ האָט אָנגעטראָגן — אין דער לאַבאָראַטאָריע
פון גאָט,
(אַ, פאַרשוועכט און צעשטערט — די אייביק־לייטזעליקע רו;
דאָס קאָן האָבן־געווען — א י ך; דאָס קאָן האָבן־געווען — דו;)
און אים־צעוועקט, און גוואַלדזאַם — אים־אָפּגעריסן פון שטאַם...

און אים אַוועקגעפירט א י ן ע ר ג ע ץ — אַ געשמידטן־
געפענט:
זיך־דרייען און טרייבן — אַרויס, און אַריין...
...טאַ, זאָל ער ווערן — אָפּגעמעקט, פאַרטיליקט, פאַרלענדט, —
ד אָ ר ט, וואו ער איז; און וו ע ר ער זאָל נישט זיין...

אַזוי שפרייט זיך די קללה פון דעם בלינדן גיגאַנט;
זי דריקט, אַזוי שוואַרץ, אַף מענטשס עלנט געמיט;
און זי ברענט באַ אים אויס — פון דער טאַט, יעדן זין;
אַז ער ה ע ר ט שוין־אויף ז ע ע ן: וו אָ ס פירנעמען,
וואוהין...
גרייט — לאָזן זיך־איינברעכן: פאַרטראָגן פון שטראָם;
ב ל יי ב ן איינגעזונקען — אין לעצט־פינצטערסטן תהום...
אַ, ביז, א י ן ד ע ר ט י ף, ער דערשפירט־פּלוצים,
דעראַנט:
...אַז ער א י ז מער נישט — אַליין; נאָר, ער גייט —
זאַלבעדריט:
דער האַר; און דער מענטש; און דאָס ווערק — די מאַשין...
אַ, זיין האַנט, דעם באַשעפערס — ווי איבעראַל — שטעקט
דערין...
און אַז די פיין און דער וואָגל, אָ, אַלץ איז געווען כדאַי;
ווייל, אַלע וועגן פירן — צו גאָט, אַף דער פריי...

ה יי נ ט, איז אַ רבותאָ: פאַרוואָס איך ליב די גרויסע שטאָט —
אַט דעם גריילעכן קאַלעכאויון פון מענטשנס געלייטער;
אַזוי לאַנג געבראַנדמאַרקט אין לעסטיקן שפּאָט, —
ב י ז ער דערגייט — און אַזוי ווייטער, און ווייטער?...

# צו מ. טש

און ווידער, האָב איך אייך געזען־גיין, אַף אַווענידאַ קאָריענטעס,
און פאַרשטעלן די אויערן — פאַר דעם רויש פון דער גאַס;
און איך האָב גלייך, אין אייער גענגל, דערקענט: אַז איר זענט עס —
דער טש., וואָס פּרעדיקט — דערלייזונג, דורך האַס...

דאָך, האָב איך אייך פאַרהאַלטן: — אַ גוט מאָרגן, חבר מלך;
זענט איר נישט — אַ קרוב פון משה נאַדירס באַרימט ליד?
„און אַז דער רבי אלימלך איז געוואָרן זייער פריילעך”, —
האָט ער, איין רגע, פאַרגעסן — אַז ער איז אַ געפּלאָגטער גוטער איד;

און ער האָט געשיקט נאָך די פידלערס, די צימבלערס די צוויי —
אַז זיי זאָלן אים דערקוויקן דאָס האַרץ־זיינס פאַרשמאַכט;
און אַז געפידלט און געצימבלט און געדרימזשעט האָבן זיי, —
איז אים דאָך געוואָרן ליכטיק — אין דער שטאָק־פינצטערער נאַכט...

טאָ, זאָל זיין, אַז דאָס האָט זיך אים בלויז אויסגעדאַכט;
און אַז עס האָבן די צימבלען פון אים אָפּגעשפּעט־געלאַכט;
נו, איז דען נישט־ליבערשט — די אילוזיע פון שיין, —
שטאָט־פאַרגיפטן דעם לעצטן טראָפּן־זאַפט —
מיט דער פּיין?

און אויב די וועלט איז פאַרדאָרבן, געמיין, זי איז שלעכט;
און זי האָט נישט קיין תיקון — נישט היינט, און נישט מאָרגן, —
טאָ, מוזן אידן זיין — גערעכטער פון גערעכט;
און זיך־לייגן אין דער ערד — פאַר אַלעמענס זאָרגן?

איז — נעמט נישט פאַר אומגוט, וואָס כ'האָב אייך איידל אויסגעזידלט;
אַז מע לעבט צווישן וועלף, איז — איין וואָי, איין געשריי,

. . . און אַז די פּידלדיקע פּידלערס האָבן געצימבלט און
געפּידלט. —
האָבן געצימבלט, און געפּידלט און געדרימזשעט האָבן זיי...

. . . איין וועלט — פאַר אַלע גלייך; קיינער קיינעם געבאַרגט;
טאָ, זאָל מען דיך נישט־זעען — געבויגן ביז לעצט;
„— אַיי, די שונאים?“ — וועסטו פרעגן; אָ, וועגן דעם
נישט געזאָרגט;—
זיי בלייבט־נאָך, אַלץ די ברירה — צו ווערן צעזעצט.

---

# למנצח — צו מיר, צו דיר, שיר.

אַלע וועגן פירן צו גאָט; און, דערום,
איז — אַשרי האיש, אשר לא־הלך . . .
וואויל איז צו דעם, וואָס גייט גלייך, נישט — קרום;
און זוכט אויסטיילן — דעם תוך, פון דער
שאָלעכץ...

גאָר: וואָס איז — דער תוך? ווער קען וויסן, קען אנען?
אפשר — תכלית הידיעה, שנדע, שלא־נדע?
און, נאָכן האָבן איינגעזאַמלט וועלטס שפע — פולע קאַנען, —
ווידער, צוריקקערן צום טאַטן, צום זיידן —
אַז זיי זאָלן די מיסטעריען פון זיין טון־באַשיידן?...

ווייל — אַלע וועגן און אומוועגן פירן צו גאָט;
דו, גלייך גיי, צי קרום, — איז איינס, דער סך־הכל,
און, צי דו ברענסט אין די פייערן פון גלויבן, צי שפּאָט, —
אַלציינער — דער אויסצער, דער סנה־בוער, דער פאַקל;
אַזוי שטאָלץ איז דיין גאַנג, און בלינד־זיכער דער טראָט, —
ביז פּאַרטשעפּעסט וואָר־ערגעץ, דו טוסט דעם
ערשטן וואַקל;
און דו דערהערסט, אין באַהעלונג — צו דיר די
וואָרענונג, דעם פאַרבאָט...
און דו נעמסט מורמלען, דערציטערט: — ברוך
אתה... שהכול...

ווייל — אַלע וועגן און אומוועגן פירן צו גאָט;

און, וואָס דו וואָלסט נישט טון, — שטייט ער הינטער דיר;
ער צינדט און ער פלאַקערט — אין דיינע פלאַמען, אין דיין טראָט;
און ער צעעפנט, און שליסט פאַר דיר — יעדן צוטריט, יעדע טיר.

ווייל — אַלע וועגן, ווי די טייכן, פירן צו איִם, דעם הער;
נאָר, ער אַליין, ווי דער ים, בלייבט, אייביק — אומדערזעטלעך;
און, וויפל ער זאָל נישט פאַרצערן אונזער לעבן, וויל ער — מער;
ווייל, ער איז גרויס; ווייל — אומענדלעך; אָ, ווייל ער איז — געטלעך!!

ווייל — אַלע וועגן און אומוועגן פירן צו גאָט;
און, וואָס דו זאָלסט נישט פירנעמען, — שלאָגט ער אין דערין;
ער גליט אין דיין גלוסט, אין דיין בלוט, אין דיין זאָט;
ער שפּילט, שוימט און שימערט, אין דעם ווייַן פון דיין באַגין;
און אינערגעץ, איז נישטאָ, פאַר איִם — קיין אַנטרין;
ווי פאַר דער צאַפּלענדער פליג — אין דער נעץ פון דער שפּין...

און דו אַליין, ביסט נישט מער — ווי אַ פונק פון דעם פלאַם:
וואָס זיין איינציקער באַנג־צאַפּל, איז — באַהעפטונג צום שטאַם;
נאָר, צוגלייך — אַ דיספּראַז, אַ בלינדער פאַרשטעל —
פאַר האַרס אייביקער בראַנד — אין אומענדלעכער פיין...
און, צי דו גייסט — שטיל־געהאָרכזאַם, אָדער שטורמיש־שיכור־רעבעל,
אין פינצטערסטן צאָרן, אָדער זינגסט, אַף דער העל, —
אַלציינס, איז דיין אויסלייז — אין איִם, אויפהערן זיין...

הייַנט: וואָס איז דער חילוק — פריער, צי שפּעטער;
ווי ווייט דו האָסט דערלאַנגט — מיט דיין דרייסטן מגדל־בבל?
אַז — וואָס פרייער דער שוואונג, און העכער דער קלעטער, —

אלץ נידעריקער — דאָס פאַלן, דאָס זינקען אין הכול־הבל...

אַ ל ץ בלוטנד־שארפער — די אויסניכטערונג, דער טרויער;
וויאזוי דו האָסט געפלאטערט; ביסט געגאַן, און דערגאַנגען...
איז, כאָטש ש וו ע ר־אזוי טוט זיך ע פ ע נ ע ן , ע ר ש ט ,
פאַר מיר — דער טויער;
אַ, כ׳זע א יי ן , אַזוי קלאָר: ווי איך קום ווערן געפאַנגען;

און אַ סוף וועט עס נעמען צו מיין פ יי ן־שטאַלצן וואַנדער —
א י ב ע ר די ווילדענישן פון וועלטס ב ו נ ט־פּאַנאָראַמע, —
דאָך, זאָג איך: — געגנוג; און זאָל, אף ווייטער — אַ אַנדער
נעמען שלאָגן — פון בראשית; יונג־א ו י פ ש פ י ל ן די
פולע גאַמע;
און טוך־ב ר ע נ ע ן נייע שליאכן פאַר מענטשס ע ל נ ט ע ר
דראַמע.

און איך אַליין, וועל צוריקקערן — טויט־מיד, רעזיגנירט;
אין שויס פון דער היים — געטוליעט, געשיצט;
און דערשפּירן: ווי אַלץ־אַ ר ו ם, שלאָגט־ווידער — אומבאַרירט,
(אַ, פּונקט, ווי אין יענע יאָרן, פון דער קינדהייט באַצירט,)
צו אַלע מיינע חושים — פריש־צ ע וו ע ק ט און פאַרשפּיצט;
אַלע פלאַמען, אַלע ליכטער — אַזוויוי קיינמאָל, צעבליצט;
אַלע זונען, אַלע שטראַלן — צעבלענדט און אָפגעהילט;
אַלע קלאַנגען, אַלע קוואַלן — פולע לאָגלען צעשפּילט;
און אַלץ בענטשט דיך, און האַלזט, און קושט, אָן אַ שיעור...
און דאָס איז — ד ע ר ־ ס ו ף ־ ברודער — פון מיר, און פון
דיר...
למנצח על הנפילים — מ ז מ ו ר ש י ר .

---

## טאַטע און זון

וואָס ווילסטו האָבן פון מיין לעבן, טאַטע האַרציקער געטרייער —
וואָס דו לאָזסט מיך נישט איינרוען, אין דער פינצטערער וועלט;
ג אָ ר איך זאָל ברענען, ווי אַ שטורקאַץ, מיט פייער;
צי גאָר נ ע מ ע ן אַרויסטראָגן לעצטע גאַרבן פון שייער,
און דערקוויקן פאַרשמאַכטע פון הונגער, פון קעלט.

אָ, צי איז ו י נ צ י ק , וואָס כ'האָב געהאַט״ג ע וו יי ל ט —
דעם דרך פונעם ניין;
גענומען, און אַלץ־אויפגעאָפּפערט — אפן מזבח פון אמת;
אַליין, ג ע ל יי ג ט דעם קאָפּ, ווי אַ קרבן, אפן שטיין;
דאָס לעבן געשטרעקט א י ט ל ע כ ן אַנטקעגן: — קום,
נעם עס...

איז — וו אָ ס דערפון ג ע וו אָ ר ן , — ווייסטו א ל יי ן ,
זייער וואויל;
אַ, דאַרויף זאָגן־עדות: פון יונגע — גראָע קעפּ;
און דאָס זענען ב ל ו י ז ד י — וואָס האָבן
א י ב ע ר ג ע ל ע ב ט דעם גרויל;
און זיי קומען פאַרצייכענען, לדורות — די קלעפּ:

וואָס מען האָט ג ע ק ר אָ ג ן , אַלס שכר, אַ באַלוינונג —
פון אַ וועלט,
פאַר וועמען מען האָט געטון־א ו י ס ב ר ע נ ע ן — דעם וועג
צו מענטש־ג אָ ט...
נו, א י ז דאָס נאָך א ל ץ — געלערנט־וו יי נ י ק ,
געקנעלט?
איז ווינציק — די פּיין; נישט־גענוג איז — דער שפּאָט?...

אָ, וואָס ווילסטו פון מיין לעבן האָבן, ט אָ ט ע , לאַנג־
פאַרשטאָרבענער —
וואָס דו טרייבסט מיך, אַף דער עלטער — באַגייס, ווערן אַ
ב אָ ה ע ם ;
ווידער, נ ע מ ע ן דעם וואַנדער־שטאַק; אַרומגיין, מיט דער
טאָרבע־נאַר;
אַף א ל ע ווּיסטע פעלדער טון־זייען — קידוש־השם...

און ד א ן , נעמען וואַרטן — מיט אַלט־אידיש געדולד:
אַז אין פאַרשטייניקטן וועלט־האַרץ זאָל אַנרייפן — די זריעה;
און עס וועט א ו י פ ב ר ע כ ן דער שטורעם, דער פרילינג,
ד י ש ו ל ד ;
און רירן פון אָרט זאָל — דער אייזגאַנג, די קריהע...

. . . יאָ, אָבער, שפּעטער, — ווידער — ז ו מ ע ר , האַרבסט,
דורך;

אָ, אַלץ ב ל ײ ב ט , װי געװען — אַ האָר נישט געביטן...
טאָ, זאָל ד אָ ס זײן — דער זין פֿון דעם עם־קשה־עורף;
— זיך־דרײען אין אַ ראָד, מ י ט ן א ו מ ז י ן
א י נ ד ע ר מ י ט ן ! !

און עס װערט שטיל — דער טאַטע; ער שטערט מיר נישט.
װײטער;
ער בלײכט־אָפּ, געשטאַלטלאָז, אין שאָטן — אַ ל ײ ן ;
נאָר, אין טונקל פֿון נאַכט־װעלט, נעמט־אױפֿגײן — ד ע ר
ש ײ ט ע ר ;
װאו פֿײנט האָט פֿאַרטיליקט זײן קנאָכיק געבײן...

און עס װאָרנט ד י ש ט י מ ע מיר, זאַנפֿט, אַפֿן אױער:
. . . נישט־עלנט דער טאַטע — אין דער װ ע ל ט־בראַנד פֿון
פּײן;
װי קײן זאַך װערט, קײנמאָל, אַלײן ניט געטון;
אין פֿײער פֿון מדבר, איז ער ב אַ ה ע פֿ ט — צ ו ם ס נ ה־
ב ו ע ר ;
װאָס ברענט, און װערט נישט פֿאַרברענט — אין דעם זײן;
אָ, דער אײביקער גורל — פֿון דעם פֿאָטער, אין זון...

---

## צו ה . . .

שױן אַ צײט, אַז איך קען אײך, כאָטש מיר זענען אומבאַקאַנט.
איר זענט א ר ײ ן אין מײן לעבן, װי אַ פֿריש־ב ל י מ ע ל ע,
צאַרט.
אָט זע איך, װי עס פֿירט אײך די מאַמע באַ דער האַנט;
און שפּעטער, באַם אַרױסגײן פֿון שול — װי זי װאַרט.

און אַזױ, יעדן טאָג, אין פֿאַרלױף פֿון יאָרן־לאַנג...
און מיטאַמאָל, װי איבער נאַכט, זענט איר אױפֿגעשטאַנען —
אַ פּ ר ײ ל ן ;
אַזױ אײדל — דער טראָט; אין בלאָע בליקן — דער באַנג;
אין די גאָלד־לאָקן — דער שימער, אַף זוניקע מײלן.

איז, אױב איך האָב באַװאונדערט אײער צױבער, אַלס קינד —

וואָס ט׳געמאַכט פ אַ ר ג יי ן מיין האַרץ מיט אַזאַ ישרעקהאַפט
גענוס, —

היינט, פ אַ ר וו אָ ס זאָל איך נישט א ו י ס ז י ב ג ע ן
מיין באַגייסטערונג צו אייך, א צ י נ ד ;
און אייך אונטערטראָגן, ווי אַ בלומען־קראַנץ, מיין דיכטערישן
גרוס;

און פאַרייביקן אין מיין ליד — אייער קינדערשע פּראַכט:
אַ, דאַן, ווען איר זענט ג ע ג אַ נ ג ע ן, נאָך־ג ע פ י ר ט פון
דער מאמען;
אַזוי זאָרגלאָז־אומשולדיק, צוגעשטיפט־געלאַכט;
צעבליט אין די באַקן — די ערשטע רויזן־פ ל א מ ע ן.

און געזייט אַרום זיך אַזאַ בלומענדיקן טרוים —
פון טויזנט־און־איין־כישוף, וואָס איילט — ווערן גליק;
כאָטש, אין ערפוכט, פאַר אייך פאַלן; טון־קושן דעם זוים;
און פאַרשטעלן דאָס פּנים — פאַר אייער שטראַלנדן בליק...

ווי פאַר אַ מאַגישער זעונג, וואָס שיינט־א ו י ף, און פאַרגייט;
וואָס נעמט־אָן, יעדע ווײַלע — אַ נײַ רייצנד געשטאַלט;
און שפּילט אויס די לעגענדע — ווי אַ צאַרט־האַרציקע פלייט —
פון טויזנט־לעבנס־אין־איינס; אַ, פון קיינמאָל ווערן אַלט...

און אַזוי־אַ־געפאַנגען — כאָטש זיס זענען מיר די קייטן,
גיי איך נ אָ ך — אייך, א י ן שאָ ט ן ; איך ליב אייך, און
איך בענטש —
יענע רגע, ווען איר ט׳געטון־א ו י פ ב ל י ע ן אין מיין לעבן,
ווי די קווייטן;
און דערקוויקט אין מיר דעם גלויבן — אין דעמער־אויפגאַנג פון
מענטש...

---

## מיין דיכטעריש בלוט

מיין בלוט ווערט געדעמפּט — אין פלאַמיקע אידייען,
וואָס ליבן און האַסן זיך — אין אייביקן געפעכט;
און יעדע שעה איז — אויפבלי; פון געבורטן — די ווייען;

פון גאָלדן־באַגינענס — די שוואַנגערנדע נעכט.

און יעדע ווייל איז: אי פרייד, אי פיין — אין מיין בלוט;
אַ, ביטער, אי זיס איז — פון שאַפן די שעה;
. . . און גאָט האָט געזען, אַז ער האָט אלץ געטון גוט:
פון חושך — דעם תהום; פון הימל — דעם בלאָ...

אין דעמער און אויפגאַנג פון וועלט, בין איך — אַלץ:
די רויז, און דער דאָרן — אין דעם בלומיקן טרוים;
אין טאָל פון דער ערד — דער זאַפט, און די זאַלץ;
פון ים׳ען — די שטילקייט, דער אומרו, דער שוים...

און אַ ל ץ אין מיר איז — אַ ג ה ו י ב און סוף, פּאַראַמאַל;
פון קין און הבל — דער אומענדלעכער שטרייט;
און נאָך יעדן מאָרד — דורך מעסער פון שטאָל, —
גייט, ווידער, אין מיר־אויף — דאָס לעבן באַנייט;

אין אויפברויז־און־שטורעם־צעשפּילטן עלעמענט;
אין צעשטער־און־באַשאַף — דער שוואונג־אַפּאָגיי;
און מיין בלוט, עס פאַרגיסן — די אייגענע הענט,
בליט־אויף, אין זידונג — פון נייער אידיי;

וואָס הויבט־זיך, אין פלאַטער — אַ שניי־ווייסע טויב,
אַזוי בלענדנד־צעהעלט — אין שטראַלן־זעפיר...
...דעם דיכטער, דעם שעפער — אַ בענטשונג, אַ לויב...
געזאַנג איז מיין בלוט; עס איז — דיכטונג; ס׳איז — שיר.

---

## דער אייביקער מהר״ל

אין אַזאַ טאָג, ווי היינט — אַן זון און אַן שטראַלן;
ווען וועלט שטייט — פאַרנעפּלט, געלאָדן מיט שוועבל, —
גייט־אויף אין מיין בלוט — דער גולם פון מהר״לן;
נעמט הענץ צו מרידה — דאָס פינצטערע פעבל.

אַט דאָס אייביקע ערב־רב — זינט הערן און געדענקען;
וואָס קען נישט פאַרטראָגן — דאָס ליכט פונעם טאָג;
און עס וועט דיר, דערומער, קיינמאָל נישט שענקען —

דיין זוניקן פּלאַטער — אַ, ר' לווי פון פּראַג!

אָט דעם אייביקן קאַמף — מיט פינצטערן טאָדעוש,
וואָס זוכט רק קאַלויטען — ד ע ם  ב י ל ב ו ל  פ ו ן  ב ל ו ט...
אין אַזאַ טאָג, ווי דער היינט, פול נעפּל און יאוש,
בלייכט אָפּ אין מיר גרעניץ — פון בייז, און פון גוט.

און איך דערהער, מיטאמאָל: ווי דער רשע ארמילוס
נעמט ברומען דאָס לשון — פון משיח של אמת...
און  ש ו י ן  שטייט דער גולם, און זינגט אים תהילות:
"— אָ,  א י ם ,  דעם דערלייזער פון אַלע שווערע דילעמעס!

"— אויס יענע אַלע קלאָגער, די מוכיחים בשערים,
וואָס מאַכן נאָר דאָס לעבן — אַזוי דריקנדיק־וואַגיק;
איז — שמידן דאָס וואָפן; אָרם צו אָרם;
אין פייער געגאַנגען!..." — מלחמת גוג־ומגוג...

און דער טאָג ציט זיך אַלץ, די פּעכיקע כמארע;
אָט דער בייזער צעשפּיל פון דעם אייביקן עלעמענט;
צעמישט איז מהר"ל; פאַרטונקלט זיין מראה;
אַנטפּאַלן דער מוט; אוממעכטיק די הענט.

נישט ער  וו יי ס ט :  וואָס פירנעמען — פונדאַנעט אַהין.
זאָל ער אומקערן דעם ליימענעם גולם — צום שטאָם;
אָפּטון פון אים — דעם ליכטיקן שם־המפורש...;
און אויסברעכן וועט גלייך — דער גאָלדנסטער באַגין;
וועט פאַרפלייצן דאָס זיין — ווי אַן אומענדלעכער ים...
אָבער — פאַר וועמען? ווער איז — דער יורש?...

איז, אפשר גאָר לאָזן אַלץ גיין, ווי עס גייט;
און וועג־אליין וועט דערפירן — אַהין, וואו מע דאַרף...
והיה ביום ההוא — און עס וועט בלאָזן יענע פלייט;
און אין די הערצער פון אַלע, וואָס וועלן נאָר פאַרנעמען די האַרף,

וועט אויפקוועלן, פּאַראַמאַל, אַזאַ וואונדערלעך שטראַלן, —
אַלע הויכן, אַלע טאָלן צו פאַרבלענדן זיין גרייט;
אויס — פּעבל; דאָס ערב־רב; אויס — גולם פון מהר"לן;
עס צעבליט דאָס געמיט, אין שיכור גליק, ווי די קווייט;

און עס גייט אויף, ווי די זון, וואָס מער קיינמאָל פאַרגייט;
נאָר, ווי אין י ע נ ע ם גרויסן טאָג פון — ש מ ש בגבעון דום,
וועלן, אַף א יי ב י ק שוין, פאַלן — אונטער שאָלן פון טרומייט —
אָ, די מויערן פון חושך, וואָס פאַרשטעלן דעם רוים...

# מענטש און רוים

איך גלויב נאָך אַ ל ץ אין דער מאַגישער קראַפט פון דער קאָנפוזיע;
כאָטש דאָס ל ע ב ן דערלאַנגט — שוועראַהאַמערנדע קלעפּ;
ווי עס זאָל שמידן אין מיין זעל — די שטאָלענע אילוזיע;
אין פּיין, טון דערבליקן — פון לעצטער ל יי ט ע ר ו נ ג , די טרעפּ.

אזוי איז א ו י ך מיין נאָמען — צו אַ גראַניט־פעלז געגליכן;
וואָס הויבט זיך, אין שטורעם, איבער ווילד־צ ע ז אָ ד ע נ ע ם ים;
אָ, ווי יענער לעגענדארער פּראָמעטעוס פון די גריכן,
וואָס רויבט פון די רוימען — דעם געטלעכן פלאַם.

און ברענגט פאַר דער וועלט — דעם שרעקהאַפטן שטראַל:
דאָס לעבן צעצינדן — מיט פיינען, מיט גליקן;
און דאַן, מאָג שוין קומען — דער אָדלער־שיקזאַל,
און באַפאַלן מיין אָרעם ל יי ב , מיט בראַנדיקע פּיקן.

וועט אלץ זיין די ווערט; קיין קרבן — צו־טייער —
פאַר האָבן אויפגעריסן די בלינדע — פון שלאָפן;
און איצט, וועלן אַ ל ע העלפן צינדן דאָס פייער;
און שמידן, מיט צאָרן — דאָס מ ע נ ט ש ל ע כ ע וואָפן;

אין הייליקן שטרייט — קעגן אָפּלאכער, שפעטער:
דאָס לעבן באַקערט — צו אַ סטאַדע, אין שטאַלן;
קעגן זיי, טוען אויפשטיין — מ ע נ ט ש ן , ו י ג ע ט ע ר ;
אליין — די גורלות, אין אייביקן שטראַלן.

אליין — די מזלות, די שטערן, די זונען;

די צעשטערער — ב אַ נ יי ע ר פון וועלטן, אוניווערזן;
אַזוי האָט דער מענטש — א י ן ק א מ ף , זיך־געפונען;
ווי עס ב ל י ט־אויף דער דיכטער — אין געלייטערטע פערזן...

אָ, כ׳גלויב נאָך אַ ל ץ אין דער מעכטיקער קראַפט פון דער
אילוזיע;
כאָטש דאָס לעבן דערלאַנגט — אַזעלכע צ ע ש מ ע ט ע ר נ ד ע
קלעפ;
וואָס שינדן אָפּ פון מיין זעל — לעצטן שפּליטער פון קאָנפוזיע;
און צייגן, אַזוי העל — צו גאָט־מענטש, די טרעפּ.

## צו ק.

מיין פריינט; לייג ארויף דיין האנט אף דער ברוסט;
און זאָג מיר — דעם ריינעם, דעם בלוטיקן אמת:
איז צייט, היינט — צו זינגען פון פרייד און פון לוסט;
צו צערטלען די ווערטער, צו לאַשטשען די טעמעס?

ווען דו זעסט: ווי די וועלט איז פאַרווירט, גייט צום גרונט;
און אַלץ, וואָס איז הייליק, ווערט געשענדעט, געטראָטן;
און דער מענטש איז געפאַנגען; ווערט באַשפּיגן, ווי אַ הונט;
און די ערע — דערוואָרגן, באַגראָבן, פאַרשאָטן.

ווען דו זעסט: ווי דאָס לעבן ווערט באַשמוצט און באַדריפּעט;
און עס ג ר יי ט צו דער שונא — נייעם בלוטיקן באַל;
ער ברענט א ו י ס מיטן וואָרצל — אַלץ, וואָס ש יי ן־איז,
נאָך זשיפּעט;
און לעסטערט, באַכראַקעט — לעצטן מ ע נ ט ש־אידעאַל.

און ער ה ו י ב ט אויף — פון טומאה, די שענדלעכע פאָן;
ער זאַמלט די מחנות — דעם אָפּפאַל, דאָס פּסולת;
אַלץ, וואָס די ערד וואַרפט אַרויס — מיט אַ קללה;
צום אָנזאָג: — אַז זיין וו ע ל ט פון ע י פּ ו ש קומט אָן;
צו פייערן זיין זיגן — בתופים ובמחולות;
אין אויסשאַל, מיט יובל — פון טכויר די ממשלה...

איז — פאַר דעם ש ל א נ ג ע ן־געזינדל, זייער וואויל און
געדייען,

פאַר ז יי ע ר גענוס — דיין קונסט־פּרעזענטאַציע?
און פאַר דיין פ יי ע ר , טאַלאַנט, דיינע איידעלע אידייען —
זאָלן ז יי דיך באַלוינען — מיט רום און אָוואַציע?!

אַנשטאָט, זאָלסט דערהערן — דעם רוף פון דיין בלוט;
פון מ ע נ ט ש — דאָס לעצטע פאַרשטיקטע געשריי;
וואָס קוקט א ו י ס אַף דיין וואָרט: אפשר־ד אָ ך — פון
ווי־ווייט...

און אים נישט־ל אָ ז ן אַנטפאַלן אינגאַנצן פון מוט;
אים ברענגען די טרייסט; אים לינדערן דעם וויי;
און אים שטאַרקן באַנייס — צום אַנטשיידענעם שטרייט!...,, —

אַ נ ש ט אָ ט, זאָלסט אויפהויבן איבער ד י ק ע פ פון
די העצער —
וואָס האָבן זיך פאַרקליבן, צום באַל פון בלשאצר,
באַצירט מיט דער שאנד — אין זייער רויבערישער הייל —
דיין יונגע קרעפטיקע גורלדיקע האַנט;
און טון־אויסברענגען דאָרט — מיט פייער, אַף דער וואַנט:
די אויפשריפט געשפענסטיק; מ נ א מ נ א , ו ת ק ל !... —

אָ, אַנשטאָט — דיינע ווערטער, ווי בראַנדיקע פיילן,
זאָלן טרעפן אין זייער האַרץ, זיי־דערשלאָגן צום טויט, —
ט ו ס ט ו זיי־צערטלען דעם וו י ־ ה יי ס ט־מען עס, זיי
וו יי ל ן . . .
און אַלץ — פאַר דעם שענדלעכן אתנן־ז ו נ ה , דאָס קויט?!

איז: רווח והצלה יעמוד — ממקום אחר;
און די וו ע ל ט וועט איר שטעטל — שוין אָן דיר, באַשטיין;
און לאַכן וועט יענער, וואָס וועט ז יי ן — לעצטער לאַכער;
און אויסברענען פונעם שלאַנגישן גזע — דאָס געביין.

נאָר, צו ד י ר איז — אָך־און־וויי: ווי נידעריק געפאַלן;
צו זיין דער טראָוואַדאָר — פון שענדער, שאַקאַלן;
גענומען און אָנבאַהעפט צום שונא — דיין גורל;
וועט ז יי ן סוף זיין — ד יי נ ע ר ; פון דיכטער, דעם טכוירל;

געוויירוכט, געגאַוועדט, געדייעט צוזאַמען;
איינער, האָט פאַסקודעט; דער אנדערער — געפלאַכטן גראַמען;

אָ, איר ט׳גאַר, קיינמאָל, נישט געקענט זיך צעשיידן;
סאָ, האָט־זשע, איצט, ביידע — אַ ליכטיקן גן־עדן...

---

# אין דעמער־אויפגאַנג פון מענטש

(פלאַקאַט־פּאָעמע)

איך ווייס נישט, פאַרוואָס די מוזע האָט גראָד
זונגטיק אויסגעקליבן:
ווען זי שלאָגט אין מיר אויף — מיט אַזאַ
מיטרייסנדן שוואונג:
זי פאַרשפּרעכט מיר — אַלע גליקן; מיך, אייביק צו ליבן, —
אַבי — איר־צוליב־טון; און, באַנייס, ווערן — יונג...

קאָן זיין, אַז דערפאַר: ווייל היינט, בין איך — האַר;
קיין ארבעט, קיין זאָרג; ווי אַ הונט — פון קאָנורע...
איז — אַ קיי, אַף איין פוס; אין מויל — דעם ציגאַר;
און — היידא, אין דרויסן; צו דער לוסט־אַוואַנטורע...

„— איז: וואוהין גייט מען, פּאַרטי?" — אַ דאגה־
דאַרט — וואוהין;
צוערשט, וועלן מיר אַ שפּאַן־טון — איבער די
רוישיקע גאַסן;
אַ, גרויס איז די שטאָט; נישט דיין שטעטל — וואָלין;
איז — געגאַנגען זאָל ווערן; נאַר — סטאַטעטשנע, געלאַסן.

„— צייט דאָ — לרוב; עס איז, ערשט — גאַנץ־פרי;
און אַף דיין גליק, איז דער טאָג, היינט — אַזוי
זוניק, דורכזיכטיק;
איז — פּאַמעלעך, געריכערט; אַ צי נאָך אַ צי;
עד, אַ ציגאַר איז — דאָס לעבן; הבל־ה בלים, נישט־
וויכטיק.

„— איז נאַר־זיך נישט־פּאַרלייגן — זוכן, שטעלן
דעם טראָפּ —
אַף נעכטיקע טעג; די גאַנצע־וועלט האָבן
באַקלערט;

אַף פוסטע־פעלדער, וויסטע־וועלדער, אומזיסט־
אומגנישט, דאָרן דעם קאָפּ, —
ווען מען זעט־איין, באַשיינבאַר: ס'איז אַ שאָס־פולווער
נישט ווערט...
טאָ — לאָז עס גיין, ווי עס גייט; ס'וועט שוין אין
ערגעץ דערגיין;
און ווי מירן, בקרוב, מירצעשעם, איינזעען — אַליין...

„— איז — חי, געלעבט־זאָל־זיין — כל־זמן מע זשיפּעט;
סיי־ווי, טוען פירן אַלע וועגן — צו איין סוף;
און, צי די טויב — ווי זי וואָרקעט, אָדער שלאַנג — ווי זי
שיפּעט, —
אליץ איינער, דער אָפּהילך — אין דעם אינטעליגענטישן סטראָף.

„—און, צי דו דעמפּסט־אויף דיין בלוט — צו גאָט, צי
צום טייוול, —
אַלציינס, ווערט, אינערגעץ, דיין געשריי נישט־פאַרנומען...
איז: הלמאי, נישט אַ פּראָוואָר־טון — דו, יאָקיש בן־פּייוול,
און פאַרוואַנדלען דיין וועלטל — אין אַ גאָרטן פון בלומען?...

„— נאַר, גיי שריי חי־וקים — צו אַ אידיאָט פון געבוירן;
וואָס באַפאַרצוגט — אַדורכגיין דאָס לעבן, ווי אַ שוויין;
פאַר ווענמען עס איז ליבערשט — דער ווייררוך פון טכוירן,
איידער — דער נעקטאַר פון געטער, דער ווייַן.

„— און, קומט ערגעץ־אויף — אַ מאַן מיט פאַרשטאַנד:
וואָס וויל ריכטן דאָס לעבן — אַהין, וואו מע דאַרף;
און אויסברענען פון מענטשלעכן גזע — די שאַנד;
און אויפשפּילן ליבע — זאָלן פידלען, די האַרף, —

„— אַזוי, ווערט ער דערקלערט — ווי דער ערגסטער
אומבערעכנער —
פון אַלעס, וואָס — הייליק, זינט וועלט, ביז אַציַנד;
איז — אַ שטריק אַרום זיין גאָרגל פאַרצויגן, וואָס ענגער;
און „— זאָל ער זיין די כפּרה — פאַר אַלעמענס זינד...“

„— און ווידער, ווערט רואיק — אין דער הייליקער סטאַדע;

וואָס בלוט האָט פאַרגאָסן — און זי — רימט־זיך.
דערמיט־גראָדע;
און זי שטייט ווייטער, זי מיסטיקט; און גלאָצט אויגן צום רוים;
געלאָשן — די רציחה; פון האָרץ — די דאָסאזיע;
איז, ווי עס זיינגט־זיך — אין יענער „אייביקער" באַלאַדע:
„אַ, געראָטעטעט דאָס לעבן — פון אַ געפערלעכן בעל־טרוים...״

„— און באַנייס־וועט דאָס וועלטל — אריין אין דער קאַלייע;
געשטילט איז — דער צאָרן, דער אויפברויז, די גאַל;
און, ווער עס האָט די מיאה — האָט ווייטער די דיעה;
און, צוריקגעקערט דאָס גליק־האָט — פאַר די בהמות פון שטאַל...

„— היינט: צואוואָס איז — די זאָרג? פרעג־בחירום, חבר דיכטער;
וועלט־שמעלט; אַ גערודער; אַ קאַמף; שמידן וואָפן;
אָפן בוידעם — אַ יאַריד; שקלאַף — קעגן האַר!
אַ, לאָמיר זען די זאכן — ווי זיי זענען, ברודער ניכטער;
אַזוי ווי אײנער בעט זיך אויסעט — אַזוי, גייט ער שלאָפן;
איז — אַ שפּיי־דערלאַנג; און פאַרויכער — אַ פרישן ציגאַר...

„— און אַצינד, וועלן מיר אַ איי ל־טון, דער טאָג שטייט נישט; ער שטעלט שפּאַן;
און דו האָסט, נאָך היינט־רעכט, אין דיין מויל נישט געהאַט;
איז — אַריין, באַ דעם וועג, אין ערשטן־בעסטן רעסטאָראַן;
און אַ כאַפּ־אַ נאַש פונדאַנען, פונדאָרט — אַבי ביסט זאַט.

„— איז, איצט, קום, זיך־פאַרנעמען — צו אַ גריך־באַפּלאַנצטן בולוואַר;
אָן דאָרט, וואו עס שפּאַצירט — די סאַמע־פּשוטע מאַסע;
ווי אַ זשומענדער בינשטאָק — היינט, פריי פון דעם האַר;

דינסט־מיידן, אַרבעטער — אָט דער פיל־ק אָ ל י ר ט ע ר
רעזערוואואר —
פון אומדערשעפּלעכן יונג־ג ל ו י ב ן אין דער מענטשלעכער
ראַסע.

„— אָ, די אַ ל ע, וואָס זענען ג א נ ץ; מיט לייב און
ל ע ב ן — נישט־צעריסן;
טראָגן־אויס אַלע שטורעמס; און בלייבן פעסט — ווי די דעמבעס;
איז — אַ פלאַסטער צום האַרצן: זיי הערן ט אָ ל ק ע ו ע ן —
פון געוויסן;
און אָנשטעלן מויל־און־אויערן — צו זייערע זאַפטיקע געמבעס:

„— ווי זיי קייען־א י ב ע ר, ווי די קליאַטשע — האַרט־לייביקע
ווערטער;
אָ, זיך־אָ נ ג ע ה ע ר ט גאַנצע בערג — פון ג א ס ן־רעדנער,
אף טריבונען;
„... — און קומען־ד אָ ך, וועט י ע נ ע ר, גרויסער טאָג,
דער באַשערטער..."
און דערביי, גייען־אויף זייערע געשטאַלטן — ווי די זונען...

„— נאָר — נאָך־ש ע נ ע ר, צעבליטער, קוקן אויס — חווהס
טעכטער;
אָט די ברוסטיקע מוידן; ווי די מאַמע־וו ע ל ט, איבערשוימטע;
וואָס פאַרהילכן די פלאַסע, מיט פריי־הירזשנד געלעכטער —
ווי צעטראָגענע שקאַפקעס, איבער גרין־פעלד אויסגע צ ו י מ ט ע...

„— אין די געבלימלטע קליידלעך; אין קאָפּ — ק אָ ל י ר ע נ ע
סטענגעס;
שוועבן־זיי־א ו ם, ווי די כוואַליעס — אין מענגעס, נאָך
מענגעס;
טוען וו אַ ז ש נ ע זיך גוידערן — אַזוי־פ אָ ר י ס ע נ ע,
אַזוי שטרענגע;
יאָגן־אָ פּ פון־זיך פּ א ר פ אָ ל ג ע ר, ווי זלידנע פ ל י ג ן
— מיט שאַרפע ניינען;
און אַליין, וו י ג ן־ז י ך אַוועק־וו יי ט ע ר, ווי די
קאַטשקעלעך, מיט טויזנט חנ׳ען;
נאָר, קענען־ל א נ ג, אַזוי נישט א ו י ס באַהאַלטן — זייערע
קרעפטיקע בלאַנקע ציינער;

און זיי צעטריליערן זיך אין אַ קוועלעניש — אָ, אַ געזונט זיי אין די ביינער...

„— און מע מעג שווערן: אַז ביי קיינעם, האָט נאָך, קיינמאָל, געשלאָגן עכטער —
אָט דער הייס־בלוטיקער גלויבן — אין אַ וועלט אַ גערעכטער —
אָן האַרן; נאָר, ווי אַ צעזונגענגענער וואלד, אַ צעוויגט־באבוימטער, —
אָ, ווי אין זייערע פריש־קוואליקע הערצער צעטרוימטע:

„— ווי אין זייערע בליקן, די תמימות־קינדיש־צעהעלטע;
מיט אַזאַ דאַרשטיקער קוריעזקייט, אַף אַלץ־אַרום־אַנגעשטעלטע;
ווי־ווי עלן אין־זיך־אַריינזויגן — די גאַנצע וועלט, די געוואָרן־אַלטע;
אין דער בלוט־טראַכט, ווי מוטער־ערד, זי הייס־אדורכקאָכן, אין ווייען;
און ערשט, ־זי, פון זיך־אַרויספּערן — אַזאַ באַנייטע, אַ יונג־צעשטראַלטע. —
אָ, ווי אַ קינדעלע, וואָס נאָגט די ברוסט; און פאַרכלינעט־זיך, אין געשרייען...“

...אָט די „פינצטערע“, פרימיטיווע, וואָס, זינט אייביק, דו שפּעטסט־אויס;
הגם — דערכאַפּן דאָס חיות, קומסטו זוכן — אין איר שויס;
אַ מחיהדיקע דערקוויקונג — פון דיין עלנט, וואָס איז אַזוי גרויס;
זיך אַביסעלע דערוואַרעמען פון שמאַך, פון קעלט־געפּריר —
אין דיין וועלט, וואו האָסט־אָנגעזאמלט — אַלץ, פאַר־זיך, נאָר נישט — פאַר איר...

...אָט די מאסע, וואָס רויבט די רו; און איר איילט — איינער, פאַר דעם צווייטן:
ווי די בעסטיע — איר פאַרקרעמפּעווען; וואָס־שנעלער, זען — פאַרשמידט אין קייטן;
אָ, אין שרעק: טאָמער צעפּירט זי — „די האַריקע לאַפּעס“, אירע הענט, —
איז דאָך אַ קלאָג־דאַן צו דיין לעבן — אַלט־סמערדיאַטשנער אינטעליגענט...

...נו, און די ק יי ט ן זענען — פאַרשיידן: אי — געזעענע, אי
— בלאָף:
אַט־דער אָ נ ש ר ע ק פאַר דער „געדעכטער" און גרויזאמער
שטראָף:
„... — וואָס וועט נ י ד ע ר ן אַף איר קאָפּ — מיט פלאַמען־
פ יי ע ר , פון דעם רוים:
פאר איר דראנג, דעם אומפאַרשעמטן, אַזוי חוצפּהדיק־פאַרשייט:
פון איר אייביקן גורל, צו ווערן־אַ נ ט ר י נ ע ן — באַפרייט;
אָ, פאַר איר ה אָ ב ן ווידערשפּעניקט; צעשמעטערט — יענע
צ ו י ם ;
וואָס איז פאַר מ אַ ס ע געצייכנט — פאַר איר וואויל און
געדייען;
איז, דארום, מוז זי ו ע ר ן — גוט־אַ ד ו ר כ ג ע ל יי ט ע ר ט,
— אין ווייען,
כדי א ו י ס צ ו ק ו י פ ן די שווערע ז י נ ד , דעם
געבראָכענעם פאַרבאָט;
און ב א נ יי ס , ווערן־גאַנץ; שווה־בשווה — מיט גאָט..."

...איז: אַזוי ל א נ ג , טוסטו ב ר יי ע ן , זשאָנגלירן,
— אינטעליגענטעווען,
ביז, ב אַ ו יי ז ט — איר, באַנייס, אַריינגאַרן; איר־פּענטעווען...

„...און אַצינד, נאָכן ה אָ ב ן אָפּגעשריגן דעם גזר, —
וועט די ו ע ל ט ווידער־וו ע ר ן — צוריקגעקערט צום האַר;
פאַר וו ע מ ע ן , זעט איר, עס ג י ל ט־נישט — קיין פאַרבאָט,
קיין פוילע שטיק:
ווייל האַרן, ווי די געטער, זענען ה ע כ ע ר פון יעדער
ק ר י ט י ק ;
און וואָס פאַר מאַסע איז — בייז, נידערטרעכטיק, געמיין,
פּערווערז, אויסגעלאסן; אָ, דער שענדלעכסטער פּאַראַט, —
איז פאַר די א יי נ וו א ו י נ ע ר פון אָלימפּ — סאמע
טוגנט אליין;
דער איידלסטער שוואונג; אָ, די נאָבלסטע טאַט;
ווייל — מיט געטער, טייוואָלים, ווי באַוואוסט, זענען זיי —
בלאט;
אויער־אף־אויער — מיטן אָלימפּישסטן דעגענעראַט;
ווי מיטן פינצטערסטן תהום — דער לעצטער פּאַניע־בראַט...
דארום, ק ו מ ט זיי, פאַר יעדן א ו י פ ט ו — די באַלוינונג,

דער פולער שכר:

ו י ב אַ ל ד , מע האָט נאָר ש כ ל ; פאַרשטייט א ן
ע ס ק ; נישט קיין נאָר...
ווייל: א יי נ ס איז — בלינדע מ אַ ס ע, די סטיכיע, דאָס
אָרעמע ד ר ו י ב ;
און גאָר עפּעס־אַ נ ד ע ר ש זענען — מ י ר , וואָס פאַרדינען
— גרויסן לויב!...
אָ, נישט פ א ר ז יי איז דער פ א ר ז יי — פאַר יענע
וואַנצן, יענע פליי;
פאַר זיי — דאָס ד אַ ר ן די עצמות; דעם מאַרך מיט דעם קליי;
פאַר זיי — ד י פּ יי ן ; פאַר זיי — ד י ל יי ד ; אָט די
בראַנדיקונג — פון זינד;
ווייל, דאַרויף, זענען זיי — ב י ד ל ע ס ; אָקסן, צי רינד...
איז — ג ע נ ו ג ־שוין געבטלט־צ יי ט, דערוועגן, אַצינד;
און — א ס ו ף זאָל עס נעמען; פּטור אַן עסק, געשווינד...
ד א ק ע ג ן — נאָר צו א ו נ ז , די איידעלע, פיינע ל יי ט ,
איז געגעבן די ברכה: צו באַנעמען דעם באַטייט —
פון פרייהייט, דערהויבונג; פון גליק — דעם באַשייד;
דארום, איז פ א ר א ו נ ז — די לוסט, מיט דער פרייד;
די פרוכט פון דער וועלט, צו געניסן — אומבאַגרעניצט...״

...ביז דו־ז ע ל ב ס ט , וועסט נישט־א ו י ס ב ר ו מ ע ן :
„— ג ע נ ו ג !״ און זיך־צוגעניצט;
מיטן א יי נ ג ע מ אַ כ ט ס פונעם לעבן — אַזוי־אָנגעזויפט,
אָנגעזשערעט;
מיטן וויין אָנגעזשליאָקעט, זיך־אָנגעפּלוישט, אָנגעפּערעט, —
ב י ז , דו וועסט־זיך־ה אָ ב ן — ביז לעצט, אויסגעקערט;
אָנווערן פון געשמאַק — יעדן טעם, יעדן ווערט;
דיך באַפאַלן א איבל, אַ נישט־גוטקייט — צו־זיך־אַליין;
דיך אַנגסטן ב אַ ש ל אָ ג ן — פאַר אַלץ, וואָס ז א פ ט י ק־איז,
וואָס — ר יי ן;
אַן עקל, ביז צום ברעכן, און פון־זיך־אָ פּ ג ע ב ן, אַף צוריק —
אָ, דיין ז ק נ ה ש ן אימפּאָטענטן איבערקאָך פון דעם גליק;
דעם געָנוס — פאַר דיין ראַכיטישן, אוממעכטיקן גערדיי...
איז, ע ר ש ט, נעבעך — אַז אָ ד איז צו ד י ר,
און אַז וויי!, —
וועסטו א ל יי ן , פונעם ה א ר צ ן , די האַנט־
אַ ר ו נ ט ע ר נ מ ע ן , באַשטיין:

איר־צואוואַרפן, דער מאסע, פון־זיך די רעשטן, ווי אַ
הונט — אַ ביין:

„...— אָ, זאָל זי אויד־איינזעען — וואו
נאָבלקייט שטייט־איין;
און וויאַזוי מיטלייד גייט־געאָרמט — נאָר מיט דעם,
וואָס איז פיין;
אָ, זאָל זי וויסן, און שעצן — וואָס איידלקייט באַטייט;
און שוין־אויפהערן אַמאָל־מרוקען: „ — און די
וועלט וועט ווערן באַנייט;
מיר שווערן אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן...“

... באַנייט, צי באַפרייט, — אָ, דו קענסט־עס
מער־נישט־הערן;
עס לעכערט דיר די געהירן־פון־קאָפּ — טוט דיין
מאַרך איבערקערן;
עס שליידערט דיך צו דער אדמה — אייננגעזונקען
זאָלסטו־שוין־ווערן! —,
און ס׳יאָגט־אָן אַף דיין לייב — אַזאַ נבזהדיקע קעלט, —
אַז דו ווערסט גרייט — זיך־אַ מעשה־אָנטון; מאַכן אַן
עק צו דיין וועלט;
א סוף־אַ ענד זאָל־שוין־קומען; אַליין,
ארויפליגן אַף זיך די הענט;
אָ, עס גייט, זיך דאָס לעבן נעמען — דער לעצט־
טראַגישער אינטעליגענט!...

„... — טאָ, זאָל ער גיין — אין דער ערד־אריין; ווען מיר
וויסן — מיר זענען געוואָרן פטור;
ענדלעך, אויפגעריסן די וואונד, דעם בלוט־יאַטער,
דעם בלאָטער;
אויסגעקוועטשט־געפּלאַצט — וועט ער, איצט, ווערעמען,
אין זיין רו...
„פה נטמן סמערדיאַקאָוו... געדייען זאָל־ער — טפו!...“

...איז — אזוי־אָ, וועט אַף־דיר־קומען, אָלימפּישער לומפּ
דיין מפּלה: פאַר האָבן־פּאַרשלעפּט די גאַנצע וועלט
— אין אַ זומפּ;
פאַר האָבן־געשענדעט די מאסע, אַ לעבן־לאַנג, אין דער
פיין, —

כדי ד ו, זאָלסט קענען ג ע ד יי ע ן, ווי דער קרעציקסטער
שווייַן;

פאַר האָבן־ג ע פ י ר ט אַזוי לאַנג, — ב י ז דו האָסט דערפירט;
אָנגעשיפּושט, אָנגעמאַכט, אַלץ־א י ב ע ר ג ע ד ר יי ט —
תוהו־ובוהו;

דאַן — אַ ל ע ס געלאָזן; אָן תחתונים — דעזערטירט;
אויסוואַרטן: זי זאָל ק ו מ ע ן — א ו י ס ר ו י מ ע ן פון דיר
ד י צ ו אָ ה ;
זי זאָל נ ע מ ע ן, א ו נ ט ע ר ש ט ע ל ן אַ פּ ל יי צ ע,
געבן־אַ ה אַ נ ט ;

צונויפפירן, באַנייס — אַ וואַנט מיט אַ וואַנט;
ווידער, ג אַ נ ץ־מאַכן אַ ל ץ, וואָס צעשטערט־האָסט,
צעבראָכן;

ווידער, א ר ו י ס ש ל ע פּ ן דעם וואָגן פונעם ז ו מ פּ —
ביסט פאַרקראָכן;
ווידער, מ אַ כ ן צ ו ר ע כ ט־אַלץ, ווי געווען, אַרטיק־פּ יי ן...
אַז, ע ר ש ט, זאָלסטו טון־אַ נ ש ו ו ע ב ן — מיט דיין אַלטער
ל ע ר ע פון פיין;

ווידער, ט אָ ל ק ע ו ו ע ן ; פּראָווען שטיק; טון האַקן אַ
טשיינעק;

פאַרגיין־זיך; פאַרכלינען; אונטערגרעבצן, פון תענוג;
גלאָצן א ו י ג ן צום הימל; נעמען ז ו כ ן — אַ באַשייד:
הלמאי א י ר קומט — ד י ל יי ד ן; פאַר ד י ר־בלויז
— די פריידן...

איר אויסנאָגן, אויסנוצן; דאַן, א ו י ס ש פּ יי ע ן, ווי פּסולת;
און ע ר ש ט, איר נאָך־אָ פּ ט ר יי ב ן, מיט שפּאָט, בקולי־
קולות...

אָ, דו ב ל יי ב ס ט — אומגעביטן; גאָרנישט־ג ע ל ע ר נ ט
— פאַרגעסן:
וואָס דאָ־א ל ץ האָט זיך־א י ב ע ר ג ע ט ו ן ; האָט פאַרלאָפן,
אונטערדעסן;

אָט די ביטערע קלעפּ — צוליב ד י ר, אַריינגעקראָגן...
„— דו ווילסט ג ע נ ו ס ! — ווּעסטו רעווען — דו ביסט מיד,
פון צו קלאָגן...“

נ ו, ווּעט־מען־דיר צ ו ל י ב־טון; דו האָסט עס נ אָ ר
געדאַרפט זאָגן;
אַבי — אַ ס ו ף צו דיין איידלען־ וו יי, וואָס מען קע ן
ק יי נ ס נישט־פאַרטראָגן;

עס קען רירן אַ שטיין... טאַ, זאָל שוין־אַנהויבן פאַר דיר
צו־טאָגן! ...
...און דו וועסט קריגן דיין־שכר געסילוקט —
אינגאנצן, ס'זאָל פעלן אַ האָר;
פאַר דעם בלוט, און פאַר דעם קנוט — אַף דיר אַזאַ יאָר;
און מע וועט דיר צושטעלן — יענץ צעטל; אָ, זאָל נאָר
אויסשטיין די צייט;
וואָס מען קען קיינער קאַווירן: אַז זי איז ניט נעענטער
— ווי ווייט...
און דאַן, אין יענעם טאָג, וועט מען טון־אויפבלעטערן
די געשיכטע —
וואָס אירע רעדער, ווי מיט אויל — מיט מאסעס
מאָרד, האָסט געשמירט;
און ס'וועלן דיך מישפטן — די אַלע, וואָס דיין רציחה האָט
געטון־פאַרניכטן;
ווי בידלעס, ווי די בעסטיעס — זיי צו דער שחיטה געפירט;
פאַר דעם רום פון דיינע זיגן — פאַרגאָסן בלוט, אַזוי ווי
וואַסער;
און ווי ס'האָבן געלערנט — דיינע גרויסע „געניאַלע"
פאַרפאַסער...
איז, די פאַרשניטענע לעבנס, וועלן איצט זיין — דיין פמליא;
זיי וועלן אויפגיין, און פון דיר דריקן — ווי די
פינצטערסטע ווענט;
און דו אליין וועסט ווערן — דיין אייגענער תלין;
און דאָס וועט דער סוף־זיין — פון דעם וועלט־
אינטעליגענט!
אָ, דאָס וועט שוין זיין — לעצטע קלאָג צום האָרס־
קאָפּ;
און צום אינטעליגענט, וואָס טראָגט אים נאָך,
זינט אייביק, דעם טאָפּ;
ער באַזינגט, און באַמאָלט אים — אין געשיכטן, אין בלעטער;
אָט דער נבזההדיקסטער, שלאַנגישסטער אויסבריי־פאַרעטער;
וואָס קאָטערט זיך — נישט אַנדערש, נאָר מיט אָלימפּישע געטער;
און קריכט פון דער הויט: צו פאַרוואַנדלען אין אַ גן־עדן —
די ערד, פאַרן האַר; איז — אַן אויסרייסעניש אַף
אייך ביידן...

...און פריי־ווערן וועט, ענדלעך, דער אויבנאַן — פאַר דיינע
ריכטער;

אָ, זאָל די  מ אַ ס ע  א ל יי ן־געפינען דעם  וו ע ג־אירן,
אַצינד...
און עס וועט  ז יי ן ,  ווי אין דער וו י ז י ע — פון יענעם
נ ב י א ,  דעם דיכטער:
„און עס וועט  אָ נ ט ר יי ב ן  מיט דער בעסטיע — דאָס
אומשולדיקע קינד...

...אָט די מאַסע, די מיסטעריע, וואָס יאָגט  אָ ן  אָף דיר אַ
ש ר ע ק ;
מיט איר  א ו מ פ א ר ש ט ע נ ד ל ע כ ן  רייץ — וואָס וויל
נישט־אָ פּ ט ו ן,  אַוועק;
מיט איר מיסטישן צויבער — זינט הער און געדענק;
וואָס — דו  פּ אָ ר ש  איר, און פאָרש, און דו  ב א נ ע מ ס ט
איר — אַ קרענק:
נישט — איר  ל יי ט ז ע ל י ק ע  ר ו ;  נישט — איר
ש ט ו ר ע מ ד י ק ן  פלאַם;
ווי דו זאָלסט  וו ע ר ן  געטראָגן — איבער אַ אומענדלעכן ים;
אַ אומבאַהאָלפן געשפּיל — אין אויפּברויז פון עלעמענט;
וואָס כישופט און מאַניעט, אָ. מיט אַזויפיל  ש ו י מ י ק ע
הענט...

כאָטש — נעם און פאַרזינק; באַהעפט־ווער צום תהום;
איין גורל — פאַר ביידן; איין לעבן, איין רוים...
ביז ס ׳ ש פּ יי ט  דיך  א ר ו י ס ,  און שרייט־דיר נאָך:
„— ר ש ע !
אָ, קיינמאָל, וועט  י ם־שטורעם נישט־פּאַקטן — מיט יבשה...״
און דו ווערסט  אָ פּ ג ע ש ל יי ד ע ר ט ,  מיט עקל, עס יאָגט
דיר  נ אָ ך  דער שפּאָט:
„— קריך נישט — אַ ה י ן,  וואו דיך־נישט־גערן, אידיאָט!...״
איצט,  מ אָ ג ס ט ו  קראַפּירן; אויסגיין נאָך אירע טראָט;
וועט אַלעס אומזיסט־זיין; ס׳איז איר  א יי ב י ק  געבאָט:
זי פאַרטראָגט נישט קיין פרעמדן; נאָר אייגנס זי באַגערט;
„— טאָ — פאַרנעם־זיך, צום טייוול; און לאָז לעבן,
אומגעשטערט!...״
ע ר ש ט ,  קאָנסטו  פ ר יי ל אָ ז ן  דיין פאַרצווייפלט געוויין —
אָ, וויפל און וויאזוי דו ווינטשסט נאָר אליין;
ווייל דו  א נ ס ט,  ווייל דו  ש פּ י ר ס ט — דו, עלנטער
שטיין:
אז  א י ר  גורל איז נישט־ד יי נ ע ר :  צו פאַרשווינדן,
פארגיין...

...נאָר — דו, ב ע נ ט ש איר, צי שעלט — קאָנסטו ד אָ ך
אָן איר נישט זיין;
און ווי פ ל זאָלסט־נישט־ש פּ ע ט ן — נ ע מ ס ט ו פאַר
איר, אַ מיתה־מ ש ו נ ה־איין;
פאַר איר א יי ב י ק ן לעבן — כאָטש פאַרפּלייצט מיט
אַזויפיל פּיין;
פאַר אירע קאָכיקע קוואלן — באַהעלט מיט אַזויפיל שיין;
פאַר דער א ו מ ד ע ר ש י ט ע ר ל ע כ ע ר קראַפט, וואָס
שטאָלט אויס איר געשטאַלט;
אַ, איר ר ע ט ז ע ל ה אַ פ ט ן א ו ר־גאַנג איבער וועלט —
יונג און אַלט...
איר טיטאַנישן אומגעהובלעוועטן שפּאַן — אַזוי רוי;
איר באַוועג פון צעשטער, פון צעטרעט — און א י ב ע ר ב ו י
אין שווייס פון איר פּנים, פון איר הייליקן טוי —
פון גייע וועלטן, נייע זונען, נייע הימלען, נייעם בלוי...

...איז: אין זאַפט פון דיין האַרצן, נישט־אנטפאל — און קום־
אויף,
אַ, אייביקע מאַסע — געזאנג פון אין־סוף!...

„— איצט, א ר אָ ד — און אריין; אַ ראָד — און אַרויס;
דאָס ליד איז — צו ענדע; דער זונטיק איז — אויס.
וועל איך אָ פּ ש ט ע ל ן די לירע ;נישט־באַלעסטיקן דיך,
ווייטער;
אויס — פּ ר י נ ץ ; ווידער — הונט; צו שקלאַפעריי דער
באַנייטער;
אַ, ווי גאַרגישט וואָלט פּאַסירט, אונטערדעסן, מיט אונז ביידן:
אַט די ז ע ו נ ג , דער שפּאַציר — איבער גיהנום און גן־עדן...
דאָך, ל אָ ז־איך אין דיין האַרצן זיס־נאָגן דעם באַנג:
נישט אַף לאנג — די צעשיידונג; דאָס פאַרשטומטע געזאנג,
נישט־אייביק — דער וו אָ ך־דויער, דער עלנט, די גראָע פּל אָ ג;
געדענק: און קומען־ד אָ ך , וועט דער גרויסער זונטיק־ט אָ ג —
פון לעצטן ח ש ב ו ן: ווען אַ ל ד י נ ג וועט ווערן
א ו י ס ג ע ל יי ג ט אַף דער וואָג.
איז: פאַר וו ע מ ע ן, ס׳וועט שלאָגן — ט אָ ג; פאַר
וועמען — אייביקע נ אַ כ ט;
געכיטרעוועט אזוי לאנג — ביז, זיך־מיאוס באַמאַכט...

און: א י צ ט , שוין אַף־ת מ י ד , וועט די מ א ס ע
האָבן־דערוואַכט.
א ו י ס ר אָ ט ן — וואו אַ ש ו ר־בלייב פון ה אָ ר —
אומגעטראַכט;
וואו־נאָר אַ נ אָ כ וו א ו ק ס פון דער ש ל א נ ג־טראַכט —
צעקראַכט;
און: לאכן, ע נ ד ל ע ך , וועלן י ע נ ע , וואָס — די
ל ע צ ט ע , ל'האָבן־געלאַכט...״

...איז: קום־אויף — דו, אייביק־אויסגעשפּעטער באַלוואַן;
זינט וועלט — דאָס פאַרגוואַלדיקטע באַשמוציקטע פּעבל;
און שטורעם־אויס, ווי דער פירכטערלעכסטער צעבושעוועטסטער
הוראַגאַן,
ווי דער גרויזאַמסטער שרעקלעכסטער פאַרוויסטנדער וואולקאַן,
מיט אויסראָט, פּ א ר ל ע נ ד־אויסברוך, מיט פייער און שוועבל,
אָ, מיט נאָבלסטן צאָרן, פון דיינע אַ ל ע קינדער־ב ר אַ וו ע —
אַף די קעפּ דיינע שענדער — מיט דער בראַנדיקסטער לאַווע...
און אויב — ב ע ס ט י ע , — טאָ, באַווייז — וואָס אַ בעסטיע
קען!
טו אַ ז ו י נ ס, וואָס עס קען נישט אָ נ ר ו פ ן — די
אינטעליגענטישע פּען.
און ווען אַ פּ י ל ו ס'טון אַ ז ע ל כ ס — וואָס נישטאָ קיין
וו ע ר ט ע ר דערפאַר;
און ס'זאָגט זיך־אָ פּ איידל לשון — דעם־צו ג ע ב ן — אַ
נאָמען, —
וועט אַ ל ץ האָבן ד י וו ע ר ט — אַבי צו
פּ א ר ט י ל י ק ן דעם האָר;
און אויסברענען — פון אינטעליגענטישער ק ר ע ץ־שאַנד —
דעם זאָמען;
אָט דעם זונהשן אָנוואוקס, די קרעבס־בראַנד, דעם פּאַר צ ע ר, —
א ו י ב , וועסט־נישט־א ו נ ט ע ר־איילן, שיר־נישט־ש פּ ע ט ,
אים צעשטער...
איז: וו ע ר זאָל עס ט ו ן , ווי ג ע ה ע ר י ק , אַז ניט
— ד ע ר ב ע ר !...
איז: הויב־זיך־א ו י ף , און צ ע פּ י ר די האָריקע ל א פּ ע ס
די פּאָר הענט;
אָ, צ ע צ י נ ד דיין סאַמע־וו י ל ד ס ט ן ברוטאַלסטן
טעמפּעראַמענט;

און נעם־ד ע ר ל א נ ג ע ן , אַף בלינד — אָן דאָרט, וואו
ס׳ט׳נ אָ ר ט ר ע פ ן ;
די פינצטערסטע ק ע פ־וועגט ברעך־דורך, דו־צעעפן;
דעם שלאַנגישן גזע — אַזוי צעפּלעטשן, צערייבן, —
אז קיין שריד ופליט זאָל שוין מער פון אים נישט בלייבן;
ברען אים א ו י ס — מיטן וואָרצל; דערווערג זיין לעצטן וויי;
און די צעשטויבטע פּאַסקודע — אַף אַלע ווינטן צעזיי;
אָט דאָס גבזההדיקסטע געדיי, וואָס ט׳וועז ג ע י ע ר ט ,
אונטער דער ז ו ן;
און די קאשע, וואָס זיי האָבן פּ אַ ר ק אָ כ ט — וועלן זיי
א ל יי ן געניסן־ד ע ר פ ו ן ...

... איז — טויזנט מאָל ג ע ש ט אַ ר ק ט דיינע האָריקע
ל א פּ ע ס זאָלן זיין —
אָ, געבראַנדמארקטע פאָלק־בעסטיע — שוועסטער מיר, אין פּיין;
און מיט לעצט־ג ע ש ע נ ד ע ט ע ס ט ן טראָפּן־ב ל ו ט ,
דיינע זין־און־ט ע כ ט ע ר איך בענטש:
צו זייער ז ו נ י ק ס ט ע ר אַוואַנטורע — אין דעמער־אויפגאנג
פון מענטש!

---

# אַ סכעמע פון מענטש

(אַ רעוויזיע)

ווייל מען וויסן: וואָס איז — מענטש; פּאַלגלעך — וויאַזוי ער דאַרף (ווייל ער קען) זיין, — דאַרף, אַלס אויסגאַנג־פּונקט פון דעם אַלעם, גענומען ווערן — זיין אייגענע אומפּאַרענדערלעכע עלעמענטן נאַטור. נישט — אים קריטיקירן, שטראָפן, מוסר־זאָגן — סתם, אין נאָמען פון עווענטועלע אידעאַלן, טויגנטן, — בעפאַר מע באַוויזט זייער קיום, אָביקאַציע — וואו, אין דעם זיין; במילא, אין מענטשס נאַטור, אין זיין כאַראַקטער; עס מיינט: אים באָאַבאַכטן און פאָרשן: ווי ער איז, און ווער ער איז — אין דעם זיין...

איז דער מענטש — גוט, אָדער שלעכט?

אין דער לעבעדיקער נאַטור גופא, עס הייסט, אין דער אנימאַלישער, איז נישטאָ — נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס (אין דעם זין פון מאָראַל און אחריות.) עס ווערט נאָר דערפילט, אומפאַרמיידלעך און אוממיטלבאַר — דאָס אייביקע פאַטאַלע געזעץ פונעם דזשונגל. דער שטאַרקער און דער שוואַכער (הן — אין זין פון פּיזישער גבורה, צי שוואַכקייט, הן אין זין פון אַנימאַלישער פאַרשטענדניש), זענען — איין גאַנצעס; ווי קעגנזייטיק באַשאַפן — איינס, פאַר דעם אַנדערן. דער שוואַכערער, (דער — מיט ווינציקער פּאָטענץ,) געהער צום שטאַרקערן, (דער — מיט מערער פּאָטענץ, במילא — מיט מערער רעכט, אַטריבוטן:) וועלכער פאַרצוקט אים, פאַרצערט אים; ווייל, אין זיין האָס צו אים, ליבט ער אים; אָבער, גלייכצייטיק, בלייבט ער, דערביי — אויסערהאַלב לגמרי פון דער ספער פון שולד, צי אַפילו פון אומשולד. ווייל, נישטאָ אין ערגעץ, אין דער נאַטור, אין דעם זיין — קיין מאָראַל אין־זיך. אי־בעראַל, רעגירט נאָר — די פּאָטענץ, און אירע פאַלגלעכע אַטריבוטן. נו, און דאָס העכסטע זיין, זאָל מיינען — די אַל־פּאָטענץ, (שפּינאָזאַס געטלעכע סובסטאַנץ,) מיט אַלע אירע פאַרשטענדלעכע אַטריבוטן. (ווייל, שפּינאָזאַס גאָט, ווי באַוואוסט, איז — לחלוטין אויסערהאַלב דער בחינה פון — גוטס, צי שלעכטס אין־זיך.)

יאָ, איז, וועגן אַנימאַלישן דזשונגל, העט אַף אַראָפּ, (צי אַף אַרויף,) אַף צוריק, (צי אַף פאָרויס,) אין דער לעבעדיקער, (און אָפּגערעדט — אין דער טויטער,) נאַטור, איז, (אַזוי צי אַנדערש,) כמעט — לית מאַן דפליג.

דאָס פּראָבלעם הויבט זיך אָן — פון מענטש.

לויט שפּינאָזאַן, הערט־אויף דאָס דזשונגל־רעכט — באַם מענטש־

לעכן מין: וועלכער באַזיצט, קעגנאיבער דעם אנימאל — דעם אינטעלעקט, די אלמעכטיקסטע געטלעכע פּאָטענץ, (סובסטאנץ;) וואָס גיט אים אַלע אטריבוטן צו רעגירן איבער אַלע חיות; אָבער, אין דער זעלבער צייט, (און אַלץ, מחמת דעם אייגענעם מאָטיוו,) נעמט עס אַוועק בא אים דאָס רעכט — צו (אייגנוויליקער) הערשאַפט פון איין מענטש איבערן צווייטן: ווייל איטלעכע מענטש־פּאָטענץ, מענטש־סובסטאַנץ, איז, (אדאנק אינטעלעקט,) אומאָפּטיילבאר פונעם צווייטן, פונעם מין; איז — איין געטלעכער איינס... אָט דאָס איז, לויט שפּינאָזאַן, מענטשס וואָרצל, זיין כאַראַקטער, זיין טבע. דערפון — זיין עטיק, זיין מאָראל פון גוטס און שלעכטס; וועלכע איז נישט, אמת, קיין זעלישע, קיין נשמהדיקע; ווייל, זי הויבט דאָך אָן און אַנשטייט — ערשט, באַם מענטש; דאָס מיינט — אַ פאַרנונפטיקער איינשטעל פון רעכט, צווישן גלייכע פּאָטענצן; (ווייל. ווי דערמאָנט, איז דאָך שפּינאָזאס גאָט גופא — מחוץ פון יעטוועדער תכונה פון — גוטס־צי־שלעכטס אין־זיך;) אָבער דאָך...

אַלזאָ — אָנגענעם, צי נישט; אַזוי וויל האָבן שפּינאָזא. און ער פּרעטענדירט: אַז ווען מענטשן וועלן זיך נעמען צוהערן צו זייער טבע, דאָס הייסט, זיך־דערנעענטערן צו גאָט, — וועט דאַן דער מענטשן־מין ווערן געגעזן.

איז, כאָטש נישט דאָ איז דאָס אָרט צו אנאליזירן די יסודות פון שפּינאָזאס פילאָזאָפיע גופא, (עס מיינט — מכוח דעם עצם־קיום פון זיין גאָט א. א. וו.; אַן אויפגאבע, וואָס דאַרף געטון ווערן — באַזונדער, מיט אַ ספּעציעלער הקדשה; און וועלכעס מיר וועלן, מעגלעך, מיט דער צייט, אַדורכפירן;) איז אָבער א יי נ ס ש ו י ן קלאָר: אַז אַפילו ווען מיר זאָלן נאָכגעבן שפּינאָזאן, מכוח דעם ק י ו ם פון זיין אַמאָראלן אַפּילבארן אַזעלישן גאָט — געגוי אזוי, ווי ער אַליין וויל האָבן, — איז אָבער, דאָדורך, באין אופן, דער אנימאלישער דזשונגל נישט געבליבן פאַרהאַלטן — באַ די תחומים פון דעם דזשונגל גופא; נייערט, ער האָט, גאַנץ אומגעשטערט, (און מיט זיין „גאָט", אינדערמיט,) פאָרגעזעצט זיין אויסשפּרייטונג — אינערהאַלב דער ווידמעניש פון מענטש; וועלכער איז דאָך, אין פלוג, (גענוי, ווי זיין גאָט,) נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַלץ איינער־דער־זעלבער אַנימאל; נאָר באַוואָפנט — מיט דעם גוואלדיק־פּאָטענציעלן כלי־זיין פון — אינטעלעקט; וועגן וועלכן, אַגב, עס דאַרף ערשט באַווויזן ווערן: צי איז ער, (ווי שפּינאָזאַ וויל האָבן,) אין זיין עצם־מהות — גאַנץ־דעדוקטיוו־קאָנסטרוקטיוו; אָדער גאָר, (ווי ווי די מאָדערנע דערקענטעניש פּרעטענדירט) — אַנאַליטיש־צעגלידערנד־אינדוקטיוו־דעסטרוקטיוו...

אַלזאָ, טאָ: וואָס איז דער מענטש? אַ אַנימאל, אין דעם זעלבן דזשונגל, וואו, אלציינס, עס הערשט דאָס געזעץ — פון שטארקערן איבער

דעם שוואכערן? אָבער — פון וועלכן שטאַרקערן, איבער וועלכן שוואכערן? צי בלויז פון דעם, (און ווי עס איז,) וואָס באַזיצט די שטאַרקערע פיזישע ברוטאַלע קראַפט; און דאַן איז, ווירקלעך, פאַר דעם מענטש נישטאָ קיין רעטונג מער; אָדער אפשר גאָר, (און ווי עס קען זיין,) פון דעם, וואָס באַזיצט — די שטאַרקערע עכטע אינטעלעקטועלע קראַפט...; און דאַן, איז — וואָס? קאָן, דאַדורך, קומען אַ רעטונג? אָבער: וואָס אי ז— אינטעלעקט? פונ־וואנען שטאמט ער? און אין וואָס פאַר אַ פאַרהעלטעניש איז ער — לגבי געפיל? איז: צי מאָג מען נעמען, אים אָנפאַרטרויען אומבאַגרעניצטע מאַכט; (עס הייסט, די מאַכט פון דער אינטעלעקטועלער אינטעליגענץ, איבער דער האַרציקער פאַלקס־מאַסע;) און בלייבן זיכער: אַז ער — מיט זיין אומגעדולדיקן בליץ־שוואונג, אַדורכצובורען אַלץ, מיט זיין אָדלער־וויזיע — וועט נישט פאַראַטן?...

און שטעלן שטעלן מיר די פראַגע, אין אַ צייט: ווען מענטש פון איבעראַל שיינט צו זיין — באַנקראָט; און אַלץ און אַלע גראַוויטירן, אומווידערשטיילעך, צו אומקום... נו, איז שוין, ווירקלעך, קיין רעטונג נישט פאַראַן, קיין אויסוועג? אָדער, אפשר — יאָ; און אָט דער אויסוועג, זאָל זיך טון אויסבאַהאַלטן, (אזיווי תמיד) — ערגעץ אינדערמיט, צווישן מאַסע און אינטעליגענץ, ווי טיילן פון איין גאַנצעס?... נו, אויב יאָ, — איז — ווי אַזוי? אין וואָס קאָן באַשטיין זייער אינטימע אָנגעהעריקייט צו אַנאַנדער; עס מיינט, זייער אייגנ־טימלעכער מהות; די וועזנטלעכע מיסיע פון ביידן; וואָס וואָלט געקאָנט ווערן, במילא, זייער רעטונג? צי באַשטייט זי, ווירקלעך — אין דעם צוזאַמענבאַהעפט פון זייערע, אַזוי שאַרף קעגנגעזעצטע, איך־געשטאַל־טונגען? אַ, צי וועט דאָס העלפן?...

●

ווען מיר אפשר אויסהערן, וואָס עס האָט צו זאָגן וועגן דעם אַזאַ טיפער דרענגער אין מענטשנס לאַבירינטן, ווי דאָסטאָיעווסקי; בא ווע־מען עס איז — דאָס עיקרדיקע און שיר־נישט איינציקע פראָבלעם פון אַלע זיינע ווערק; יאָ, אָט דאָס פראָבלעם פון דעם טאָפּעלן איך־געשטאַלט; און ווי מיר וועלן עס באַלד איינזען אַליין.

כאַראַקטעריסטיש איז, פאַר אַלעמען: אַז מען נעמט לייענען דאָסטאָ־יעווסקין, דערשפּירט מען באַלד: ווי יעדער איינער פון זיינע העלדן האַנדלט — אַזוי, און ער קען נישט אַנדערש, — אויספּאָלגנדיק, טראַגיש־אומאָפּנויגנד, דעם באַפעל פון זיין אייגענער פאַטאַליטעט, וואָס שטעקט טיף אין אים און צווינגט; און אַז אין דעם קאַמף צווישן די פאַרשיידענע העלדן קומט פאַקטיש פאַר — דער אומפאַרמיידלעכער

צוזאמענשטויס צווישן גורלות; וועלכע, אויך זיי, מוזן, איטלעכער פֿאַר זיך, האנדלען — נ אָ ר א ַ ז ו י, און נישט אַנדערש, — אויספּאַל־גנדיק — דער אייגענער העכערער פּאַטאַליטעט; דארום, דאַרף נישט חידושן: הלמאי אָט די פּילקאָמפּליצירטע דראמאטישע קאָנוואולסיע פירט, אומאָפּוועדנבאַר, — צו אן אלגעמיינער קאַטאַסטראָפע, צו אַ קאַטאַקליזיע...

שוין אין איינס פון זיינע יוגנט־ווערק, אין „שריפטן פון טויטן הויז", זאָגט ער, דורך דעם אינטעליגענט גאָריאַנטשיקאָוו:

„זיי זענען געווען — בעטלער פון געבוירן. איך זאָג — פון געבוירן, און שטרייך אונטער באַזונדערס דעם אויסדרוק. און ווירקלעך, אין אונזער פאָלק — אומאָפּהענגיק פון וועלכער סאָציאלער לאגע, אָדער אומשטענדן, — זענען שטענדיק געווען, און עס וועלן זיין — אַזעלכע מאָדנע לייט, וועמען זייער פּאַסיווע זאָרגלאָזע נאַטור פאַרורטיילט צו אייביקער בעטלעריי. זיי זענען — שטענדיקע אָרעמעלייט, און שטענדיקע דורכגעפאלענע. זיי זענען פּאַרזונקען — אין געפאלנקייט, אין אַזאַ מין פאַרטעמפּונג; און זיי זענען תמיד אויסגעשטעלט אַפן גענאָד פונעם אויסוואורף, פונעם אַרויפגעארבעטן. יעטוועדע אָנשטרענגונג באַלעסטיקט זיי, פאַרמאַטערט זיי. זיי זענען געקומען, אַזוי צוזאָגן, אַף דער דאָזיקער ערד, מיטן תנאי: נישט־אונטערצונעמען גאָרנישט, אַף אייגענעם חשבון; און נישט באַזיצן קיין ווילן; נייערט, אין קעגנטייל, זיין די באַדינער פון א צווייטן. זייער מיסיע באַשטייט בלויז — אין אויספאָלגן פרעמדע באַפעלן. אונטער קיינע אומשטענדן, וועלן זיי קיינמאָל זיך נישט־דערשלאָגן צו קיין זעלבסטשטענדיקן מעמד. זיי זענען תמיד נצרכים, און אזוי וועלן זיי פאַרבלייבן. איך האָב אָנגעטראָפן אַזעלכע לייט — נישט בלויז צווישן פאָלק, נאָר אין אַלע גראַדן פון דער געזעל־שאַפט: אין די פאַרטייען, אין די גרופּירונגען, אין די ליטעראַרישע קרייזן..."

אַזאַ מענטש איז געווען, דאָרט אַף קאַטאָרגע, אַ געוויסער אַרעס־טאַנט סושילאָוו: וועלכער האָט נישט קיין אייגן לעבן; און וועגן וועמען דאָסטאָיעווסקי, מיטן מויל פון אינטעליגענט גאָריאַנטשיקאָוו, זאָגט ווייטער, (קאַפּיטל פינף): „איך האָב שוין גערעדט פון די דאָזיקע סוביעקטן. זייער כאַראַקטעריסטיק באַשטייט אין זיך־דערנידעריקן; נישט־באַזיצן קיינמאָל קיין פּערסאָנאַליטעט; און שטענדיק און אומעטום, שפּילן אַ ראָל פון צווייטער, אָדער גאָר דריט־ראַנגיקער באַדייטונג. אַזוי האָט זיי באַשאַפן די נאַטור..." ווייטער: „אים, סושילאָוון, איז קענטיק אָנגעקומען זייער־שווער צו זיצן און אויסהערן, און ענטפערן. אָבער ער האָט גלייך אויפגעלעבט, ווען מע האָט אַלץ אָפּגעהאַקט; און אים באַפוילן — גיין עפּעס טון..." אָט דער סושילאָוו ווערט, אומגעבעטענערייט, דער טרייער

באַדינער פונעם אינטעליגענט; ווען ער פאַרקוקט תמיד אין די בליקן, מיט דער שטומער איבערגעגעבנקייט פון אַ הונט... און צולעצט, ווען גאַריאַנטשיקאָוו פאַרלאָזט די תפיסה; ווייגט סושילאָוו, ווי אַ קליין קינד, און ער מורמלט: „— איך פאַרליר אַ יי ך. איך פאַרליר אייך, אַף שטענדיק, אַלעקסאַנדער פּעטראָוויטש. אָן אייך 1), וואָס וועט עס זיין פון מיר?!.“

אַזוי, ווי מע זעט, איז, שוין אין איינס פון זיינע ערשטע ווערק, האָט דאָסטאָיעווסקי, פאַרלייגט די באַזע פאַר זיין צענטראַלער אידייע — וועגן אָט דעם פאַטאַלן טאָפּעלן איך־געשטאַלט אין דעם לעבן; וואָס מיינט: אַז די מענטשהייט 2) דאַרף, אין פלוג, אין טרייען הסכם מיט איר פאַטאַלער נאַטור, זיך־געשטאַלטיקן אין דער פאָרם: פון איך ־ ש ט אַ ר־ ק ע אין גייסט, (די אינטעליגענץ,) וועלכע זאָלן זיין — די הערשער, די אונטערנעמער, די באַפעלער; און פון איך ־ ש וו אַ כ ע אין גייסט; די ריזיקע מענגע האַרציקע לייט פון פאָלק; יענע אַלע, וועלכע האָבן נישט קיין אייגן לעבן; נישט קיין הוש צו אָנלעב, צו פאַרמעג; בייערט, זיי לעבן נאָר פאַר יענעם; זיי, די געבוירענע אָרעמע לייט, די שקלאַפן; ווען עס איינציקער לעבנס־זין, די באַזינונג פון זייער קיום באַשטייט אויסשליסלעך נאָר אין דעם — צו באַדינען די שטאַרקע אין גייסט... עס מיינט: אַז אָט די צוויי מינים מענטשן זענען, לויט זייער פאַטאַלער נאַ־ טור, איטלעכער פאַר זיך — בלויז טיילן, וואָס זוכן זיך אַרום קעגנזיי־ טיק; און ערשט דאַן, ווען זיי געפינען זיך, און זיי שטעלן זיך, יעדער, אַף זיין גורל־פּאָסטן, — ווערן זיי באַקערט צו איין שלמות; צו איין גאַנץ־געוואָרן טאָפּל איך־געשטאַלט; אום צו דערפילן די מיסיע, וואָס איז פאַר זיי געוואָרן געגעבן, פולשטענדיק.

אַזוי, קענטיק, האָט עס אויסגעזען פאַר דאָסטאָיעווסקין די פאָרמי־ רונג פון זיין אידייע — באַלד, אין די ערשטע יאָרן פון זיין ליידנשאַפט־ לעכן פאָרשן דאָס פּראָבלעם פון איך־טאָפּעלן מענטש־געשטאַלט... אָבער, זעט אויס, אַז דאָס האָט אים נישט באַפרידיקט; און, דער עיקרשט, וואָס אַזאַ „ליידונג“ האָט נישט באַרואיקט: נישט — זיין פאַר־ שערישן רעבעלישן אינטעלעקט, נישט — דעם אומרואיקן געוויסן פון זיין שטאָלץ ערלעך האַרץ. ווייל, אין לעבן, (ווי דערמאָנט,) האָט ער, דערוויילע, צוגעזען — אַ געשטאַלטיקונג, לגמרי אַ אַנדערע: „אַ וואָר“ — אַ פאַלשע, אַ פאַרברעכעריש־פאַרקריפּלטע; נעמלעך: ווי די פיזישע

---

1) אָן אינטעליגענץ (דער מחבר.)

2) וואָס בלויז אַ קריפּל פון איר אייגנטלעכן כאַראַקטער טרעפן מיר אָן, היינט־צו־טאָג, אינעם לעבן; ווייל, אָנשטאָט גייסטיקער גבורה — די הערשאַפט פון גראָבער פיזישער ברוטאַליטעט.

ברוטאַלע גבורה הערשט און שטיקט אינטעליגענץ...; און ער האָט דאָס נישט געקענט באַנעמען, באין אופן: „...וויאַזוי אַזעלכס געשעט; ווי עס איז גאָר מעגלעך אַזוינס — אינעם לעבן...״ און, אַ וודאַי, געמוזט באַשליסן: „...קינסטלעריש, אויפהויבן קעגן דעם — זיין שאַרפסטן פּראָטעסט. אָ, אַרויסהויבן, קעגן דעם שקר — די עכטע ערלעכע ווּ אָ ר פון דער קונסט...״ עס הייסט: נישט, ווי עס „א י ז״, כלומרשט, אין דעם ל ע ב ן, — נייערט, ווי עס ד אַ ר ף ־ זיין, און ווי עס גייט־צו, ווירקלעך — אין דער איינציקער ראַיעלער וואָר, אין דער קונסט...

אַזאַ פּראָטעסט־ווערק איז „פאַרברעכן און שטראָף״. ראַסקאָלניקאָוו — אַן עכטער ערלעכער פאָלקס־אינטעליגענט, וועמעס אינטעלעקט איז נישט ווינציקער שאַרף־אומבויגזאַם־רעכט־פאָדערנד, איידער ווי זיין קאָכיק צאַפּלענד האַרץ פון אַ שטאָלץ קינד פון די אייביק־באַעוולטע, — פאַלט אין מאָרד־זומפּ; אין דער טייפלשער נעץ פון פאַרברעכן. און דאָך, איז ער, אין זיין שולד, בלוטיק גערעכט — קעגן יענעם פאַרפלוכטן „סדר״ פון אַ לעבן: אין וועלכן ברוטאַלע בעסטיאַלע קראַפט טוט באַליידיקן, באַשפּייען, דערנידעריקן, דערדריקן — אינטעליגענץ; זי ברעכן און טרייבן צו ש ע נ ד ל ע כ ן מיזעראַבעלן מאָרד...

אַזוי, אַז דאָס פאַרברעכן פון ראַסקאָלניקאָוו איז נישט — זיינס גאָר אינגאַנצן. עס איז דאָס פאַרברעכן פון דער רויער פיזישער ברוטאַלער קראַפט; וועמעס קרבן ער איז; און אַף וועמען עס פאַלט די הויפּט־שולד. און געשטאַלטיקט איז אָט די עקלהאַפטע פינצטערע קראַפט — אין דעם נבזהדיקן אַבשייַלעכן וועזן פון דעם עיפּוש־אימפּולסיוון סווידריגאַילאָוו; אין פלוג, אָט די צווייטע העלפט פון ראַסקאָלניקאָווס צעריסן האַלב געשטאַלט, וואָס זוכט אים רק אַרום, כדי, כלומרשט, מיט אים איינייִנעם, צו ווערן — גאַנץ... 1) נאָר — מאָדנע — איטלעכס מאָל, ווען ראַסקאָלניקאָוו גייט זיך צונויף מיט סווידריגאַילאָוון, אַזוי צי אַנדערש, — נעמט ער אויפברויזן פון צאָרן און ווידערווילן; ווערנדיק גרייט אַפן ערגסטן, אַבי פון אים פטור צו ווערן... און ערשט צולעצט; ווען דער פון־ראַסקאָלניקאָוון־פאַרטריבענער און פאַרשפּיגענער סווידריגאַילאָוו באַגייט (פאַר דעם ערשטן) זעלבסטמאָרד, — ווערט דאַן ראַסקאָלניקאָוון גופא פריי דער וועג צ ו ם א ו י פ ל ע ב ן, צו דערלייזונג — דורך צוריקבאַהעפטונג צום לויטערן ליבע־געפיל פון פאָלק...

נו, אָבער מיטן אינטעלעקט ווי האַלט?... אָט האָבן דאָךביידע

1) דאָסטאָיעווסקי, אַגב, באַנייט דעם פאַרצייטישן, בילדעריש־אימאַזשינאַטיוון און וויזיאָנערישן מעטאָד: צו צייגן די מידות טובות און די מידות מגונות — אין געשטאַלטן. (זע אויבן „דער אייביקער גערא־נגל א. אַ. וו.״, סעיף מ״ט.)

שווער געזינדיקט: ראַסקאָלניקאָוו — מיט זיין גראַדליניקן רעבעלישן געדאַנק; און זיין ליבע פון פאָלק, סאָפיאַ מאַרמעלאַדאָוואַ, די גאַסן־מויד — מיט איר לייב... און פונדעסטוועגן, בלייבט זי — אַזוי לויטער־אומשולדיק־דערהויבן, ווי אַ קינד; בעת וועגן אים, דעם ניי־אויפגעלעבטן ראַסקאָלניקאָוו, זאָגט דאָסטאָיעווסקי, צום סוף פונעם ווערק, (צווייטע קאַפיטל פון עפּילאָג): „ער, האָט בלויז איבערגעלעבט — סענסאַציעס. די דיאַלעקטיק האָט אָפּגעטראָטן איר אָרט — דעם לעבן; און עטוואָס לגמרי־אַנדערס האָט זיך גענומען פאָרמירן אין דער טיפקייט פון זיין געוויסן...“ איז, זאָל דאָס הייסן: אַז דער אינטעלעקט, (די אינטעליגענץ,) איז נישט־פאַרלעסלעך, איז פאַרעטעריש...; און פאַרלעסלעך זאָל זיין בלויז — דאָס לויטערע האַרץ פונעם פאָלק; פון אָט יענע אַלע אָרעמע, אומבאַמיטלטע, די דערנידעריקטע און באַליידיקטע איידעלע קינדער פון גאָט?... און כאָטש זיי זענען ברוטאַליזירט, דעגענערירט, פאַרדאָרבן דורך דעם טייפלשן „סדר“ פון דער פיזישער בעסטיאַלער מאַכט, — זענען זיי אָבער — היילבאַר; ווייל, מיטן האַרצן פאַרבליבן — ריין, אומשולדיק, אומבאַרירט?... נאָר, נישט אַזוי — דער אינטעלעקט: וועלכער זאָל זיין פאַרעטעריש, (ווייל — אַנאַליטיש, צעשטערעריש,) — אין זיין תוך; במילא, אומפאַרלעסלעך, ווען מען לאָזט אַלץ — צו אים אַליין: עס הייסט, (ווייל אַ לעבן, ווידער, אָן געדאַנק, קאָן דאָך, בכלל, נישט געמאָלט זיין...,) אויב מען נעמט נישט און מען שטעלט אים אונטער דער וואַכזאַמער השגחה פון לויטערן אומשולדיקן האַרץ פון פאָלק?...

אָט דער אומצוטרוי צו אינטעלעקט ווערט באַ דאָסטאָיעווסקין נאָך שאַרפער, וואָרענענדער — אין דעם ווערק „די ברידער קאַראַמאַזאָוו“; וואו איוואַן קאַראַמאַזאָוו, דער מעכטיקער אינטעלעקט, אין זיין רעוואָלוציאָנערן דראַנג צו באַנייען די אַלטע פאַרדאָרבענע וועלט, — באַפעלט פאַקטיש, זיין לייבלעכן אומגעזעצלעכן ברודער סמיערדיאַקאָוו: צו דערמאָרדן דעם אַלטן דעגענערירטן טאַטער; (די אַלטע וועלט...)

„— דו האָסט געטויט! (זאָגט סמיערדיאַקאָוו צו איוואַנען;) דו ביסט — דער הויפּט־מערדער. איך, בין בלויז געווען — דיין געהילף; דיין טרייער דינער; און דאָס אַלץ אויסגעפירט — אונטער דיין באַפעל...“

אויך דער טייוול, דער גייסט פון סמיערדיאַקאָוו — אָט דאָס עקל־האַפטסטע, נבזהדיקסטע און מגושמדיק־אימפּולסיווסטע, וואָס געסטיקט דאָך, אין פלוג, אין די טונקלסטע רעגיאָנען פון דער אינסטינקטן־וועלט, — איז אַלץ — דער באַשאַף פון אינטעלעקט...

„— דו, (זאָגט איוואַן צום טייוול,) עקזיסטירסט נישט — אַליין. דו ביסט — איך; און מער קיינער...“

עס הייסט: אַז מיר קערן זיך אום, אין פלוג, צום אויסגאַנג־פּונקט:

א מענטשלעכע געזעלשאַפט, וואו עס הערשט — אינטעלעקט, (די אינ־טעליגענץ) וועלכער קעמפט כסדר — פאַר באַנייונג פון וועלט: צו שטערן די אלטע, אום עס זאָל אויפגיין אַ יונגע. איז אַט ד ע ר אינ־טעלעקט, (די אינטעליגענץ) וועלכער פאַרטראַכט די צעשטערונג, דעם מאָרד, (איוואן קאַראַמאַזאָוו) באַפעלט זיין לייבלעכן אומגעזעצלעכן ברודער, דעם עיפּושדיקן ממזר סמיערדיאַקאָוו, (די פאַרשקלאַפטע אינ־סטינקטן־מאַסע צו דער אינטעליגענץ) (וועלכער, ווי באַוואוסט, האָט נישט אַליין קיין אייגן לעבן פאַר זיך): דעם מאָרד דורכצופירן... און יענער, נאָכדעם ווי ער טוט עס אָפּ; עס הייסט, ער האָט דערפילט זיין מיסיע, וואָס האָט אים געגעבן, ביז איצט, דעם איינציקן זכות־הקיום זיינעם, — פאַרלירט, אַף ווייטער, יעטוועדן זין פאַר עקזיסטענץ; און ער באַגייט, דערום, זעלבסטמאָרד...

און דאָך, איז איוואן קאַראַמאַזאָוו, נאָך סמיערדיאַקאָווס זעלבסט־מאָרד, אויך טויט־קראַנק. אַזוי פאַטאַל־געבונדן איז אינטעליגענץ — צו דער אינסטינקטן־מאַסע; ווידער, ווי טיילן פון איין גאַנצעס, וועלכע זענען משועבד ביידע — צו איין פאַטאַליטעט...

אַזוי, אַז אינטעליגענץ איז נישט־ווינציקער אומפאַרלעסלעך־פאַרע־טעריש, איידער ווי די סאַמע־פינצטערסטע מערדערישע אינסטינקטן־מאַסע אַליין...

אָבער נ אָ ך ע ר ג ע ר ו ו ע ר ט ערשט דאָס פּראָבלעם צוליב נאָך עפּעס: אויב אין „פאַרברעכן און שטראָף" האָט נאָך אַרויס־געלויכטן די רעטונג פאַר ראַסקאָלניקאָוון דעם אינטעליגענט, דורך זיין באַהעפטונג צו דער גוטער האַרציקער פאָלקס־ליבע, — קומט דאָ צוגיין דאָסטאָיעווסקי, אין דעם נייעם ווערק, און ער ברענגט אַריין אויך אין דעם אַ געפערלעכע צעמישונג: פון איין זייט — דורך זיין שילדערן, אַזוי נאַקעט־גרויזאַם־ברוטאַל, דעם עיפּושדיקן סוף פון דעם הייליקן זאָסים — פון אַט דעם סאַמע־לויטערסטן פאָלקס־געפיל; נאָר, פון דער אַנדערער — דורכן אַרויסברענגען אַזאַ הערלעך ליכטיק האַרציק פאָלקס־געשטאַלט, ווי אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו... ווי ער וואָלט וועלן זאָגן מיט דערמיט: אַז נישט נאָר איז טאָפּל דאָס א ל ג ע מ יי נ ע רעטוזעל־האַפטע געשטאַלט פון דער מענטשהייט, וואו עס זוכן זיך אַרום די העלפטן פון אינטעליגענץ און אינסטינקטן־מאַסע, — נאָר, אַז אויך טאָפּל איז — דער האַרץ־קוואַל פון פאָלק; אין וועלכן עס שלאָגט און עס ראַנגלט זיך — גוטס מיט שלעכטס באַנאַנד: גאָט, און דעמאָן...

אַזוי, אַז, (ווי מע זעט,) איז — קיינער פאַרלעסלעך; נישט — די אינטעליגענץ; נישט אַפילו — דאָס האַרציקע פאָלק...

נו, אם כן, איז אַלעס פאַרלאָרן? נישטאָ, באמת, מער קיין רעטונג?

אָדער, אפשר גאָר, (מיינען מיר,) איז שוין איצט די העכסטע צייט — אָנצופאנגען אַלץ, פון דעם אָנהויב? דאָס הייסט: אַנשטאָט דער גריב־לעניש אין דעם אַ ל גע מיי נעם געדיכטן מענטשהייט־פּלאָנטער, — גאָר נעמען און אַריבערטראָגן דעם דראַמאַטישן קאָנפליקט פון באַ־זונדערע, אָפּגעטיילטע, טיפן, (יאָ, אָט די אייביקע שלאַכט צווישן שטאַרקערן און שוואַכערן,) — אינערהאַלב דעם געמיט פון יעדן מענטש גופא; אין זיין געשטאַלטונג פון: אינטעלעקט, פון איין זייט; און פון דער אנדערער — די רעגיאָנען פון פינצטערע בייזע אינסטינקטן, און פון לויטערע ליכטיקע געפילן, וואָס שלאָגן אָפּ אין זיין האַרץ — מיט שלעכטס, און מיט גוטס, פאַריינס. און ערשט, שטעלן די פראגע: — איז ער, דער מענטש, דער אלגעמיינער אוניווערסאלער בן־אָדם, מיט דעם אַלעם, וואָס ער רעפּרעזענטירט — פאַרלעסלעך?... ניין? דאָך: צי איז ניט מעגלעך פּ אָ ר ט — אים סטימולירן צום גוטן, (אין אים,) איבער דעם בייזן? און אויב יאָ, — איז, ווי אזוי?... נאָר פאַר אַלעמען: וואָס, אַ שטייגער, באַטייט גאָר בכלל, פאַרן מענטש, מיט זיין פאַטאַלן גאַנג אינעם זיין — גוטס, אָדער שלעכטס? און, אין אַלגעמיין: צי האָט גאָר אַ זין דאָס גאַנצע גוטס, אָט דאָס אויפהאַלטן פון מענטש, בכלל, — ווען וויבאלד עס קאָן גאָר געמאָלט זיין, אז ער אליין, אפשר, אָט דער גאַנצער טיף־מענטש, זאָל גאָר לגמרי קיין מענטש נישט זיין? הייגט: צוליב וואָס, (פרעגט זיך,) און פאַר ווער?... מע פאַרשטייט? מיט איין וואָרט, און איינמאָל פאַר אַלעמאָל: וואָס איז — מ ע נ ט ש ?...

און, (ווי דערמאָנט אויבן,) שטעלן מיר אָט די שווערע פראגע, אין אַ שעה זייער־אַ קריטישער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, בכלל; אין אַלע אירע שאַטירונגען, אָן אויסנאַם; ווען מע איז דערגאַנגען דערצו און דערלעבט צו אַזוינס, — אַז אַפילו באַ די שטאַרקסטע, די מוטיקסטע האָט זיך גענומען ברעכן אונטערטרייסלען דער גרונט — נאָכדעם ווי „אַ ז ע ל כ ס" האָט נאָר געקאָנט פּאַסירן...; און „מענטש" פון אַלע געשטאַלטונגען און פאַרומס האָט באַוויזן, אַזוי פרעכטיק בלוטיק־געמיין עקלהאַפט־געזונקען: אָ, אַף וואָס אַלץ ער איז מסוגל, — וויבאלד עס געלינגט אים נאָר איינצושטעלן די גינסטיקע אידעאלע אטמאָספערע פאַר זיין געדיי, הערלעכן וואוקס, און אויסדרוק...

טאָ, אם כן, זענען, ווירקלעך, פאַרלאָרן פאַר מענטש אַלע האָפע־נונגען?!.

●

עס לערנט די מאָדערנע דערקענטעניש: 1) אַז, ווען מיר וואַרפן אַ

---

1) וועלכע איז אַ סינטעז פון ביידע מעטאָדן, דעם אינדוקטיוון און דעם דעדוקטיוון; עס מיינט, אַז, צוערשט, באַוועגט זיך דער אינטעלעקט,

בליק א י ן דער פּאַטאַלער אומענדלעכקייט, — אַזוי דערזעען מיר גלייך: ווי צוויי פּאַראַלעלע ליניעס שטראָמען פּאַטאַל, פ ו ן דער אומענדלעכקייט, צ ו דער אומענדלעכקייט, און מיט דער טענדענץ, אין פלוג — זיך, קיינמאָל, און אין ערגעץ, אין דער אומענדלעכקייט, נישט־צוזאמענטרעפן. אָבער, אָט דערפאר, דאָס הייסט, מחמת דער קאַטעגאָרישער אַבסאָלוטער קעגנזייטיקער נעגאציע, זענען זיי זיך ביידע אַזוי גראוויטירנד־אינטים־צוזאמענבאַהעפט צואנאנדער, עליי צוויי העלפטן פון איין אומענדלעך־גאַנצעס,—אז עס איז ממש אומעגלעך זיך פּאָרצושטעלן, (ווייל עס איז אויסגעשלאָסן,) דעם קיום פון איינער, אָן דער אַנדערער. זיי זענען זיך צואַנאַנדער, ווי פּאָן און בילד אַלציינס; איטלעכע, ווי דער סטימול פאַר דער אַנדערער; עס מיינט — די גראַוויטאציע־טענדענץ, קעגן וועלכער די צווייטע טענדענץ רעבעלירט — צו שוואונג; איטלעכע, אַנזעעוודיק, הן אין קיום, ווי אין וואוקס, בלויז — אין דער אַנדערער; בעת, אַליין פאַר זיך, איז זי ממש־נישט־עקזיסטירנד לגמרי; יאָ, איטלעכע — דורכויס דורכגעדרונגען מ י ט און אַריינגעוואָקסן א י ן דער אַנדערער; געננוי, ווי יענע וואָלט געווען — איר אָטעם, איר חיות, איר צאַפּל־אַנגסט צום זיין... אָבער, (און דאָ פאַנגען מיר אָן מיט זייער אייגנטלעכער כאַראַקטעריסטיק אין־זיך,) הגם ביידע פּאַראַלעלע ליניעס שטראָמען, אין פלוג, ווי דערמאָנט, אין איינער דער זעלבער ריכטונג — צ ו דער אומענדלעכקייט, — איז אָבער דאָך פאראן אַ קאַרדינאלער עיקרדיקער אונטערשייד — אין דער תכונה, אין דעם כאַראַקטער און אופן־זיין פון יעדער איינער באַזונדער; און ער באַשטייט, געמלעך, אין דעם: וואָס בעת איינע שטראָמט — א י ן פּ אָ ר ו י ס , א י ן א ו ן צ ו דער אומענדלעכקייט, — שטראָמט די אַנדערע, א י ן א ו ן צ ו דער זעלבער אומענדלעכקייט, נאָר — א ף צ ו ר י ק... און דאָך, ווי געזאָגט, שטראָמען זיי ביידע — אין אַלץ איינער־דער זעלבער ריכטונג. און מעגלעך איז דאָס

---

אין זיין באַאָבאַכטונג — פון די פּרטים, צום כלל; אָבער, נאַכהער, עס הייסט, נאָכדעם, ווי ער שטעלט־אויף אַ געוויסן כלל, הויבט זיך אָן אין אים דער פּראָצעס פון צוריק־רעאגירן־זעלבסטשטענדיק: הן אף די דערמאָנטע פּרטים גופא, וועלכע ער טוט, נישט איינמאָל, קאָרעגירן; הן אַף פּרטים נייע, וועלכע ער באַאָבאַכטעט, אַצינד, צום ערשטן מאָל; מיט איין וואָרט — פונעם כלל, צום פּרט; אָבער, בעת אין דער ערשטער פאַזע, איז ער — אָפּן־אַנאַליטיש־צעגלידערנד־דעסטרוקטיוו, — שיינט ער, כלומרשט, זיך צו פּרעזענטירן, אין דער צווייטער — קאָנסטרואירנד־גאַנץ; אַפילו ווען זיין כלל זאָל זיין — די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, (די נעגירונג — צעשטערונג — פון אַלדאָס אַבסאָלוטע,) פון איינשטיין: איינער, אַגב, פון די שטאַרקסטע פּאָרשטייער פון דער מאָדערנער שיטה פון דערקענטעניש...

זייער, פשוט דערפאַר: ווייל ביידע שטראָמען זיי דאָך — אין דער אומענדלעכקייט; וועלכע האָט נישט קיין אָנהויב; וועלכע האָט נישט קיין סוף; וועלכע קען, דאַרום, במילאַ, (און דווקא — דער־פאַר,) אין איינער־דער־זעלבער ריכטונג, (און אַפילו אין איינעם־דעם זעלבן געשעען־אויסדרוק,) שטראָמען — אי אין פאָרויס, אי אַף צוריק, פאַריינס; פאַרוואָס? ווייל עס מיינט — אין דעם תוך, אין דער טענדענץ; און בעת איין ליניע שטראָמט, מיט איר כאַראַקטער־טענדענץ — ווערטיקאַל־אין־זיך, 1) אין פאָרויס, — שטראָמט די אנדערע, מיט איר כאַראַקטער־טענדענץ — האָריזאָנטאַל־אין־זיך־אַף־צוריק...1)

ווי געזאָגט: ביידע — טיילן, ווי צוויי העלפטן, (וכמשל לשבר את האווז,) פון דער אומענדלעכקייט גופאָ; די טאָפּל־געשטאַלטיקונג, די טאָפּל־פאָרשטעלונג פון דער אומענדלעכקייט אליין; און ווען מע דריקט זיך אויס: „זיי שטראָמען — אין דער אומענדלעכקייט“ — מיינט עס אויסשליסלעך — אין זייער כאַראַקטער, תכונה, אופן זיין פון אומענדלעכקייט... און נאָכמערער: אַז זיי, די ליניעס, זענען — פאַרזיך — אַפילו לגמרי נישט־עקזיסטירנד; און פאַראַנען זענען זיי בלויז — אַלס ווי די ריכט־ליניען פון זייערע טענדענצן, וועלכע זענען — די איינציק־עקזיסטירנדע... (ווייטער — גענויער).

אָט דער קעגנזייטיקער קדמוניותדיקער פּאַטאַלער געראַנגל ווייערער, (פון די פּאַראַלעלע ליניעס,) דאָס איז דער שטרייט אין־זיך — צווישן נישט־זיין, און אומזיין; צווישן נישט זיין־זיין, און נישט־זיין־אומזיין; צווישן צענטריפוגישער טענדענץ פון ווערן, און צענטריפעטישער גראַוויטירונג צו אויפהער. איז, אָט דער אומויפהערלעכער געראַנגל, דער

---

1) „ווערטיקאַל־אין־זיך“, און דאָס זעלבע — „האָריזאָנטאַל־אין־זיך“, מיינט: נישט — פיגוראַטיוו, — נאָר — אין דער טענדענץ. אַ שטייגער, ווי עס ווערט ווייטער אָנגעוויזן: אַז די ווערטיקאַלע ליניע באַזיצט די צענטריפוגישע טענדענץ; אַזאַ, אַגב, וועלכע געהער צו יעדן איינס פון אונזער פּלאַנעטן־סיסטעם: אָט דער צענטריפוגישער פאַרקער אַרום זיך־גופאָ; וועלכער, כאָטש ער איז, אין פלוג, דאָס מיינט, פיגוראַטיוו — האָריזאָנטאַל, — איז ער אָבער, דער פאַרקער, אין זיין ריכט־ליניע־טענדענץ — ווערטיקאַל; ווייל ווי באַוואוסט, פּראָדוצירט אָט דער פאַרקער אַרום זיך — אַ זעלבסטשטענדיקע גראַוויטאַציע, וועלכע העלפט אים, דעם איינס, זיך־קעגנצושטעלן דער מעכטיקער גראַוויטאַציע פון דער זון, אָף־צוריק, צום נישט־ווערן, אין מוטער־שטאָם; נייערט, זיך באַוועגן, (און אַזוי, אין אַלגעמיין, אין דער טענדענץ פון דער גאַנצער נאַטור,) אין שוואונג, אין פאָרויס, צום ווערן, אין אומויפהערלעכער טראַנספאָרמירונג...

אייביקער פּאַטאַלער שטרייט צווישן די צוויי, אַזוי־קאַטעגאָריש־קעגנ־
געזעצטע טענדענצן, אין פלוג, אין א י ד ע א ל ן ג ל ײ כ ג ע ו ו י כ ט
צוואנאנדער, — איז ד אָ ך די סיבה — פון זייער אומויפהערלעכער,
(אויסערלעכער, עס מיינט, זיך אַלעמאָל־אַנדערש־רעוועלירנדער,) טראַנס
פאָרמירונג, אין דעם אומענדלעכן שטראָם פון זייער געשעעןָ; פאַר־
שטייט זיך, אָן צו קענען פאַרויכערן — אין דעם אלגעמיינעם סך־הכול
זייערן: אַז דאָס טוען זיי זיך באַוועגן ביידע — א י ן פ אָ ר ו י ס ;
ווי אויך נ״שט, אַז — אַ ף צ ו ר י ק ; ניין; וויבאַלד אַז זייער גאַנג
איז — א י ן דער אומענדלעכקייט; (עס הייסט — אַ כ א ר א ק ־
ט ע ר־אומענדלעכער): אָן אַ אָנפאנג, אָן אַ סוף; במילאָ — אָן אַ
פאָרויס, אָן אַ צוריק; (שפּעטער — גענויער; דערווײלע — די נעגאַציע
פון דער וואולגאר־פאַרשטאנענער, אַזוי־געדרופענער ה י ס ט אָ ר י ש ע ר
עוואָלוציע־באַוועגונג...) בלויז — אַ פּאַטאַלער טיף־אינטימער אייביקער
אומויפהערלעכער אומענדלעכער שטרייט — צווישן טענדענצן; וועלכע
האָבן זיך, אין אָפּשטראָם פון געוויסע טיילווייזע סך־הכולן, געטון רעווע־
לירן אין (עוואָלוציאָנירן צ ו) נייע (כלומרשט) אַנדערע תכונות, (טענ־
דענצן, און פאקטיש — בלויז א ו י ס ע ר ל ע כ ע א ו י ס ד ר ו ק־
פ אָ ר מ י ר ו נ ג ע ן); פון דינאַמיק, און סטאַטיק; פון אנטיטעזע, און
טעזע; פון צייט, און רוים; (פאַרשטאנען: אַלס אומענדלעכע צייט־
טענדענץ פון דינאַמיק, און אלס אומענדלעכע רוים־טענדענץ פון סטאַ־
טיק; וואָס דאָס מיינט צו זאָגן: אומענדלעכע צייט, נישט — אין זין פון
ד ו י ע ר , — נייערט, אין איר אופן זיין און ווערן — אין איר די־
נאַמישער תכונה; און דאָס זעלבע — אומענדלעכער רוים, נישט — אין
זין פון ש ט ח , — נייערט, אין זיין אופן פון דרענגען צו אויפהערן
זיין — אין זיין ס ט אַ ט י ש ע ר תכונה...; אַזוי, אַז איטלעכס
טיילכל צייט, אין דער אומענדלעכקייט, אַף וועלכעס מיר פרואוון זיך
נאָר פאַרהאַלטן, אין אונזער פאַרטראַכטונג און באַאָבאַכטונג, איז פונקט
אַזוי־אומענדלעך, אין זיין תכונה, גענוי ווי עס איז אומענדלעך — די
פולע צייט־תכונה, אין דער אומענדלעכקייט; און אַקוראַט אַזוי, איז
איטלעכס טיילכל רוים, אין דער אומענדלעכקייט, אַף וועלכעס מיר
פרואוון זיך נאָר פאַרהאַלטן, אין אונזער פאַרטראַכטונג און באַאָבאַכ־
טונג, איז פונקט אַזוי אומענדלעך, אין זיין תכונה, גענוי ווי עס איז
אומענדלעך — די פולע רוים־תכונה, איז דער אומענדלעכקייט.) אָבער,
אין דעם שטראָם פון די ליניעס, אין זייערע טענדענצן — א י ן פ אָ ־
ר ו י ס , אָדער אַ ף צ ו ר י ק , (דאַרף שאַרף באַמערקט ווערן.)
טוט זיך כסדר מאַניפעסטירן — די אַלגעמיינע פאַטאַלע טענדענץ פון
ביידע ליניעס, הן דער ווערטיקאַלער, ווי פון דער האָריזאָנטאַלער — צו
אומויפהערלעכער צעשטערונג; נישט מער, (ווי דערמאָנט,) מיט ד ע ם

אונטערשייד: וואָס בעת די ווערטיקאלע טענדענץ דרענגט צו צעשטערן און (כלומרשיו) (שפּעטער — גענויער;) ו ע ר ן , — דרענגט די האָריזאָנטאלע טענדענץ — צו צעשטערונג, און — אויפהערן זיין...

ביז דער פאַטאַלער גערא־נגל צווישן ביידע שטראָמענדע ליניעס, יאָ, אַלץ, אין זייער אומויפהערלעכער (אויסערלעך זיך־רעוועלירנדער) טראַנספאָרמירונג, האָט אָנגערייפט און (כלומרשט־ה י ס ט אָ ר י ש ; נאָר פאַקטיש — בלויז אין אויסערלעכע אויסדרוק־פאָרמירונגען,) עוואָלוציאָנירט: א י ן אָ נ ז י כ ט י ק ע ר סובסטאַנץ—מאַטעריע; אין דער פאָרמירונג — פון אוניווערס; ((ווי דערמאָנט: אין די טענדענצן, עס מיינט, אין דעם אופן־זיין פון אנטיטעזיש־צייטלעכער דינאמיק, (ענערגיע,) און פון טעזיש־רוימלעכער־סטאַטיק; עס הייסט, אַז ווען מען וויל האָבן, דאָס „דער אוניווערס עקזיסטירט, אין דער אומענדלעכקייט פון צייט און רוים", מיינט עס, ווירקלעך צו זאָגן: אין דעם אופן זיין, אין די אומענדלעכע טענדענצן, תכונות פון צייטלעכער דינאמיק, און פון רוימלעכער סטאַטיק, אין פערמאַנענטן אומויפהערלעכן געראַנגל...)); אין ווייטערדיקער פאָרמירונג — פון טויטער, אומאָרגאנישער נאַטור; פון לעבעדיקער, אָרגאנישער: אין די פלאַנצן, אנימאלן, ((דער דזשונגל, וואו דער אייביקער אינטימער צעשטער־געראנגל באַקומט שוין די אויסערלעכע געשטאלטיקונג פון: קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין נאטור־אַפּקלויב, צווישן דער טענדענץ־תכונה פון אנטיטעזיש־דינאמיש־צייטלעכער צופּאסונג צו דער אוניווערסאַל־זיך־ענדערנדער ספער, א ף פ אָ ר ו י ס , (כלומרשט,) צוליב דערהאלטונג, און נייעם ווערן, — און דער טענדענץ־תכונה פון טעזיש־סטאַטיש־רוימלעכער ירושה־רעפּראָדוצירונג, אַ ף־צ ו ר י ק , צו אויפלייז, און אויפהערן זיין...)); העט ביז צום אויפטויך, אויסדרוק, געשטאלטיקונג, פאָרמירונג פון — מענטש: אין וועמען דער פאַטאַלער אייביקער אומענדלעכער צעשטער־שטרייט צווישן די צוויי שטראָמענדע ליניעס, אין דער אומענדלעכקייט; איינע — א י ן פ אָ ר ו י ס , און די אנדערע — אַ ף צ ו ר י ק ;(און ווייל — א י ן דער אומענדלעכקייט; און ווייל ביידע — אומצעשיידבארע טיילן פון איין פאַטאַל־אומענדלעך־גאַנצעס; עס מיינט — ד י א ו מ ע נ ד ל ע כ ק יי ט ג ו פ אָ , — איז קלאָר, אַז: ווי פון דער אומענדלעכקייט, אין איר רעוועלאציע פון טויטער און לעבעדיקער נ א ט ו ר , איז לחלוטין־אָפּוועזנד — ווי דערמאָנט אויבן — די וואולגארע ה י ס ט אָ ר י ש ע עוואָלוציע, — אַזוי, איז זי אויך אָפּוועזנד, די זעלבע וואולגארע ה י ס ט אָ ר י ש ע עוואָלוציע — פון דער זעלבער אומענדלעכקייט, אין איר העכסטער רעוועלאציע פ ו ן מ ע נ ט ש : אין וועמען, א יי נ ג ע ש ע נ ד , עס האלט אָן — ווי אין דער אומענדלעכקייט גופאָ — א יי נ יי נ צ י ק ע ר פאַטאַלער

שטראָם, אין זײַנע בײדע קעגנגעזעצטע טענדענצן, אַף פּאָרויס, און אַף־צוריק, באַנאַנד...;) יאָ, איז, אָט דער גראַנגל־אין־זיך פון דער אומענדלעכקייט צווישן די טענדענצן, די תּכונות פון נישט־זײַן און אומזײַן, פון נישט־זײַן־זײַן און נישט־זײַן־אומזײַן, פון צענטריפוגישן דראַנג צו ווערן און פון צענטריפּעטישער גראַוויטירונג צו אויפהער, פון דינאַמיק און פון סטאַטיק, פון אַנטיטעזע און פון טעזע, פון צײַט און פון רוים, קומט אין אים, דעם מענטש, צום אויסדרוק: (אַ חוץ, ווי דערמאָנט פריער, אין דער זעלבער פּרימיטיווער געשטאַלטיקונג, ווי בײַ פּלאַנצן און אַנימאַלן,) אויך אין דעם גראַנגל — צווישן דעם צענטר פון זײַן מאַרך, און דעם צענטר פון זײַן האַרץ, און פון זײַן בלינד בלוט; אַ גראַנגל, אין וועלכן דער מאַרך פּראָדוצירט — אינטעלעקט, און דאָס בלוט — בלינדע אינסטינקטן, דרענגען, שפּירונגען, גוסטן: אַ גראַנגל, (פּרעציזער,) בעת וועלכן די חושים נעמען־אויף סענסאַציעס פון פענאָמענס פון אוניווערס, פון קאָסמאָס, און געבן זיי איבער — הן צום מאַרך, הן צום בלינדן בלוט; אָבער, בעת דער מאַרך פּאַסט זיי־אויף, איז זיי תּופס — מיט דער תּכונה, עס הייסט, מיט דער תּפיסה — פון דער אַנטיטעזישער דינאַמיק, — פּאַסט זיי־אויף, איז זיי תּופס דאָס בלוט — מיט דער תּכונה, עס הייסט, מיט דער תּפיסה — פון דער טעזישער סטאַטיק; און בעת דער אָקערשט־פּראָדוצירטער אינטעלעקט נעמט צוריקרעאַגירן אין מאַרך, רעפלעקטירן אין מענטשס געמיט — זײַנע ווערטיקאַלע אידייען פאָרשטעלונגען פון אַלזײַן, אין אײביקן אומענדלעכן צעשטער־שטראָמען, אין דרענג צו (כלומרשטן 1) ווערן, אײַן פּאָרויס, — טוען די פּראָדוצירטע אינסטינקטן פונעם בלוט צוריקרעאַגירן אין דעם האַרץ, תּחילת, מיט דורכויס

---

1) מיט די אַלערלײ באַוואָרענישן — (כלומרשט) — ווערט גע־מיינט צו זאָגן דאָס פאָלגנדע: דער אינטעלעקט, אַפילו ווען מע זעט אים אין זײַן סינטעטישער, אינדוקטיוו־דעדוקטיווער געשטאַלטיקונג פון רע־אַגירן, הן פון פּרט צום כּלל, (די פּרטיותדיקע צעגלידערונג, נעטע אַנאַליטישע טענדענץ,) הן פון כּלל צום פּרט, (כּלל, אַפּריאָרי, נעטער פּרינציפּ פון גאַנצקייט,) — פאַרבלײַבט ער אָבער, אין זײַן כאַראַקטער־תּוך — אַנאַליטיש־צעשטעריש; נישט־געקוקט אַף זײַן מאַניפעסטיר־דרענג, עטאַפּנמעסיק, צו ווערן, צו צונויפאַסונג, צו כלומרשטער יאָ־זאָגונג פאַר דאָ־זײַן; בעת זײַן סאַמע־איניקסטער דראַנג איז: אײביק, אײַן־פּאָרויס; אַוועק פון כּלל, פון גאַנצקייט...

נישט אַזוי — דאָס האַרץ: אין זײַן דרענג, אַף־צוריק; צו כלומרשטער נײַן־זאָגונג פאַר דאָ־זײַן; צום אויפהערן־זײַן, אמת; צו טויט, צו רו; אָבער — אײַן דעם כּלל; אין דער גאַנצקייט... (שפּעטער — גענויער.)

פ י נ צ ט ע ר ב יי ז ן צעשטער־דראנג, אַף צ ו ר י ק ; אָבער אין דעם האַרץ שלאָגן שוין אָפּ די שטראַלן פון מענטשס אַנאַליטישן, אַלץ־צעגלידערנדן אינטעלעקט...; מיט וועמען, אַז בלינדע פינצטערע ימ־צעבושעוועטע אינסטינקטן האָבן זיך נאָר אָנגעטראָפן, — און עס נעמט זיי דאָס האַרץ מילדערן, לייטערן, שטילן, לעשן, טאַמעווען, איינבעמען, גוט־מאַכן, ווי אַרייגעבן אין זיי אַ נשמה; זיי באַקערן אין געפילן, אין עמאָציעס; אָן דעם אָבער, אַז עס זאָל זיין בכוח דאָס האַרץ, (נישט עס האָט גאָר, אגב, אַליין, דעם ווילן דערצו,) — צו ענדערן פולשטענדיק זייער תכונה־טענדענץ; וועלכע — אַ מילדע, אמת, אַ לייטזעליק־געוואָרענע, — בלייבט זי אָבער אַלץ — י ע נ ע , די זעלבע כאַראַקטער־תכונה פון אייביק: אָט דער טעזיש־סטאַטיש־רוימלעכער צעשטערונג־דראַנג — אַ ף צ ו ר י ק ; צו ווערן אויפגעלייזט, אין דעם אומזיין; און אָט די שטילע מילדע געפילן טוען, ערשט, רעפלעקטירן אין מענטשס געמיט — ז יי ע ר ע , ה אַ ר י ז אָ נ ט א ל ע , אידייען פאָרשטע־לונגען פון אַלזיין, אין אייביקן אומענדלעכן צעשטער־שטראָמען, אַ ף צ ו ר י ק . . .

נו, און ער, דער מענטש, אַ צעריסענער, אַ צעשפּאָלטענער, אַ טאָפּל־געשטאַלטיקטער, מיט זיין אומויפהערלעכן דרענג, אין אַלע זיינע טענדענצן, אַזוי צי אַנדערש, צו צעשטערונג, — וואָס־זשע בלייבט אים צו טון דען, אַ חוץ נעמען גרינטעווען, פאָרשן נאָך־טיפער — זיך גופא, אין זיין פאַמאַלער שייכות צום אַלזיין?... — אָ, ווער איז ער פאָרט?!

ער גרוילט־אויף, אין תחילת, ער בלייבט דערשיטערט, פון דער שוידערלעכער רעוועלאַציע: אַז ער איז — מוראדיק־עלנט, אין דעם זיין; אַז איגערגעץ, אין דעם אייביקן נאַקעטן מאַוימדיק־ליידיקן אַלזיין, אין דער אומענדלעכקייט, גיבט נישט — קיין גוטס, צי קיין שלעכטס אַפילו; קיין אידעאַל־קיום, קיין זין; בלויז — אַבסאָלוטער זינלאָזער דראַנג צו צעשטערונג; אָדער — קעגנזייטיקע פאַרצערונג פון עלעמענטן; ווי ברענשטאָף און פייער, אַלציינס; און אַז ער, דער מענטש, (אייגנטלעך, אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פונעם אַלזיין,) איז, במילא, נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַלץ איינער און דער זעלבער גראָער אמאָראַלער מהות, ווי עס איז דאָס, אַ שטייגער, דער אַנימאַל פונעם דזשונגל, וועלכער דערהאַלט זיך, לויטן פאַטאַלן נאַטור־געזעץ פון הערשאַפט פונעם שטאַרקערן איבערן שוואַכערן; יאָ, מיט אַלע קאָנסעקווענצן, וואָס קענען נאָר פאָלגן דערפון; און אָן דעם, נאַטירלעך, אַז עס זאָל גאָר קענען זיין אַ רייד, באַ פאַר־צוקונג, (ווי דערמאָנט אויבן,) פון שולד, צי פון אומשולד אַפילו!...

... אם כן, טאָ: וואָס זאָל ע ר טון, דער מענטש? זיך־לאָזן אויס־שלאַכטן קעגנזייטיק, אין זיין אייגענעם דזשונגל?

...גיין. מיט אים, (דערפארט ער,) פאנגט אָן: דאָס גוטס און דאָס שלעכטס — א י ן ד ע ם ל ע ב ן ; די מאָראל, די עטיק, דאָס גוט און שלעכטס, ניט א י ן־ז י ך , — גייערט, אין דער אָנווענדונג לגבי אַ אַנדערן, א מענטש, ווּעמעך, (ווי זיך־גופאָ, ווען מע טוט עס צ ו א י ם ,) מע מאַכט זיך־שפּירן גוט, אָדער ליידן... דאקעגן, וואָס אָנבאַלאַנגט א י ם ג ו פ אָ , דאָס הייסט, איטלעכן מענטש אַליין, — איז ער, (ווי דערמאָנט,) בלויז איבערפולט — מיט איין אומויפהערלעכן דראַנג צו צעשטערונג; אומאָפּהענגיק דערפון, אויס וואַנען די טענדענץ שלאָגט, צי פון אינטעלעקט, אין זיין צעשטער־דראַנג, אַף־פּאָרויס; אָדער פון הארצן, אין זיין אלגעמיינעם צעשטער־דרענג, אַף צוריק; אַלציינס, צי דאָס קומט פון בייזן שלעכטן אינסטינקט, אָדער פון גוטן געלייטערטן איידעלן געפיל; יאָ, (ווי געזאָגט,) אַלציינס, דורך האַס, צי דורך ליבע; עליי, ווי דאָס פאַרצערן אַ ליבן מאַכל; לאָז זיין, אין פלוג — כדי זיך צו דערהאַלטן, כדי צו וואקסן; אָבער, אין דער אונטערשטער שורה, מיינט עס אַלץ: זיך־צעשטערן, ווי מע איז; נאָכגעבן דעם עקסטרעם־קעגנגעזעצטן טאָפל־איכיקן אייביקן אומרו־דראַנג: אָדער צו רו און טויט, אין אויפלייז; אָדער צו ווייטערדיקן פּערמאַנענטן פּאָרויס־דרענג צו אויפלייז, דורך כלומרשטן וואַקסן, ווערן... טאָ, אין לעצטן סך־הכול: וואָס איז דאָס דער אונטערשייד?... און ס׳אַנדערע, נאָך עפּעס: וו א ו א י ז ד ע ר ז י ן ? מע פאַרשטייט?... און צוליב וואָס איז דאָס אַלץ, אָט די אלע גרייליכע אָנשטרענגונגען, — וויבאלד אז אַלעס — סיי דער מענטש גופאָ, סיי זיין אייגענער פולער אַרומיקער באַשאַף, זיין קולטור, זיין וויסן, זיין קונסט, זיין גלויבן, זיינע אידעאלן, און אפילו זיין סאמע־פּרימיטיוו ביאָלאָגיש לעבן, יאָ אַלעס, וו י ע ר — דרענגט, אין טיפסטער אינטימסטער תכונה, (און געדענקט: אין איי־בער דער זעלבער צייט, אין זיין טאָפל־געשטאלטיקונג, אין זיין ווער־טיקאל־האָריזאָנטאלער טאָפל — און פאַקטיש, איינציקער, פאַטאַלער, בלויז איינע אף דער אַנדערער אָנזיכטיק־בולט־ווערנדער — שטראָמונג, אי אַ ף־פ אָ ר ו י ס , אי אַף צוריק,) צו צעשטערונג, צו אויפלייז, צו נישט־ווערן, צו אומזיין; היינט — וואָס?...

...מע פאַרשטייט? טאָ, וואָס איז דערפון, (ווי מע וויל האָבן, און אין טעות,) וואָס מענטש נעמט זיין דירעקטע צעשטער־ענערגיע, זיין אַמביציע־דראַנג און טרייב־קראַפט צו אומברענג; און, לאָזנדיק זי, די קראַפט, די ענערגיע, בלייבן טריי, (ווייל זי איז אומפארענדערלעך,) צו איר אייגענער טבע פון פארצערונג, פון דעסטרוקציע, טוט ער זי אָנווענדן, די טבע, (עליי ווי מיט פייער און ברענשטאָף, קוילן נאַפט, א. א. אלציינס,) אומדירעקט — צו קאָנסטרוקטיווע ליכטיקע צילן פון זיין שעפערישן געניאלן שוואונג, — וויבאלד אז אין תוך, (ווי דערמאָנט)

בלייבט אַלץ — פאטאַל־אומגעענדערט: סיי אינעם ווערק; ווי אין מענטשס טראַגיש געמיט גופא; אין וועלכן ער האָט, אגב, בויענדיק, אָנגעמאַכט גישט־ווינציקער חורבן — באַם פאַרצערן, אויסברענען, צעשטערן זיין ענערגיע; דאָס הייסט, באַם האָבן־נאָכגעקומען, איצט, אַזוי טיף־דערשיטערנד ווי קיינמאָל, זיין פאַטאַל־אינטימסטן דראנג צו אויפלייז, צו אויסלעבונג; הן, אין די אנאליטיש־דעסטרוקטיווע רעגיאָנען פון זיין אינטעלעקט; נו, און אַוודאי, אין די עסטעטישעמאָציאָנעלע וויזיאָנען זיינע פון הארץ — וואו אלץ טאַנעט, לעכצט צו אויסגאנג, צו אויפהער, אין שטורעם, אָדער צו שטילער לייטזעליקער אייביקער רו?

...מע פאַרשטייט? וויבאלד אז מענטש אליין איז — אומפאַרלעסלעך; אויב ער איז נישט מסוגל, באין אופן, צו פראָדוצירן, צו רעוועלירן אין זיך — אַ קליין שטיקעלע מענטש; איין פינטעלע, לאָז־זיין, שטאנדהאפטיקעס, אומפאַרגענגלעכס, אייביקעס אין דער אומענדלעכקייט, — היינט, טאָ, איז — וואו איז דער זין פאַר אַלץ?...

●

און דאָך, (מע הערט? און, ווי מערקווירדיק־שטוינענד עס זאָל נישט פאָרקומען; און אפשר — גאָרנישט אַזוי־חידושדיק, ווי עס קאָן זיך אויסדוכטן;) פאַרצווייפלט נישט מענטש. ער קעמפט ווייטער, (אַזוי, — דער איינזאמער יחיד; אַזוי — קיבוצים, מאסן, פעלקער גאַנצע;) טראַגיש, נאָר אומגעבראָכן. און אַ דערשיטערטער ביז לעצט, און אַ דורכגעגרוילטער ביז צו דער טיפסטער לעכצונג פון זיין זיין, — שלאָגט ער אַרויס, אויס דעם מדבר־שטייניקן סאמע־לעצטן יאוש זיינעם — פלאַמען פון האָפענונג, גלויבן און מוט; און ער גייט אין אָנגרייף...

אָבער — ווי אזוי? אויס וואנען שעפט ער פאָרט זיין כוח פאַר דעם?

און דער ענטפער איז קלאָר: — אוודאי, אויס זיך גופא; אויס זיין אייגענעם, נאָך־טיפער ווי־קיינמאָל־ביז־איצט־אָנגעשלאָגענעם, קאָכיקצעפייניקטן קוואל — מענטש... יאָ, אויס דאָרטן, אפשר, וואו ער דערבליקט דערצאַפלט, ער דעקט־אויף, ענדלעך, דאָס וואָס ער, דער מהות־מענטש איז: העכסטער איידלסטער אויסדרוק, טראַגישסטע געשטאַלטיקונג פון דער אומענדלעכקייט; די אומענדלעכקייט גופא אין זיך; דער אומענדלעכער אָנפאנג, (אין דער פאָרשטעלונג, אין דער תפיסה,) און דער אין סוף; ער, אומענדלעכלעכער מענטש, דער בלי־ראשית, בלי־אחרית; ער, דער אייביקער, אומפאַרגענגלעכער, אויס וועמען אַלעס — אַלדאָס זייך, אלץ וואָס ער זעט ער באַנעמט — שטראָמט

א י ן אים און א ו י ס אים, אין־זיך, אין זיין אומענדלעכער קאָמפּליצירטסטער כוללות פון אלץ... ער, וואָס די אומענדלעכקייט איז — די כוללות־תכונה זיינע, פון מענטש... אין זיין איינזאַמסטער נאָבלסטער פאַרצווייפלונג; אין זיין טראַגיש־גרויזאַמסטן קאָסמישן עלנט, אַף ווי ווייט זיין בליק אין זיין אומענדלעכקייט גרייכט; און נישט־האָבנדיק, אַף וועמען זיך סומך צו זיין, א חוץ אַף זיך אליין; ווייל ער איז, אומעטום, אין דעם מוראָדיק־פּוסטן חלל פון דער אומענדלעכקייט — שוידערלעך אליין; יאָ, אַליין, — דעראַנט ער אָבער, און ער פאַסט זיין טראַגיש־פאַטאַל־מענטשלעכן באַשלוס:

„— אַז — דווקאָ דערפאַר. יאָ, ו ו י י ל אַ ז ו י , — איז איבערגעץ נישטאָ מער — קיין פּוסטער חלל, — וויבאַלד א ז ע ר איז דאָרט פאַראַן; אַז ע ר , מענטש, איז דאָ — אומעטום...“

און ער הויבט אָן מיט זיך און פ ו ן־זיך, מיט זיין צאַפּלדיקן קאָכיקן אָטעם, אַרויסשלאָגן אויס זיין טיפסטער טראַגישסטער בלוטיקסטער פּיין — דאָס סאַמע איבעררשאַנדסטע שטוינענד־איידלסטע, וואָס האָט זיך ווען וועמען געקענט פאָרשטעלן: די מענטש־באַזעלונג, די הומאַניזירונג, די באַלעבונג, אָ, די טראַגיש־מענטשלעכע באַזינונג פון אַלץ... און ער טרעט צו, דער עלנטער מענטש, אין זיין שוידערלעכסטער לאַסט — אונטערצונעמען און אָפּטון די אַרבעט פון אַ האַר, פון אַ באַשעפער, פון געטער: צו ב אַ מ ע נ ט ש ל ע כ ן דאָס זיין; אָנצופילן די טויטע אומענדלעכע וועלטן — מיט לעבן, מיט א נ ש מ ה , מיט ז י ן ; ,אַז מענטש און וועלט זאָלן באַקומען אַ זכות־הקיום, אַ צוקונפט, אָ, אַ קאָכיק־בלוטנדן געטלעך־מענטשלעכן באַגין פאַר דעם זיין... און ער טרעט־צו פּראָדוצירן, באַשאַפן, אָנלעבן — אַלצמער זעל, נשמה — אין מענטש, און אין אַלוועלט; ער, דער טראַגישסטער, אָבער מוטיקסטער מענטש־רעבעל — קעגן טויט, קעגן אומבאַלעבטער נאַטור; אין וועלכער ער טוט צ ו ר י ק ר ע א ג י ר ן און זי באַלעבן מיט זיין וואַרעמען אָטעם... ער, וועלכער נעגירט די גאַנצע וואולגאַרע אַנשוילעכע אויסערלעכע כלומרשט־ה י ס ט אָ ר י ש ע עוואָלוציע, אין צ יי ט ־ ד ו י ע ר , און אין ר ו י ם ־ ש ט ח , און ער טוט זי אומקערן, די עוואָלוציע, צו אירע עכטסטע אינטימסטע, (אויסערהאַלב ה י ס ט אָ ר י ש ן צייט־דויער און רוים־שטח,) איידלסטע תכונה־טענדענצן פון צייטלעך־דינאַמישן און רוימלעך־סטאַטישן דראַנג; אין אומויפהערלעכן אָנרייפן און זיך־טראַנספאָרמירן — א ו י ס ע ר ל ע ך־אָ נ ש ו י ל ע ך־ב ל ו י ז — אין אַלץ־נייערע געשטאַלטונגען; אָבער, אין דער וואָר, אין דעם אייביקן געשעען אין־זיך — טוענדיק שלאָגן, אייביק, זיך־ראַנגלען, שטראָמען אין־זיך, א יי נ ג ע ש ע נ ד ,

(עוואָלוציאָנירנד,) אין א ף־פ אָ ר ו י ס , אי אַ ף־צ ו ר י ק 1)
א יי נ ש ט ר אָ מ ע נ ד , אין אלץ־איינער־דער־זעלבער־ריכטונג אין־
זיך — אין דער אומענדלעכקייט... ער, דער מענטש, די העכסטע עוואָ־
לוציאָנירטסטע כוללות־אומענדלעכקייט; וועלכער טוט מ י ט זיך, און
אָנהויבנדיק פון זיך, אויסשטראלן, רעוואָלוציאָניזירן דאָס אלזיין... יאָ,
ער, דער מענטש, וועלכער פראָדוצירנדיק נשמה, — ווערט — דער אי־
בערבויער, דער באַנייער פון אַלע וועלטן; וועלכע ער באַפעלקערט מיט
לעבן, מיט זעל, מיט געטער, מיט זין; מיט איין וואָרט — מיט זיך, מיט
מענטש. אָ, ער, דער רעהאביליטירער פון נאטור, פון האר, פון באַשע־
פער, פון אַלע אומענדלעכע אוניווערסן, פון דעם זינלאָזסטן זיין, אין
וועלכן ער בלאָזט אַריין זיין פלאמיקסטע לויטערסטע נשמת־חיים; און
מיט וועמען עס הויבט זיך אָן — זין, לעבן, נשמה, מאָראל, גאָט; עס
מיינט — פראָבלעם, לייטערונג, קאַמף פאַר דערהויבונג...

יאָ, ער, דער מענטש, וועלכער פאַרנעמט דערהערט, אין זיין
טראַגישסטער פאַרצווייפלונג, אויפשלאָגן אין זיך — זיין פאַטאַלע איי־
ביקייט; אָט די אייביקע כוללות זיינע פון אומענדלעכקייט אין־גערא‏נגל.
ער, וועלכער דעקט־אויף אין זיך, (קעגנאיבער אַלע, ביז־אים־רעוועליר־
טע, ט ו י ט ע , שיר־נישט־מ ע כ אַ נ י ש ע , תכונות פונעם זיין,)
זיין נייע ל ע ב ע ד י ק ע תכונה — ז יי ן מ ע נ ט ש ל ע כ ע
נ ש מ ה ; וועלכע (אַזוי גוט, ווי אין אַ געוויסן, א ו י ס ע ר ל ע כ ן,
עוואָלוציע־פעריאָד — דער אָנרייף און אויפקום פון מ א ר ד , מיט
זיין שפּעטערדיקער פראָדוקציע — א י נ ט ע ל ע ק ט , ) האָט אָנגע־
רייפט, אין נייער מיסטעריעזער רעוועלאציע — אין זיין האַרץ... יאָ, אין
דעם האַרץ פון אָט־דעם טאָפּל־ג ע ש ט א ל ט י ק ן אייביקייט־א ו מ ־
ע נ ד ל ע כ ן מענטש; וועלכער שטראָמט, ווי דערמאָנט, ווי די איי־
ביקע כוללות־אומענדלעכקייט, איינגעשעענד, איינשטראָמענד־אין־זיך —
אי אַף־פאָרויס, אי אַף־צוריק, אין איינס, אין גערא‏נגל; יאָ, איז אין זיין
האַרץ האָבן עס געטון פ א ט א ל ארײנשטראָמען — די אינטעלעק־
טועלע שטראלן; און זיי האָבן געטון אַ נ אַ ל י ז י ר ן , צעגלידערן,
גענומען מ י ל ד ע ר ן באַלויכטן די בייזקייט פון די אַהין־אַריינגע־
שלאָגענע פינצטערע אינסטינקטן פונעם בלוט...; ביז וואַנען זיי, די
זעלבע אינטעלעקטועלע שטראלן, האָבן, ענדלעך, דעזינטעגרירט, אויפ־
געשפּאָלטן דעם פאַרשטאָפּטן האַרץ־אטאָם, (אָט דעם אַלט־באַקאָנטן
א ט ו ם־ ל ב ;) און עס האָט, מיטאמאָל — אָ, אומגעריכט, איבער־
ראשנד וואונדער, מיסטעריע — אויס זיין האַרץ־קאָכיקסטן תהום, גענו־

---

1) והחיות רצוא ושוב וכ"ו. (יחזקאל א', מעשה־מרכבה.); זע אין
דער קבלה די מיסטעריע פון קוו־הישר און קו־החוזר.

מען אויפגיין, אויפשלאָגן, אויפלויכטן, — גוטע, מענטשלעכע נשמה, זעל...; וועלכע — אַזוי גוט, ווי מאַרך־וואוקס — גייט אָן מיט איר אייגענער בליאונג; אָ, מיט דעם נייעם וואוקס פון מענטש!... 1)

אָבער ער, דער נייער מענטש, וואָס האָט, ווי, אַזוי בלוטיק־געבלאָנזשעט, ביז ער האָט זיך קוים דערשלאָגן צו אָט דעם עוגן־ההצלה זיינעם, אין דעם זיין, — אָ, הערט זיך גוט איין אין זיינע רייד, אַציגד;

1) עס מיינט: אַז דער מענטש באַנעמט אין זיין צעריסנקייט — דעם סטימול צו דערהויבונג; איין מאָל: סטימולירט סטאַטישע האַרץ־גראַוויטאַציע דעם אינטעלעקט — צו דינאַמישן שוואונג; נו, און אויב דער שוואונג איז, אין פלוג, אין זיין טענדענץ־אין־פאָרויס, צו פּרטים־צעגלידערונג — אַ אַנאַליטיש־צעשטערערישער; דאָס הייסט, אין דער אונטערשטער שורה — ניין־זאָגנד פאַרן לעבן, — דאַן, וועט דאָס זעלבע מילד־געוואָרענע האַרץ, (טאַקע, דורכן אינטעלעקט גופא;) יאָ, דאָס האַרץ, וואָס הגם זיין טענדענץ איז — אַף צוריק, צו אויפלייז; עס הייסט, אין פלוג — ניין־זאָגונג פאַרן לעבן; איז אָבער אָט די טענדענץ — אַ דראַנג צום אויסגאַנג־פונקט פון אַ כּלל; עס מיינט, אין דער אונטערשטער שורה — אַ לעכצעניש צו גאַנצקייט..., — יאָ, וועט דאַן, דאָס זעלבע האַרץ — אים נעמען באַזעלן, דעם אינטעלעקט; אים צוטרעטן — באַיאַען; באַמענטשלעכן; עס מיינט: אַז ער זאָל בלייבן געבונדן — צו מענטש אין לעבן; זיך פון מענטש נישט־אוועקרייסן אינגאַנצן; נישט נעמען פאַרקערן פולשטענדיק־הערמעטיש־איינגעשלאָסן אַרום־זיך; נישט גיין פּראָדוצירן אַ איבערגעטריבענע אייגן־צענטריפוגישע גראַוויטאַציע, פאַרן ווייטערן העכערן שוואונג, אומאָפּהענגיק־לגמרי פון דער גראַוויטאַציע פון מענטש אין לעבן: ווען ער וועט, אַזוי־אַרום, אויפהערן זען — אייגן; זיך־אויפהערן באַטראַכטן אַלס אָנגעהערנד צו אים; און אים אַליין, דעם מענטש, נעמען באַטראַכטן — בלויז אַלס ווילד־פּרעמדן חומר, רויען שטאָף, עקספּערימענטאַלן מאַטעריאַל צו זיינע פאָרשונגען; במילא, אַלס גורל־אָנבאַרייטן פאַר אים, דעם אינטעלעקט, אין זיין אומאָפּהאַלטלעכן שוואונג־דראַנג צו צעשטערן... ניין; ווי געזאָגט, אים האַלטן געבונדן — צו מענטש אין לעבן; אַז ער זאָל באַנעמען זיין תעודה: ווי זי איז — פאַר דעם מענטש אין לעבן, און נישט — קעגן; אום אַז ער, דער אינטעלעקט, זאָל — הגם, לגמרי טריי זיין גורל־באַרוף פון צעשטערונג, — דאָך, אַנשטאָט ברוטאַלער סקרופּולאָזער אויפאָפּפערונג פון מענטש, פאַר זיינע פאַרפירטע דעמאָנישע צילן, — אָנגיין, אומויפהערלעך, מיט דער ענדערונג פון מענטש אין לעבן; אַ ענדערונג אַ לאַנגזאַמע, אַ בהדרגהדיקע. אַ אויגנשיינלעך יאָ־זאָגנדע פאַרן לעבן; אום דעם אָרעמען עלנטן מענטש זאָל נאָך פאַרקומען: אַז ס'האָט נאָך פאַרטאַ אַ זין און אַ ווערט — זיין לעבן זיך־ראַנגלען אַף דער וועלט... (שפּעטער — געגנויער.)

אין זיין גרוילנד געשריי; ווי ער וואָרנט — קעגן זיך אליין, און ער רופט:

— אָ, מענטש; געטרויע נישט מער — דעם מענטש. כבדהו וחשדהו; אַכפּער אים, און לויער. ווייל, ער איז נישט — פאַרלעסלעך; ווייל, ער איז נישט — גאַנץ; ווייל, ער איז — צעריסן, צעשפּאָלטן; פול מיט פּאַראט... איז: געטרויע נישט — זיין וויסן ,זיין פאָרשן, זיין אינ־טעלעקט, אין זיין דרענג א י ן־פּ אָ ר ו י ס , אין זיין געניאלן אומ־אָפּהאלטלעכן שוואונג: אליין, אוועק אין די פאַנטאסטישע הויכן; זיך־אָפּרייסן פון לעבן, פון הארציקן מענטש פון טאָל; אָפּברעכן מיט דער מענטש־קאָנדיציע; ווערן אליין — ענג־אוממענטשלעך, פיינטלעך־ק ע ־ ג נ־מענטשלעך, דעמאָניש; דאָן, אומגעשטערט, (אין זיין כ ל ו מ ר ש ט א י נ י ק ס ט ן , און, פאקטיש, בלויז ע ט אַ פּ נ וו יי ז ן דרענג צ ו ם וו ע ר ן , נאָר בעיקר, אין זיין ת ו כ י ק ס ט ן דרענג א י ן־פּ אָ ר ו י ס , אין זיין פאַטאַל־אויסדריקלעכסטער תכונה — צו אנאליזירן און צעשטערן, — ) באַקערן דאָס גאַנצע וויסן — צו אַ פאַרברעכעריש (ווייל — א ו מ מ ע נ ט ש ל ע ך , ) א ו מ וו י ס ן ; צו אַ טייפלש פאַרוויסטנד וואָפן פאַר אויסראָט פון אומבאַהאָלפענע האַרציקע מענטשן־קינדער פון דעם לעבן, פון אונטער דער זון... אָ, געטרויע נישט דעם אינטעלעקט, (דער פאַרעטערישער אַלץ־צעשטע־רנדער אינטעליגענץ,) וועלכער איז גרייט, אין זיין אומויפהער־לעכן דראנג צו דעזינטעגרירן, — אויפצוהערן זעען מענטשן, בכלל; לעבן, פיין, וויי; בלייבן — טויב און בלינד צו אַלעם, צו מענטשלעכן יאָמער און לייד; נייערט, ווערן באַרייט; אַלדאָס אַנדערשדיקע פון זיך, אלדאָס „נידעריקע״ פון זיך, אין דער יעראַרכיע פון דעם „וויסן״, (אָפּגעשטאָנענע — ווייל פאַרשקלאַפטע צו פיזישער ברוטאלער מאַכט — אָ, מענטשלעכע מאסן, פעלקער גאַנצע,) זיי באַרויבן, פון אַלעם, (עס מיינט — פון לעצטן, וואָס איז נאָך באַ זיי פאַרבליבן, און אַפילו פון זייער לעבן,) וואָס ער, אינטעלעקט, האַלט פאַר אומבאַדינגט אָנצואייגענען — פאַר זיך־אליין בלויז. (און וויפל ער קריגט אַריין, איז פאַר אים אַלץ ווייניק), אַלס חומר רויען, פאַר זיין פאָרשן; און דארום — יענע, די „אומוויסנדע״, די „גאָרנישט־ווער־טיקע״, נאָכמער פאַרשקלאַפן און איינשפּאנען אין דעם אומדערבארעמ־דיקסטן פאַרניכטנדסטן יאָך; דאָס הייסט, אין דינסט פון זיינע „אייב־ציק־באַרעכטיקטע״ צילן, אין דעם זיין; וועלכע טרייבן, מיט אזאַ טייוולאָנישער אומגעדולד, צו אַל־דעסטרוקציע... טאָ, האַלט אים, צוים אים, מענטש פון לעבן, פון וועלט; מענטש מיט געוויסן, מיט נשמה... צווינגט אים אויף צו גיין — פּאַמעלעך, לאַנגזאַם, טראָט־באַ־טראָט; אום עס זאָלן אים קענען באַגלייטן, מיטקומען מיט אים — זיינע ברידער,

די האַרציקע מענטשן־קינדער פון דער ערד; און אים, אָן־אויפהער, אין גוטער בלוטנדער האַרציקער פיין — הומאַניזירן, מענטשלעכן; אָנלעבן, פּראָדוצירן פאַר אים — נשמה, חיות, וואַרעמען צאַפּלדיקן אָטעם; אום ער זאָל דערהערן און וויסן־זיין: אַז ער איז געגעבן — פאַר דער גאַנצ־קייט פון מענטש; פאַר דער יאָ־זאָגונג פון לעבן; מיט איין וואָרט: אַז עס איז נישט הפקר קיין וועלט!...

...— נאַר, אַקוראַט אַזוי, מענטש־ברודער; (אָ, אַזוי־גרויזאַם־געשטראָפ־טעו׳, אין דיין נאַבלסטן הייליקן דראַנג צו דערלייזונג; אַזוי־מוראַדיק־דערשלאָגענער, פאַרצווייפלטער, אין דיין פּיין; און דאָך — לאָז נישט נאָך פון דיין מוט, ביז לעצט; פון דיין האָפן און גלויבן: אַז נאָך איז נישט־פאַרלאָרן מענטש, מיט זיין בלאַנזשען, — ווען וויבאַלד דו וועסט נאָר וויסן צו לערנען פון די טראַגישע פעלערן, פון דעם אַזוי בלוטיק־באַצאָלטן צינזש... —) יאָ, זיי־וויסן: אַז נאָכנישט פאַרלעסלעך איג־גאַנצן איז אויך דאָס האַרץ, (דער קוואל פון דיין אַזוי־יונגער צאַרטער נשמה;) וואו עס בושעווען נאָך, אַזוי בלינד־אומגעצוימט. די פינצטערע צעיושעטע אינסטינקטן; די יאַרע פרעכע ניין־זאָגער פון לעבן; וועלכע דרענגען צו אַזאַ גוואַלדזאַמער צעשטערונג און אומקער צו (כלומרשטער גאַנצקייט.) אין כאַאָס׳— ווען נים די נאָכאַנאַנדיקע אינטעלעקטועלע אַריינשטראַלונג, וועלכע, (ווי מאָדנע עס זאָל נישט פאַרקומען,) העלפט זי דאָך דער אָנלעבונג און וואוקס פון — מער נשמה, האַרציקייט, גוטס...

...— אַזוי, אַז: געטרויע זיך נישט, ברודער, מענטש: נישט, אין איין עקסטרעם; נישט, אין דעם אַנדערן... כבדהו וחשדהו... און אַלציינס, געגנוי דאָס זעלבע: ווען דו קומסט בויען דיין סדר אין לעבן, דיין צוזאַ־מענלעבן מיט דיין גלייכן — אין דער געזעלשאַפט; דיין גיין געבערן: אויס מענטש — מענטשהייט... טאָ, הזהר והשמר, און גיב אים נישט, דיין גלייכן — קיין מאַכט, קיין איבער. נישט — דעם אינטעלעקטועלן צד, (דער אינטעליגענץ,) נישט אַפילו — דעם האַרצע־דיקן, (דעם פאַלק.) אָ, געדענק אייביק: ווי שווידערהאַפט־בלוטיק די טאָפּעלע מענטש־בעסטיע האָט זיך מיט דיר, נישט־איינמאָל, צערעכנט — פאַר דיין נאַיוון פּריצייטיקן אידעאַליזם; פאַר דיין נישט־דערוואַק־סענעם, נאָך־אינפאַנטילישן גלויבן... ווילסטו קומען באַנייס, ווידערהאָלן דיינע פאַטאַלע טעותן, אויס וועלכע דו קומסט אַלעמאָל אפער, קוים מיטן לעבן; און, אַף לעצט, נישט־איינרוען, ביז דו וועסט זיך נישט־אומברענגען אינגאַנצן? וואָס? זיך נאָך נישט געקאַיעט? איז דאָס אַלץ פאַר דיר ווינציק?... — ניין, מענטש־ברודער. דו, ווילסט עס נישט. דו, קענסט עס נישט וועלן. ווייל — די צוקונפט איז מיט דיר, דאָס לעבן, די אייביקייט; מיט דיר, וועלכער האָסט די אומענדלעכע תעודה: אָנצו־

לעבן האַרץ, נשמה, גייסט — פאַר אַלע וועלטן, אין דעם זיין...

...— טאָ, לערן, ברודער, פון דער פיין; דערקען זיך, ענדלעך — ווער דו ביסט; און — געטרויע נישט ז י ך, באין אופן אין דער וועלט. נייערט: וואך איבער זיך, און דיין גלייכן, אומדערמידלעך; הן ווי אַ פיינט; אָבער נאָכמער, ווי אַ פריינט, פאַריינס... לאנגזאם, גיי; נאָר, אָן געאייל. לא עליך המלאָכה לגמור. האָסט צייט גענוג. ביסט אומענדלעך... זאָל יעדער איינער פון דיר היטן דעם צווייטן; אימער — וואַכזאם; נישט־נאָכלאָזן — אַ רגע: דיין אינטעליגענץ — דער מאסע; און פאַרקערט... האָב צייט; טרייב נישט... אַזוי, אמת, וועט עס דויערן לענגער דיין גאנג. ממש, קריכן — שפאן נאָך שפאַן... אָבער, וואָס קאָן מען מאַכן? אַזוי ביסטו, מענטש; און דו מוזסט זיך האַלטן אין דיין פורעם... (ווידעראמאָל:) אָ, ווייל מיר האָבן שוין געזען: וואָס דו האָסט געהאַט דערפון, וואוהין דערפירט, — ווען דו האָסט, מיטיינמאָל, פאַר־לאָרן דיין געדולד; זיך־צעטראָגן און אַ טרייב־געטון אַזוי־ווייט אין־פאָ־רויס; געוואָלט דוחק־זיין דעם קץ...

...— טאָ, האָב צייט, ברודער; לערן, באַאָבאכטע, פאָרש; און אונ־טערדעסן, לעב־אָן — וואָס מער הארץ, נשמה, זעל... אָ, געדענק, מענטש: נאָר בנערינו ובזקנינו נלך; אלמענטשלעכער גאַנג; אַלע פאַראַמאָל; קיינער — הינטערשטעליק. און ווען יאָ, — דאן, זאָלן אַלע אויפ־ווארטן... אָ, זאָל איטלעכער דריקן — אפן אנדערן: די נשמה פון מאסע — אַף אומגעדולד פון אינטעליגענץ; און די סקעפטישע נעגירונג און קילונג פון אינטעלעקט — אַף פינצטערער אומגעצוימטער צעבושעווע־טער פוריע פון בלינדן קאָכיקן בלוט; וועט זיין גלייכער, בעסער, געזינ־טער פאַר אַלע...

...— אָט אַזוי, ברודער־מענטש, זאָלסטו שטעלן דיין טראָט, און גיין דיין גאנג — איבער דעם דרך אַרוכה וקצרה; און בויען דעם סדר פאַר דיר, מיט דיין גלייכן — לויט דיין מענטש־טבע; אידעאַל־טריי דיין טאָפל־קאָסמישן אייביקן כאַראַקטער, אין דיין אומענדלעכן זיין... נישט — אליינהערשאַפט, אין אַלע אירע עקלהאפטע אומנאַטירלעכסטע פרעזענטירונגען: וואָרום, וואו־דען האָסטו דאָס געזען, אין דעם זיין? נייערט — די איינציקע טאָפל־געשטאלטיקע אַל־הערשאַפט פון אַלע, איבער אַלע; ווי עס איז — דיין בילד־רעוועלאציע פון דעם זיין... איי, מע האָט דיך געלערנט: אַז דו מוזסט, (ווייל דו ק אָ נ ס ט,) געבן, איינמאָל־פאַר־אלעמאָל, דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן שפרונג, אום צו דערלאנגען צו דיין ענד־ציל, די פרייהייט? איז: ווער ווייסט, צי עס איז ריכטיק די לערע געוועזן? צי עס איז גאָר, בכלל, מעגלעך פאַר דיר, מענטש־אומענדלעכער, וואָס דו ביסט, אין ערגעץ, אַמאָל, צו אַ ענדע

דערגיין? צי עס איז נישט פאַר דיר פּאַטאַל־וויכטיק — נאָר דיין אומענדלעכער אומויפהערלעכער אייביקער ג א נ ג אַליין?...

...— דאַרום, איז, דערוויל, מיין לעצט טונקל וואָרט פון טרייסט און פון קרעפטיקונג צו דיר, אָרעמער מענטש: — בלייב ד אָ ך נישט אַנטמוטיקט. אָבער, פאַרכלינע זיך נישט — מיט צו־ראָזעווע קינדישע אילוזיעס. און האַלט־אָן, און גיי ווייטער, אומדערמידלעך, דיין לאַנגן שווערן פאַטאלן אומענדלעכן גאַנג, איבער דיין אומענדלעכן דזשונגל, (אָ, ווי איך זע, עס איז דיין טיפסטער איניקסטער רעטונגס־דראַנג,) אין דיין טראַגישסטער פּיין, אָ, צו דיין דעמער־אויפגאַנג פון מענטש!

בוענאָס־איירעס, י. 1953.

ס ו ף.

# אינהאַלט


דערציילונגען:
טעאַטער־לעמפּלעך — 3
ראָסיטאַ, „די טעמפּע“ — 9
די פאַרמישפּטע — 26

עסייען:
די אַלמעכטיקע קראַפט פון דער אוממעכטיקייט — 54
היים און וועלט — 61
דער מענטש באַשולדיקט זיינע ריכטער — אויף דעם פּראָצעס פון לעבן — 66
עטוואָס, וועגן דעם אַבסורד פון דער עספּעראַנטאָ — 80
דער אייביקער געראַנגל צווישן דער ווערטיקאַלער ליניע און דער האָריזאָנטאַלער, אין דעם זיין — 83

לידער צו גאָט, מענטש, און טייוול: — 120
גאָט, מענטש, נאַטור.
דער אייביקער מענטש.
דער קינסטלערישער מענטש.
די אייביקע וועלט.
דער קראַנקער מענטש.
זעלבסט־אורטייל.
די גאָטלאָזע שטאָט.
צו מ. טש.
למנצח — צו מיר, צו דיר, שיר.
טאַטע און זון.
צו ה...
מיין דיכטעריש בלוט.
דער אייביקער מהר״ל.
מענטש און רוים.
צו ק...
אין דעמער־אויפגאַנג פון מענטש. (פלאַקאַט־פּאָעמע).

אַ סבעמע פון מענטש. (אַ רעוויזיע.) — 156

**מעלדונג צו פארלעגער:**

דער זעלבער מחבר האט פארענדיקט, נאך לאנגע יארן ארבעט, א גרויסן ראמאן וועגן דער בארימטער ליבאוויטשער ישיבה, (געגרינדעט דורכן רבין שלום־דובער שניאורסאן ז"ל,) אונטערן טיטל:

## „אין די טריט פון משיח"

(בילדער פון א אייביקער אידישער וועלט.)

אין פאלגנדע פינף טיילן:

א) אלטער־ניי שמידאוויץ.

ב) יאסל, אברהם־יואל דעם קאצקערם.

ג) „שכינתא בגלותא".

ד) די אלטע וועלט.

ה) דער אויפשטאנד פון די תמימים.

דער מאנוסקריפט וועט האבן אין דרוק — העכער 800 זייטן. (50 דרוק־בויגן.)

מיט פארשלאגן וועגן ארויסגעבן דאס ווערק, זיך־ווענדן:

**M. GRANITSTEIN**

**Calle Reçonquista 439**

**Buenos Aires**

**Rep. Argentina**

Este libro se terminó de imprimir
el día 15 de Diciembre de 1953,
en los Tall. Gráf. *Julio Kaufman,*
Corrientes 1976 - Buenos Aires.